אין די אקטן קומען צום אויסדרוק די נאָענטע קאָנטאקטן און צוזאמענ־ארבעט פון די יידן פון דער ראָסאָשער און לאָמאזער קהילות.

די חתונות זענען פארשריבן געוואָרן אין לאָמאזער ציווילן אמט ביי דער אַנוועזנהייט און חתימה פון לאָמאזער רב.

אויך די ניי־געבוירענע קינדער פון שטעטל ראָסאָש זענען פארשריבן געוואָרן אין לאָמאזער ציווילן אמט ביי דער אַנוועזנהייט פון די פאָרשטייער פון דער לאָמאזער קהילה. דאָס איז אויך נוגע די יידן וואָס האָבן געוווינט אין די ארומיקע דערפער פון לאָמאזער סביבה.

עס זענען אויך פאָרגעקומען פיל חתונות פון לאָמאזער תושבים מיט תושבים פון אנדערע שטעט און שטעטלעך. עס איז צו באַהויפטן, אז די אָפטע יארידים אין לאָמאז האָבן געשאפן די באקאנטשאפטן און פארבינדונגען צווישן די לאָמאזער יידישע סוחרים און האנטווערקער, וועלכע פלעגן פארקויפן זייערע סחורות און אויסארבעטונגען אויף די יארידים.

נאָך דער פטירה פון הרב ר׳ יעקב עפשטיין אין יאָר 1828, האָבן אויסגע־פירט די פליכטן פון חתמענען אויף די חתונה־אקטן אַנגעזעענע רעליגיעזע פערזענלעכקייטן אין משך פון 7 יאָר אָן איבעררייס. דאָס זענען געווען געזעל־שאפטלעכע עסקנים פון דער לאָמאזער קהילה, וועלכע האָבן געהאט א גרויסן איינפלוס אויף דער יידישער באפעלקערונג אין לאָמאז. ווארשיינלעך זענען דאָס געווען מלמדים פון דער לאָמאזער ישיבה, וועלכע האָבן באקומען די סמיכה אויף דעם פון דעם ראש הקהילה מיט דער פולער הסכמה פון דער שטאָטישער מאכט.

יוסף גרינבערג האָט געחתמעט 44 אקטן,
לייבל ראפאָפאָרט האָט געחתמעט 12 אקטן,
בערל גאָלדפארב האָט געחתמעט 9 אקטן,
ישראל מייזעלעס האָט געחתמעט 5 אקטן.

אין יענער צייט איז געווען א ישיבה אין לאָמאז און די גרעסערע גרופע מלמדים און בעלפער זענען געווען באשעפטיקט אין דער לאָמאזער ישיבה, אין וועלכער ס׳האָבן זיך געלערנט ישיבה־בחורים פון לאָמאז און פון די ארומיקע שטעטלעך.

הרב ר׳ אליקים געצל נח סאמבערג
אב״ד לאָמאז ואוסטראָוו

נאָך דעם ווי הרב ר׳ יעקב עפשטיין איז נפטר געוואָרן, האָבן אין פארלויף פון 7 יאָר אויסגעפירט די פליכט פון אונטערשרייבן די חתונה־אקטן די לאָמא־זער איינוווינער, ווארשיינלעך מלמדים פון דער ישיבה אין לאָמאז.

ר׳ יוסף גרינבערג האָט אונטערגעשריבן 44 אקטן. לייבל ראפאָפּאָרט האָט אונטערגעשריבן 12 אקטן, בערל גאָלדפארב — 9 אקטן, ר׳ ישראל מייזעלס — 5 אקטן.

פון יאָר 1837 האָט איבערגענומען די רבנות אין לאָמאז הרב נח סאמ־בערג, וועלכער האָט אונטערגעשריבן די חתונה אקטן פון 22.1.1837 ביז דעם 25.8.1863, אין פארלויף פון 26 יאָר.

הרב סאמבערג האָט מחבר געווען 2 ספרים: „אבן הטועים״, וועלכער האָט באקומען די הסמכה פון אב״ד ק״ק בריסק דליטא, הרב ר׳ יעקב מאיר פּאַדווא.

דער צווייטער ספר פון הרב סאמבערג הייסט „מי נח״, וועלכער איז געבראכט געוואָרן צום דרוק אין 1913 אין לובלין דורך דעם זון פון מחבר הרב ר׳ דוד סאמבערג, הרב פון כעלמאָ און דער אייניקל פון מחבר הרב אברהם סאמבערג רב אין ק״ק לובלין.

אין דער הקדמה צום ספר בעטן זיי אנטשולדיקונג פאר דער פארשפעטי־קונג פון ארויסגעבן דעם ספר און טראָץ די גרויסע הוצאות, וועלן זיי זיך אָנשטרענגען און אויך ארויסגעבן דעם ספר „אבן הטועים״. אָבער עס איז לגמרי נישט באקאנט, אז דער ספר איז בכלל געדרוקט געוואָרן און אז דער ספר געפינט זיך אין מאנוסקריפּט.

אויף דעם שער־בלאט פונעם ספר איז פאראן די פאָלגנדיקע אויפשריפט: „פון די יידישע ספרים אין פוילן, וואָס זענען ניצול געוואָרן פון דער פארניכ־טונג אין די אומקום־יאָרן 1939—1945״.

יידישע ביבליאָטעק אין ווארשע ביים צענטראל־קאָמיטעט פון די יידן אין פוילן. פארבאנד פון די יידישע רעליגיעזע קהילות אין פוילן תש״ז—1947.

(לויט די מאטעריאלן פון לובלינער ארכיוו)

די לאָמאזער קהילה פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה

די נאציאָנאל־ציוניסטישע שטרעמונגען, וואָס האָבן אין די ערשטע יאָרן פונעם צוואנציקסטן יאָרהונדערט געהאט שוין פארכאפּט די געמיטער פון די יידישע מאסן, האָבן סוף־כל־סוף דורכגעבראָכן די וואנט פון אינדיפערענטיזם און פּאָליטישער נאציאָנאלער גלייכגילטיקייט, וואָס האָט געהאט אן אָרט אין פוילן און האָט אויך נישט אויסגעמיטן לאָמאז.

די השכלה־באוועגונג, וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט אין רוסלאַנד, האָט מיט־געריסן אויך די יידישע יוגנטלעכע אין לאָמאז. די זאָרג פון דערציען די זין (נישט די טעכטער), האָט תמיד פאַרנומען דעם אויבנאָן ביי די יידישע עלטערן. בעת די פאַרמעגלעכע עלטערן האָבן געשיקט זייערע קינדער אין פּריוואַטע שולן, האָבן מיטן לערנען די אָרעמע קינדער זיך פאַרנומען דער רב, די קהילה־עסקנים און איבערגעגעבענע גבאים, וועלכע האָבן געזען אין דערציען די יידישע קינדער אין רעליגיעזן גייסט, א נאַציאָנאַלע מיסיע און א גרויסע מצוה, איינצופלאַנצן ביי אָרעמע קינדער תורה און דרך־ארץ.

די יידישע, העברעאישע און רוסישע פּרעסע איז פאַרשפּרייט געוואָרן אין שטאָט און איז משפּיע געווען אויפן געדאַנקענגאַנג פון יונגן דור און אויפ־געוועקט אים צו ענדערן דעם קולטורעלן און געזעלשאַפטלעכן לעבן פון די יידן.

די יוגנטלעכע האָבן גענומען פאָדערן ענדערונגען אין דער דערציונג, אריינגעמען אין זייער דערציונג אויך אלגעמיינע בילדונג, ווייל א לאַנגע צייט האָט מען זיך באַנוצט מיט די אלטע מעטאָדן פון לערנען יידישע קינדער.

די לאָמאזער קהילה האָט זיך געראַנגלט מיט די שוועריקייטן פון די גרויסע הוצאות, ווי חודש־געהאַלטן פאַר דעם רב און דיינים. אויסהאַלטן די „הכנסת־אורחים", די שטאָט־באָד, מקוה, בית־עלמין, רעמאָנטירן קהלשע הייזער און אנדערע אויסגאַבן.

אין יאָר 1911, האָט די קרייז־פאַרוואַלטונג אין ביאַלע באַשטימט, אז די לאָמאזער קהילה מיט די יידן פון דער סביבה און באַזונדערס דאָס שטעטל ראָסאָש און די ארומיקע דערפער, זענען פאַרפּליכטעט צו שאַפן 475 רובל אלס אָבליגאַטאָרישע הילף־זאַמלונג פאַר דער לאָמאזער קהילה. עס איז באַשטימט געוואָרן 4 קאַטעגאָריעס:

ערשטע קאַטעגאָריע: 17 מענטשן האָבן געצאָלט צווישן 6—15 רובל.
צווייטע קאַטעגאָריע: 17 מענטשן האָבן געצאָלט צווישן 3—5 רובל.
דריטע קאַטעגאָריע: 26 מענטשן האָבן געצאָלט צווישן 2—1/2 2 רובל.
פערטע קאַטעגאָריע: 290 מענטשן האָבן געצאָלט צווישן 1.2—1.8 רובל.

די רשימה איז באַשטאַנען פון 349 פּרנסים.

ביי דעם שטעמפּל פיגורירן די אונטערשריפטן:

די פאַרוואַלטונג פון דער לאָמאזער קהילה:

נח בערמאַן,

שמחה שווארצבערג,

נח זילבערוואַסער,

הרב ר' יעקב־יוסף באַטשקאָווסקי,

אונטערשריפטן פון 2 שטוב־הויזוווירטינס.
באמערקונג: איבערזעצונג פון רוסישן אָריגינאַל.

אין יאָר 1912 איז פאָרגעקומען א צווייטע געלט־זאמלונג לויטן זעלבן פרינציפ ווי די ערשטע זאמלונג.

ערשטע קאטעגאָריע: 50 מענטשן האָבן געצאָלט צו 3.80 1/2 רובל,
צווייטע קאטעגאָריע: 75 מענטשן האָבן געצאָלט צו 1.90 1/2 רובל,
דריטע קאטעגאָריע: 100 מענטשן האָבן געצאָלט צו 95 1/2 קאָפּיקעס,
פערטע קאטעגאָריע: 100 מענטשן האָבן געצאָלט צו 47 1/2 קאָפּיקעס,
די רשימה איז באשטאנען פון 325 פרנסים.
סך־הכל צונויפגעזאמלט 475 רובל.
ביי דעם שטעמפל די אונטערשריפטן:
די פארוואלטונג פון דער לאָמאזער קהילה:
נח בערמאן,
שמחה שווארצבערג,
הרב יוסף באטשקאָווסקי,
אונטערשריפטן פון 2 הויז־ווירטינס,
אונטערשריפט פונעם וואָיט פון לאָמאז (נישט לעזבאר),
באמערקונג: איבערזעצונג פון רוסישן אָריגינאַל.

שטייער פון דער לאָמאזער קהילה, ביאלע־פּאָדלאסקער קרייז, כעלעמער גובערניע

אין יאָר 1913, איז די געלט־זאמלונג ווידער צעטיילט געוואָרן אויף 4 קאטעגאָריעס:

ערשטע קאטעגאָריע: 53 מענטשן האָבן געצאָלט צו 5.94 קאָפּיקעס,
צווייטע קאטעגאָריע: 69 מענטשן האָבן געצאָלט צו 2.7 קאָפּיקעס,
דריטע קאטעגאָריע: 101 מענטשן האָבן געצאָלט צו 94 קאָפּיקעס,
פערטע קאטעגאָריע: 113 מענטשן האָבן געצאָלט צו 42 קאָפּיקעס.
די רשימה איז באשטאנען פון 315 פרנסים.
סך־הכל צונויפגעזאמלט 475.27 רובל.
ביים שטעמפל די אונטערשריפטן:
די פאָרשטייער פון דער קהילה:
נח בערמאן,
אונטערשריפטן פון 4 הויז־ווירטינס.

דער אונטערשריפט פון דעם וואָיט פון לאָמאז: גאָנטעראָוויטש.
דער אונטערשריפט פון דעם פאַרשטייער פון דער גובערניע (נישט לעזבאר).

הרב ר׳ יעקב־יוסף באטשקאָווסקי

הרב ר׳ יעקב־יוסף באטשקאָווסקי איז געווען דער אָפיציעלער רב אין לאָמאז סוף 19טן יאָרהונדערט, אָנהייב 20סטן יאָרהונדערט.

אין דער אָפיציעלער אויסגאבע אין דער רוסישער שפראך: „פאמיאטנאיא קניזשקאַ סעדלעצקאַי גובערני" פון יאָר 1895 ווערט דערמאָנט, אז די צאָל יידן אין דעם לאָמאזער באזשבאָזשיטשני אָקרוג ציילט 2847 נפשות. און דער מלוכהשער רב פון דער לאָמאזער קהילה איז הרב ר׳ יעקב־יוסף באטשקאָווסקי.

אין א צווייטן מקור — אין די אָפיציעלע אויסגאבן „סעדלעצקאַי גובערני" פון די יאָרן 1907—1910 ווערט אונטערגעשטראכן, אז דער רב פון דער לאָמא־זער קהילה איז הרב ר׳ יעקב־יוסף באטשקאָווסקי.

אין דעם דאָזיקן צייט־אָפשניט האָט די לאָמאזער קהילה רעפּרעזענטירט א גרויסע פעריפעריע פון יידישע שטייער־צאָלער פון לאָמאז, ראָסאָש און בערך נאָך א 15 דערפער, אין וועלכע ס׳האָבן געלעבט יידן.

דאָס באשטעטיקן אויך די רשימות פון דעם קהילה־שטייער אין די יאָרן פארן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה (1911, 1912), וועלכע מיר האָבן באקומען אין אונדזער רשות פון דעם לובלינער מלוכה־ארכיוו.

די שטייער־רשימות פאר יענע יאָרן זענען אונטערגעשריבן געוואָרן פון הרב ר׳ יעקב־יוסף באטשקאָווסקי.

כדאי צו באמערקן, אז די צאָל דערפער אין לאָמאזער געגנט וווּ עס האָבן געוווינט יידן, ווי אויך די צאָל יידן פון די דאָזיקע דערפער, איז געווען פיל גרעסער פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה אין פארגלייך מיט דער קליינער צאָל יידן פאר דער צווייטער וועלט־מלחמה.

אין יענע יאָרן האָט געקענט פארנעמען דעם אמט אלס „קאזיאָנער ראבין" נאָר א רב, וועלכער האָט גוט באהערשט די רוסישע שפראך, היות ווי אין די קאָמפּעטענצן פון א מלוכה־רב איז אויך געווען דאָס פירן די מעטריקאציע־ביכער פון דער קהילה, געבורטן און שטערבלעכקייטן און רעפּרעזענטירן די קהילה ביי די אָפיציעלע מאכט־אָרגאנען און הרב באטשקאָווסקי האָט אנטשפרא־כן די דאָזיקע אייגנשאפטן.

די טעטיקייט פון דער לאָמאזער קהילה אין די יאָרן צווישן ביידע וועלט־מלחמות

די יאָרן צווישן ביידע וועלט־מלחמות, וואָס האָבן כאַראַקטעריזירט א תקופה פון פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן אויפשטייג פון פוילישן יידנטום, האָבן אויך נישט אויסגעמיטן לאָמאז.

די יידיש־געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט אין שטאָט האָט זיך פּאַקטיש קאָנ־צענטרירט ארום 3 צענטערס:

1. די קהילה,
2. די פּאַרטייען און יוגנט־אָרגאַניזאַציעס פון אַלע פּאָליטישע ריכטונגען און קולטור־געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס,
3. דער יידיש־נאַציאָנאַלער דערציונגס־וועזן.

די קהילה איז געווען די צענטראַלע אַקס, ארום וועלכער עס האָט זיך באַוויגן דאָס גאַנצע יידישע לעבן אין לאָמאז: רבנות, שחיטה, סטאַטיסטיק פון געבורט און שטערבלעכקייט, צדקה און שטיצע פאַר אָרעמע לייט, אויסהאַלטן דעם בית־הקברות און אַנדערע אינסטיטוציעס.

לויט איר ראָלע און אויפגאַבן האָט די לאָמאזער קהילה געהאַט אַ איינ־פלוס אויך אויפן עקאָנאָמישן לעבן אין שטאָט. אָבער בעיקר האָבן די קהילה־פּרנסים געזאָרגט צו באַזאָרגן די רעליגיעזע באַדערפענישן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין שטאָט.

אין 1920 האָט די לאָמאזער שטאָט־פאַרוואַלטונג צוגעשטעלט דעם ביאַלע־פּאָדלאַסקער סטאַראָסטע א רשימה פון הייזער, שטאַלן, שפּייכלערס און סטאָ־דאָלעס פון 347 אייגנטימער. צווישן זיי: 202 קריסטן און 145 יידן.

די יידן זענען געווען אייגנטימער פון 150 הייזער און 57 שטאַלן.

די 202 קריסטן זענען געווען אייגנטימער פון 186 הייזער, 57 שטאַלן, 52 סטאָדאָלעס און 20 שפּייכלערס.

דערביי איז נויטיק צו באַמערקן, אַז עס זענען געווען יידישע שפּייכלערס, וועלכע זענען אַריינגערעכנט אין די ראַמען פון זייער הויז און נישט באַזונדער צוגעבויט.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, צום ביישפּיל, אַז 5 יידן זענען אייגנטימער פון 2 הייזער. דאָס גלייכן זענען 4 קריסטן געווען אייגנטימער פון 2 הייזער. עס איז

אונטערגעשטראָכן געוואָרן, אז די הויז־אייגנטימער זענען אויך די בעלי־בתים פון דעם באָדן, אויף וועלכע די הייזער זענען געווען געבויט און ביי די הייזער זענען געווען פארזייט גרויסע גערטנער, וועלכע זענען מיט אייגענע כוחות באארבעט געוואָרן.

לאַנגע טעג און וואָכן האָבן די פרויען באארבעט די גערטנער: באזייטיקט די ווילדגראָזן, וואָס האָבן געשטערט דאָס וואקסן פון די פלאנצונגען.

אין די גערטנער זענען געוואקסן קארטאָפל, מערן, בוריקעס, ציבעלעס, באָבעס און אנדערע גרינסן, און דאָס האָט געהאָלפן דעם קיום פון די משפחות. אין די גערטנער ביי די הייזער זענען אויך געוועןביימער פון פרוכטן: עפל, בארנעס, פלוימען, קארשן.

זומער פלעגט לאָמאז פארפולט ווערן פון ריחות און אראָמאטן פון די בעז־ביימער, ווען זיי האָבן זיך צעבליט אין מאי־חודש און די שטאָט איז פאר־פולט געוואָרן פון דעם צוויט.

אייניקע יידן האָבן אין לאָמאז געהאלטן זייערע סעדער פאר האנדלס־צוועקן און האָבן געהאנדלט מיט זייערע פרוכטן.

אין די 57 שטאלן האָבן לאָמאזער יידן געהאָדעוועט בהמות, און מילך, סמעטענע, קעז און פוטער איז געווען בשפע.

אייניקע נישט פארמעגלעכע יידן האָבן אויך געהאָדעוועט ציגן, כדי די קינדער זאָלן האָבן מילך צו טרינקען. ארום די הייזער אין די הויפן און ביי די שטאלן האָבן זיך געהאדעוועט גענדז, הינער, קאטשקעס. דער ארט־לעבן פון די לאָמאזער יידן איז בדרך־כלל געווען א האלב־פויערישער.

אויף ווינטער האָט מען זיך באזאָרגט מיט קארטאָפל, געזייערט אוגערקעס און קרויט.

דער באָדן איז מערסטנטייל איבערגעגאנגען בירושה פון דור צו דור.

לאָמאז איז געווען א טיפיש יידישע שטאָט, גלייך מיט אנדערע שטעטלעך אין פוילן. דאָס עקאָנאָמישע לעבן איז געווען אָפּהענגיק פון דעם פויער, וואָס פלעגט קומען אין שטאָט איינקויפן זיינע הצטרכותן.

נאָכן איינשטעלן זיך פון דער פוילישער מאכט, איז באנייט געוואָרן דער האנדל און עס האָט זיך אָנגעהויבן סטאביליזירן די עקאָנאָמישע לאגע פון די יידן אין שטאָט, הגם דער רוב פון די לאָמאזער יידן האָבן זיך גענויטיקט אין מאטעריעלע הילף.

ס'איז באנייט געוואָרן די פארבינדונג מיט אמעריקע און פיל יידן האָבן באקומען שטיצע פון זייערע קרובים. אויך די אינטערנאציאָנאלע הילפס־אָרגא־ניזאציעס האָבן געווירקט אין שטאָט, באזונדערס דער „דזשאָינט" און האָבן געגעבן שטיצע די נויטבאדערפטיקע לאָמאזער יידן.

די יידישע קהילה־פארוואלטונג, וואָס איז געווען די צענטראלע אינסטאנץ אין לאָמאז, האָט אָנגעפירט מיט די געזעלשאפטלעכע, קולטורעלע און סאָציאלע ענינים און איז געווען זייער טעטיק. די השפעה פון דער קהילה אויף דער יידישער באפעלקערונג איז געווען א באדייטנדיקע. פיל יידן האָבן יעדן טאָג באזוכט דעם בנין פון דער קהילה, ווו זיי האָבן דערליידיקט זייערע פערזענלעכע אינטערעסן.

די קהילה־פארוואלטונג האָט אויך רעפרעזענטירט די יידישע באפעלקערונג כלפי דער פוילישער מאכט, פון וועלכער זי האָט באקומען פארשיידענע אינסט־רוקציעס. דער קאָנטאקט פון דער קהילה־פארוואלטונג מיט דער פוילישער אָרטי־קער מאכט איז געווען א קעגנזייטיקער.

די קהילה־פארוואלטונג האָט סטאביל זיך גערוואנגלט מיט געלט־דעפיציטן, וואָס איז געווען א פועל־יוצא פון די פיל אויסגאבן. די הוצאות פון דער קהילה האָבן באדייטנד איבערגעשטיגן די הכנסות.

כדי צו דעקן דעם דעפיציט און דערמעגלעכן די נאָרמאלע טעטיקייט פון דער קהילה, האָט די קהילה־פארוואלטונג באשטימט א יערלעכן שטייער, וועלכן די יידישע תושבים אין שטאָט האָבן געדארפט באצאָלן.

דער יערלעכער שטייער אין יאָר 1921 איז צעטיילט געוואָרן אויף 4 קאטע־גאָריעס:

ערשטע קאטעגאָריע: 9 פרנסים דארפן צאָלן 1200 מארק יערלעך,
צווייטע קאטעגאָריע: 29 פרנסים דארפן צאָלן 740 מארק יערלעך,
דריטע קאטעגאָריע: 55 פרנסים דארפן צאָלן 480 מארק יערלעך,
פערטע קאטעגאָריע: 49 פרנסים דארפן צאָלן 240 מארק יערלעך.
צוזאמען: 142 פרנסים 70.420 מארק.
אונטערשריפט אויף פויליש:

1. נח בערמאן, 2. יאָסל ליכטאזש, 3. ש. שווארצבערג.

באמערקונג: אין דער געלט־זאמלונג איז נישט געלונגען צוקאָפּטירן 150 מיטגלידער צוליב זייער שווערן עקאָנאָמישן מצב. די דאָזיקע אָרעמע מענטשן האָבן זיך אליין געניטיקט אין מאטעריעלע הילף און עס איז געווען דרינגלעך נויטיק ארייננצושטעלן אין דעם פאראגראף פון הוצאות אין דעם בודזשעט א וואָגיקע סומע געלט פאר סאָציאלע הילף.

דער פאקס וואָס נישט מער ווי 9 פרנסים זענען געווען צוגערעכנט צו דער ערשטער קאטעגאָריע ווייזט, אז אין לאָמאז זענען געווען בלויז א קליינע צאָל פארמעגלעכע יידן.

אין יאָר 1921 האָט די פארוואלטונג פון דער לאָמאזער קהילה געבעטן דעם

וואָיט פון לאָמאז, אז ער זאָל זיך ווענדן צו די העכערע מאכט־אָרגאנען וועגן באשטימען דעם רב ר׳ יצחק גרינבערג אלס אָפיציעלער רב מטעם דער מלוכה.

הרב יצחק גרינבערג האָט פארנומען דעם אמט אלס רב פון דער לאָמאזער קהילה אין 1906 יאָר, אָבער בלויז אין 1921 יאָר איז ער אָנערקענט געוואָרן אלס רב פון דער לאָמאזער קהילה.

אין 1921 איז פאָרגעקומען די ערשטע פאָלקסציילונג אין דעם אומאָפהענגיקן פוילן. דער שוין דערמאָנטער פוילישער היסטאָריקער באָהדאן וואסיוטינסקי שרייבט, אז אין יאָר 1921 האָט די אלגעמיינע באפעלקערונג אין לאָמאז געציילט 2142 נפשות אין דעם 828 יידן.

אין דער זעלבער סטאטיסטיק ווערט פעסטגעשטעלט, אז יידן האָבן געלעבט אין די ארומיקע דערפער פון לאָמאז:

לאָמאזער קאָלאָניע —	4 יידן
הושטשע —	13 יידן
קאשולאָוו —	6 יידן
דאקודאָוו —	7 יידן
צוזאמען: —	30 יידן

ליסטע נומ׳ 1

רשימה פון קאנדידאטן און פאָרטרעטער צו דער קהילה־פאָרוואַלטונג אין לאָמאז אין יאָר 1931: 1) בערמאן נח, סוחר; 2) ליכטאַזש הערש־יוסף, סוחר; 3) ספּאָקאָיני שלמה, סוחר; 4) שקלאַזש משה, סוחר; 5) פעדערהאר דוד, סוחר; 6) בערמאן ישראל, אויטאָ אייגנטימער. ליבער מתתיהו, גענדזלער זילבערשטיין יעקב, קצב ליקווער גרשון, סוחר; פישלעדער אייזיק, סוחר; קארמאן בערל, סוחר; ניסנבוים חיים־בארוך, בעקער רודזקי ישראל, סוחר; בלושטיין אברהם שוסטער, קאווע לייב, סוחר; לאנדוי בעריש, סוחר.

די אויבן־דערמאָנטע קאנדידאטן צו דער קהילה ווערן פאָרגעלייגט דורך די קהילה־מיטגלידער: שוחט מאָטל, טאָפּאל משה, פרידמאן יוסף, פעדערהאר דוד, לערמאן יוסף, גאָלדבערג יוסף, לערנער דוד, בערמאן מרדכי, פאָלא־סעצקי זימל, לערמאן יעקב, לערנער מאָטל, געלערנטער מענדל, געלבורד יעקב, מילשטיין לייב, קארמאן ש׳חיה, ליקאווער משה, פאטשטארוק שמואל, זילבערוואסער נח.

ליסטע נומ׳ 2

רשימה פון קאנדידאטן און פאָרטרעטער צו דער קהילה־פאָרוואַלטונג אין לאָמאז אין יאָר 1931: ווייסמאן בעריש, פעלדשער לידמאן, נתן שוסטער,

האנדלמאן ברוך, קצב מאנדעל משה-מאיר, סוחר; ספּאָקאָיני דניאל, סטאלער רייז דוד, גארבער מאנדעל ישראל, סוחר; עלבוים משה, שניידער סאראקא, יעקב גלעזער, געזשבמאַכער יהושע, סוחר; מוזשינעק משה, מלמד מאָרגנ-שטערן, שמערל שמידער, פלאָקסבארד נחום, אייל-פאבריק, וויינגארטן זאוול, אייל-פאבריק, בערמאן יעקב, אויטאָ-אייגנטימער, געלבארד יעקב שניידער.

מיר אונטן אונטערגעשריבענע אומפּארטייאישע ווײלער, אונדזער נאָמען איז „אחדות" האָבן באשלאָסן פארלייגן די אויבן-דערמאָנטע קאנדידאטן צו דער פארוואלטונג פון דער קהילה אין לאָמאז:

צוקערמאן יוסף, אלטערמאן שלמה, פּאָלאסעצקי אברהם, שקלאזש משה, ספּאָקאָיני מענדל, ראָזענבלום אברהם, לערנער אליהו, פיעקאזש מ. קאופמאן שמואל, פישלעדער א. וויינשטיין י. שודני זלמן, עפלבוים מ. סוכאוואלסקי אפרים, טענענבוים א. כץ, א. טענענבוים, פ. פינגערמאן, א. בלומענקראנץ י.

פאָרזיצער פון לאָמאזער קהילה: **בערמאן נח.**

מיטגלידער: **ספּאָקאָיני ש., ליכטאזש הערש-יוסף.**

שטעמפל פון דער קהילה
(פון די מאטעריאלן פון לובלינער ארכיוו)

ליסטע נומ׳ 3

רשימה פון קאנדידאטן און פארטרעטער צו דער קהילה-פארוואַלטונג אין לאָמאז אין יאָר 1931: לייזערזאָן דוד, בעקער, אלטערמאן שלמה, סוחר; שטיינ-קריצער לייזער, יידיש לערער, געזשעבמאכער ישעיה, סוחר; פעדערהאר דוד, סוחר; זילבערוואסער אברהם, סוחר; האנדלמאן א. משה, סוחר; ליקאווער גרשון, סוחר; קאווע לייב, סוחר; כץ אהרן, סוחר; וויינגארטן פייבל, אינדוסט-ריעלער; ליבערמאן בערל, סוחר; געלענטער מענדל, סוחר; וואנדערבאום זעליג רימער, וויינשטיין יצחק, סוחר; גאָלדצווייג שחיה, סוחר.

מיר אונטן אונטערגעשריבענע קהילה-מיטגלידער האָבן באשלאָסן פארלייגן די אויבן-דערמאָנטע קאנדידאטן צו דער פאַרוואַלטונג פון דער לאָ-מאזער קהילה, אין נאָמען פון דער אומפארטייאישער פאראייניקונג „גמילת חסדים" צו די וואלן וואָס דארפן פארקומען דעם 20.5.1931:

זימעלמאן שמואל, לעזעראן משה-קלמן, ראבינעוויזאָן משה, רודזקי ישראל, שקלאזש יחיאל, זילבערוואסער אפרים, באבער חיים-ישראל, פּאָלאסעצקי יצחק-אייזיק וויינשטיין אברהם-יוסף, כץ שלמה, ווייסמאן בעריש, עפעלבאום חיים, זילבערוואסער נח, ליקאווער שמואל, גאָרבאזש גרשון, אלטערמאן יצחק, רויזפעלד מאטעס.

ליסטע נומ׳ 4

רשימה פון קאנדידאטן און פארטרעטער צו דער קהילה-פאַרוואַלטונג אין לאָמאז אין יאָר 1931: טאפאל משה-אליהו, פריזירער געלבארד יעקב, שניידער קאופמאן, מרדכי-יוסף סטאלער, שווארצבערג אהרן-יוסף, גארבער עפעלבאום חיים, גארבער, ערליך משה שוסטער, קארמאן בערל איינבינדער, בערמאן מרדכי טעסלער, פינגערמאן אהרן, שניידער רויזפעלד מאטעס, שוס-טער מארגענשטערן שמערל שמידער, קאווע לייבל, גארבער גרינשפאן יהושע, שניידער טענענבאום, אברהם גארבער, ליבער מאטעס געגדזלער, סורשטשיק אנשל שטעפער.

מיר אונטערגעשריבענע קהילה-מיטגלידער האָבן באשלאָסן פארלייגן די אויבן דערמאָנטע קאנדידאטן צו דער פארוואלטונג פון לאָמאזער קהילה:

שווארצבערג יעקב, מילשטיין הערש, בלושטיין אברהם, פאַלאסעצקי שלמה, ניסענבאום ח., שטיינקריצער ישראל, וואנדערבאום, ז. סאראקא יעקב, ליכטאזש הערש-יוסף, לידמאן נ. האנדלמאן אליהו, מילשטיין לייב, טשארני י. סאראקא ח. קאופמאן פ. גאָלדנער, ל. זילבערשטיין ל. ערליך ב. רייז דוד, ערליך ל. עלבוים משה, געווירצער פנחס.

פאָרזיצער פון דער פארוואלטונג: **בערמאן נח.**

מיטגלידער: **ספּאָקאָיני ש. ליכטאזש הערש-יוסף.**

שטעמפל פון דער קהילה

(דאָקומענטן פון לובלינער ארכיוו)

ליסטע נומ׳ 5

רשימה פון די פארשטייער פון דער לאָמאזער קהילה צו דער שטאט-פאַרוואַלטונג פון לאָמאז און אומגעגנט פארן יאָר 1935. 1) הרב גרינבערג יצחק-דב; 2) בערמאן נח, פאָרזיצער פון דער קהילה-פאַרוואַלטונג ארטאדאקסן. מיטגלידער פון פרעזידיום: 3) ספּאָקאָיני שלמה ארטאדאקסן. 4) ליכטאזש הערש-יוסף ארטאדאקס. מיטגלידער פון דער קהילה-פאַרוואַלטונג. 5) רייז דוד ציוניסט. 6) לייזערזאן דוד ארטאדאקס. 7) געלבארד יעקב ציוניסט. 8) האנדלמאן ברוך אומפארטייאיש. 9) מאנדעל משה אומפארטוואיש.

יידישע ישובים וואָס געהערן צו דער לאָמאזער קהילה און סביבה:
1) לאָמאז און סביבה; 2) האשטשא און סביבה; 3) דובאוו און סביבה; 4) ארטעל און סביבה; 5) קאשטשעניעוויטשע.

די צאָל אָנגעהעריקע צו דער לאָמאזער קהילה און סביבה 1411.
די צאָל בתי־קברות אפּענע 1, פארמאכטע נישטאָ.

לאָמאז דעם 18טן אפּריל 1935
ביי דעם שטעמפּל פון דער לאָמאז שטאָט־פארוואלטונג אונטערשריפטן:
וואָיט: קאראל אורינאָוויטש
סעקרעטאר: טאדעאוש פיליפּאוויטש

יצחק ספּאָקאָיני

זכרונות וועגן לאָמאז

פון משה׳קען האָט מען זיך ערשט צעדונגען אין פארשיידענע חדרים, ביז, ביז — מען איז אָנגעקומען ווער אויף א שטעלע — און ווער אין בית המדרש. אוודאי איז די דאָליע פון׳ם בית המדרשניק געווען א גרינגערע. זומער איז מען גאנצענע טעג געלעגן ביים טייך און ווינטער איז מען געזעסן אין בית המדרש ביי די צוויי גרויסע קאכליאָווע אויוונס, וואָס האָבן צעטראָגן אזא מחיה׳דיקע ווארעמקייט אין אלע רמח אברים, אז אפילו דאָס שווערסטע בלאט גמרא איז אָנגעקומען א סך לייכטער, איידער מיט האלב געפרווירענע פינגער איינצו־פעדעמען א נאָדל אין א קאלטער ניי־מאשין. היינט, ווער שמועסט נאָך אז זאנוול ציגעל־מאכער, פלעגט זיך צעווארעמען מיט זיינע וווּנדערלעכע מעשיות, אזש פון דער טערקישער מלחמה, אָדער וועגן דער גרייז־גרויער זעליג שניידער פלעגט דערציילן, ווי קיין שום בר מנן האָט זיך נאָך ניט ארויסגעדרייט פון הינטער זיינע פינגער, האָט טאקע דער בית המדרשניק געוואלדיק הנאה געהאט, וואָס זיין טאַטע־מאמע האָבן אים ניט אָפּגעגעבן אויף קיין אנדער שטעלע, נאָר צו זיצן על התורה ועל העבודה און באזאָרגן סיי פאר זיך און סיי פאר זיין משפחה א פיינע פּאַרציע עולם הבא.

מען וואָלט געקאָנט איבערגעבן א סך קוריאָזע געשיכטעס פון׳ם קונדיס׳שען לעבן פון דער יוגנט, פון די שפּאצירן אין די שמאָלע געסלעך און אויף די שאָסייען אָדער נאָר אין דער צייט פון פריזיוו ווי חברה פלעגן אָפּשפּילן ביי־נאכטיקע סצענקעס; אוועקשטעלן די „מיטה״ לעבן משה פאפעס געוועלב, אָדער דעם קליאָזועט (סיטקע) אין פראָנט פון שאמעלע יואלס שניט־קראָם, באהאלטן די חופּה ערב אַ חתונה. פארשטייט זיך, אז דאָס זיינען אלץ געווען שפּיצלער, וואָס האָבן זיך פארענדיקט מיט איבערגעבן די פריזיווניקעס עטלעכע פעסלעך

ביר, הערינג, ברויט און אסך באניע־קערעלער, כדי צו פארברענגען די לעצטע אָוונטן, איידער מען האָט זיך, קעגן דעם ווילן, איבערגעגעבן צו פּאַניען פאר א סאָלדאט.

לאָמאז אָבער, ווי אלע שטעט און שטעטלעך אין פוילן, האָט נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה דורכגעמאכט א סך ענדערונגען, אזוי צ. ב. האָבן ארום 1926 א גרופּע בעלי־עגלות א קוש געטאָן זייערע קעלניעס פון די וועגענער געזעגנט זיך מיט דער קליאטשע, אוועקגעוואָרפן דאָס בייטשל און פּאָרגע־שטעלט פאר די לאָמאזער וואַיאזשאָרן דעם ערשטן „סאמאָכאָד״ (אָמניבוס). אמת, דער „באָס״ איז ניט געווען קיין נייער, אביסל א פארעלטערטן, וואָס די גרופע האָט אים אָפּגעקויפט אין יאנאוו; דאָס האָט אָבער דערפירט צו א נייער עפּאָכע, און וואָס מער סאמאָכאָדן האָבן זיך נאָכדעם באוויזן אין שטעטל.

ארום 1927, איז לאָמאז באלויכטן געוואָרן מיט עלעקטרע און שפּעטער האָט מען שוין אפילו אָנגעהויבן א פּראָיעקט: פּטור צו ווערן פון די אָסיענער בלאָ־טעס און בראקירן די גאסן. לאָמאז האָט אויך לעצטנס פארמאָגט א פיינע אָרגאניזירטע יוגנט און אָנגעפירט פארשיידענע קולטור־טעטיקייטן. יאָ, די יידישע באפעלקערונג פון אונדזער געבורט־אָרט, האָבן געהאט א גרויסן חלק אינ׳ם גאנצן אויפבוי פון לאָמאז.

געוויס האָט די גרינדונג פון דער „לאָמאזער יאָנג מענס בענעוואָלענט סאָסייעטי״, מיט פערציק יאָר צוריק, אריינגענומען אינ׳ם חשבון פון ארבעט די הילף פאר לאָמאז גופא. ס׳איז געווען א כבוד פאר דער אָרגאניזאציע און א שטאָלץ פאר אלע יידן אין לאָמאז, ווען דער בית המדרש איז באדעקט געוואָרן מיט א נייעם בלעכענעם דאך, א נייע ספר תורה, מצות אויף פסח און אָפּטמאָל אפילו א צעשטייער אויף אן אָרעמער חתונה. עס איז דעריבער א כבוד צום היינטיקן יום טוב צו באגריסן אלע מיטגלידער און א ספּעציעלן יישר־כוח די פּיאָנערן, וואָס האָבן פארטראכט צו גרינדן די סאָסייעטי מיט פערציק יאָר צוריק, — די ברידער: קאָפּל גאָלדשער, מאנדל פאלאסעצקי, ישראל גודמאן, משה סילווערסטיין, חיים וואָלף גראף, ישראל סקלאר, און אלע טוער וואָס גיבן אָפּ זייער צייט אויפצוהאלטן און אויסברייטערן די אָרגאניזאציע.

אייער הערלעכע ארבעט און ברידערלעכע הילף, איז א שטאָלץ פאר אלע לאנדסלייט און משפחות אין אלע מקומות פון דער וועלט.

יצחק בן דניאל

לאָמאז אונדזער געבורט־אָרט

ס׳איז ניט קיין לייכטער ענין צו שרייבן וועגן א געבורט־שטעטל וואָס האָט פאר דער צייט פארלוירן זיין קיום, ממש אָפּגעווישט די האָפענונג אפילו אין דער ווייטער צוקונפט אויפצובויען דאָרט א וועלכן עס איז יידישן ישוב. עס שאדט אָבער ניט אויפצולעבן די דעראינערונגען און פארצייכענען דאָס געבורט־אָרט ווו מיר האָבן פארבראכט אונדזערע ערשטע יוגנט יאָרן און ווו אונדזערע טאטעס, מאמעס, שוועסטער און ברידער, זיינען אזוי גרויזאם אומגעבראכט געוואָרן.

א שטיל באשיידן שטעטעלע איז עס געווען, און כאָטש מיר האָבן פארמאָגט א טייל וואָס מ׳האָט זיי באצייכנט פאר „שטאָט־גבירים״, האָט אָבער דער גרעס־טער טייל געלעבט פון אייגענער פראַצע: שוסטער, שניידער, קירזשנער, גארבער, שטעפער און פעלצנמאכער, טעשליער, סטאָלער, טאָקער, מוליארעס, מאַליארעס, שינדלמאכער, שטריקן־דרייער, שמידן, רימער, טראטשעס, בלעכער און א זייגער־מאכער, בעלי־עגלות, מלמדים, קצבים, בעקער, קרעמער, סוחרים און דאָרפס־גייער.

פארשטייט זיך, אז דאָס שטעטל האָט אויך פארמאָגט: א רב, א קאזיאנעם ראבינער, א רופא, צוויי שוחטים, צוויי שמשים, א פראכטפול געמויערטע שול מיט א ריזיק גרויסן פוליש, א רחבותדיקן בית המדרש, געמויערט פון אייגענע געמאכטע לאָמאזער ציגל, א שוויץ־באָד מיט א כשרע מקוה און א בעדער, וואָס האָט באזאָרגט סיי די פארע און סיי די בעזעמלעך פאר עונג שבת.

ווי אין אלע יידישע ישובים, האָט לאָמאז אויך פארמאָגט אירע חסידים און מתנגדים. די פארצעוועער און ביאלער האָבן געהאט זייער אייגן שטיבל, אזוי אויך די ראדזינער. די קאָצקער, סאָקאָלאָווער און פילעוועער פלעגן זיך צוזא־מענקומען נאָר יום טובים און שבת חודש ביי דוד בעקער, וואָס איז אליין געווען א סאָקאָלאָווער חסיד.

אזוי האָט זיך דאָס שטעטל געלעבט און באזאָרגט סיי זיך סיי די ארומיקע שטעטלעך און דערפער פאר דורות און דורות. דער יידישער ישוב פון ארום זיבעצן הונדערט נפשות, איז געווען קאָנצענטרירט ארום דעם צענטער פון שטאָט־מארק ווו ס׳האָט זיך געפונען א ריזיק גריכיש אָרטאָדאָקסישע צערקווע און אין די הויפט־גאסן ארום דעם צענטער, אזוי אז מיט דער אויסנאם פון איינעם יאראָצקי, א שונא־ישראל, און נאָכדעם ריניעוויטש, האָבן זיך כמעט קיין

קריסטן אינעם צענטער פון שטעטל ניט געפונען. עס וועט אפשר אמאָל זיין אינטערעסאנט צו וויסן: ווער עס האָט איבערגענומען דאָס יידיש האָב און גוטס — און וואָס פאר א ראָל „אונדזערע" יורשים האָבן געשפילט, ווען די היטלער־רוצחים האָבן געשענדעט אונדזער געבורט־אָרט און אומגעבראכט אן עדה הילפלאָזע יידן.

פאר אונדז וועט דער נאָמען לאָמאז זיין אן אייביקער זכר ווי מיר האָבן פארבראכט אונדזערע ערשטע יוגנט־יאָרן און וועט תמיד לויכטן מיט די הער־לעכע פשוטע מענטשן, וואָס האָבן זיך אזוי טיף איינגעקריצט אין אונדזער זכרון.

ווער געדענקט דאָס ניט די באָבע שיינע? — קיין דאָקטאָר האָט נאָך דענסט־מאָל דאָס שטעטל טאקע ניט פארמאָגט, דערפאר האָט גאָט צוגעשיקט אזא שטאָלצע, גוטמוטיקע און הארציקע מאמע, וואָס האָט, דאכט מיר, אויסגע־צערטלט אלע לאָמאזער קינדערלעך. און אז קינדערלעך האָבן זיך געכאָוועט, אָרעם אָדער רייך, ביי משה׳קע מלמד, זיינען אלע געווען גלייך. אייגענטלעך איז בא משה׳קען גאָר קיין חדר ניט געווען, מען וואָלט דאָס מער געקאָנט אָנרופן ווי דאָ א סאָרט „קינדער גארטן", — מאמעס האָבן פשוט אָנגעוואָרפן דאָרטן זייערע קינדערלעך און סיי דער רבי, סיי די רביצן מיטן באהעלפער, האָבן געהאט צו זינגען און צו זאָגן. מען פלעגט אגב דערציילן, אז ניט איינמאָל האָט זיך א מאמע אריינגעכאפט דורכן טאָג אָנזויגן איר עופה׳לע, אזעלכע יונגיטשקע תלמידים־לעך האָט משה׳קע דער דרדיקי־מלמד פארמאָגט.

מענדל בערמאַן

דער אויפשוווּנג פון וועלטלעכן קולטור־לעבן אין לאָמאז

די י. ל. פרץ־ביבליאָטעק

דער שווערער עקאָנאָמישער מצב פון דער יידישער יוגנט אין לאָמאז איז געווען די שטויס־קראַפט צו זוכן לייזונגען און אנטוויקלען א קולטור־טעטיקייט אין שטאָט. דאָס איז געקומען צום אויסדרוק אויף פארשיידענע געביטן און באזונדערס אויפן קולטורעלן געביט, און בעיקר אין ביבליאָטעק־וועזן.

איינע פון די ערשטע שריט איז געווען צו אָרגאניזירן די י. ל. פרץ־ביבליאָטעק, וועלכע איז געווען אזוי נויטיק פאר דער זעלבסבילדונג און באוווסטזיין פון דער ארבעטער־באוועגונג אין לאָמאז.

אין אָנהייב פון יאָר 1929 האָט א גרופע ארבעטער־טוערס צוגעטראָטן צו שאפן די יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק אין לאָמאז אויפן נאָמען פון יצחק־לייביש פרץ. עס איז אויסגעארבעט געוואָרן דער סטאטוט פון 26 פונקטן און צווישן אנדערע זענען פאָרמולירט געוואָרן די צילן און אויפגאבן פון דער ביבליאָטעק.

אין דעם א. ד. סטאטוט לייענען מיר צווישן אנדערן:

— אויפהויבן דעם גייסטיקן און מאָראלישן ניוואָ פון די מיטגלידער, דער־ציען אין גייסט פון חברישקייט און פאראינטערעסירונג מיט דעם קאָלעקטיוון לעבן. צוליב דעם צוועק ווערט געשאפן די ביבליאָטעק און לייענער־זאַל.

...עס וועט איינגעאָרדנט ווערן פאָרלעזונגען און רעפעראטן אויף פּאָליטישע און ליטערארישע טעמעס. איינאָרדענען דיסקוסיע־אָוונטן און אויספלוגן, קאָנ־צערטן און פאמיליע־אָוונטן. אָרגאניזירן דראמאטישע קרייזן, ספּאָרט־קעמערלעך ווי אויך מוזיק־קאָנצערטן.

באזונדערס האָט די פארוואלטונג פון דער י. ל. פרץ־ביבליאָטעק געשטעלט דעם טראָפ אויף אוונט־קורסן פאר ארבעטער, וועלכע קאָנען מיט רעכט באצייכנט ווערן אלס ערשטע עלעמענטארע שול פאר פיל ארבעטער־יוגנט, וועלכע זענען צוליב זייערע שווערע עקאָנאָמישע באדינגונגען פארבליבן כמעט אָן בילדונג. חוץ דעם „חדר" האָבן זיי קיין אנדער לערן־אנשטאלט נישט באזוכט. די דאָזיקע יוגנטלעכע האָבן פון פריסטן עלטער שוין געמוזט גיין לערנען א פאך, כדי צו העלפן די עלטערן צו באשפייזן די פאמיליע, וועלכע איז קיינמאָל נישט געווען באזאָרגט מיט פרנסה.

די אָוונט־קורסן האָבן דערפילט אן ערשטראנגיקע אויפגאבע פון „עפענען די אויגן" די נישט געבילדעטע ארבעטער. ארייננפירן זיי אין אן אנדער וועלט, דערמעגלעכן זיי לייענען און פארשטיין א יידיש בוך און באזונדערס די ווערק

פון אונדזערע קלאסיקער: מענדעלע, י. ל. פרץ, שלום-עליכם, שלום אש, פרץ הירשביין און אנדערע וויכטיקע שרייבער.

חוץ דעם האָט די י. ל. פרץ-ביבליאָטעק געפונען איר באזונדערן אָרט אויך ביי אנדערע שיכטן פון דער לאָמאזער באפעלקערונג.



די משפחה טייטלבוים אין ארגענטינע. זיצן פון לינקס צו רעכטס: דוד טייטלבוים, לייזער טייטלבוים, זיין פרוי לאה. אנטקעגן פון רעכטס צו לינקס: זיסקינד טייטלבוים, די טאָכטער פייגע-רחל, די פרוי — חוה טייטלבוים
לייזער טייטלבוים, זיין פרוי לאה. - טוער. פון פרץ ביבליאטעק

די אינסטאנצן פון דער י. ל. פרץ-ביבליאָטעק זענען געווען אויסגעוויילט דורך א גרעסערע צאָל חברים אויף דער אלגעמיינער פארזאמלונג פון די מיטגלידער פון דער ביבליאָטעק און זיי האָבן באשטימט די אָנפירנדיקע אינסטאנצן.



איבערגעגעבענער פריינד פון יידישן וואָרט און קולטור-טוער.

יצחק טייטלבוים

1. די אלגעמיינע פארזאמלונג,
2. די פארוואלטונג וואָס ווערט אויסגעוויילט דורך א מערהייט שטימען,
3. די רעווידיר־קאָמיסיע.

דעם 27.10.1929 איז פאָרגעקומען די גרינדונגס־פארזאמלונג פון די מיט־גלידער פון דער י. ל. פרץ־ביבליאָטעק אויף וועלכער ס׳האָבן אָנטייל גענומען 40 מיטגלידער.

אויף דער טאָג־אָרדענונג זענען געשטאנען די פאָלגנדיקע פונקטן:

1. אויסוויילן א פארוואלטונג,
2. לעגאליזירן די ביבליאָטעק ביי די פוילישע מאכט־אָרגאנען.

עס זענען איינשטימיק אויסגעוויילט געוואָרן אין דער פארוואלטונג די פאָלגנדיקע חברים:

1. פייגע בלומענקראנץ,
2. בערל בייטלמאן,
3. מענדל בערמאן,
4. איטשע־אייזיק גוטמאכער,
5. דבורה ערליך.

אלע אויבנדערמאָנטע חברים זענען געווען גוט־באקאנטע געזעלשאפט־לעכע קולטור־טוער אין לאָמאז און אויך סימפאטיקער פון דער לינקער ריכ־טונג. עס איז באשלאָסן געוואָרן זיך צו ווענדן צו דעם סטאראָסטע אין ביאלע פאָדלאסקע וועגן לעגאליזירן די ביבליאָטעק, וועלכע האָט זיך דאמאָלסט געפו־נען אין הויז פון בערל בייטלמאן — א טרייער געזעלשאפטלעכער קולטור־עסקן, וועלכער איז געווען געטריי און איבערגעגעבן דער פרץ־ביבליאָטעק.

דעם 9.1.1930 האָט דער נאָטאר פון ביאלע פאָדלאסקע באשטעטיקט די אויסגעוויילטע פארוואלטונג פון דער פרץ־ביבליאָטעק, אָבער דאָס איז נישט געפעלן געוואָרן דעם לאָמאזער פאָליציי־קאָמענדאנט און ער האָט אוועקגע־שיקט א בריוו צו דעם סטאראָסטע אין ביאלע, אין וועלכן ער שרייבט צווישן אנדערן:

...„די פרץ־ביבליאָטעק אין לאָמאז האָט נישט קיין אייגענעם לאָקאל. א טייל ביכער געפינען זיך אין דער וווינונג פון בירגער בערל בייטלמאן און די איבעריקע ביכער געפינען זיך ביי די מיטגלידער און גרינדער פון דער ביבליאָ־טעק. קיינער פון די לאָמאזער איינוווינער איז נישט מסכים צו פארדינגען א לאָקאל פאר דער ביבליאָטעק צוליבן פארדאכט, אז די ביבליאָטעק וועט שעדיקן די יידישע רעליגיע. צוליב דעם איז נישט געוווּנטשן, אז עס זאָל עקזיסטירן די פרץ־ביבליאָטעק אין לאָמאז״...

אין זיין בריוו ווערן נישט דערמאָנט די נעמען פון אייניקע עלטערע יידן־

אַרטאָדאָקסן־פֿאַנאַטיקער, וועלכע האַלטן אַז אַזאַ ביבליאָטעק איז נישט גע־וווּנטשן אין לאָמאַז און אויך צוליב זיכערקייט־טעמים... דעריבער בעט דער לאָמאַזער פּאָליציי־קאָמענדאַנט דעם סטאַראָסטע אין ביאַלע נישט באַשטעטיקן דעם סטאַטוט פֿון דער פּרץ־ביבליאָטעק.

אין סוף פֿון זיין בריוו, שרייבט דער לאָמאַזער פּאָליציי־קאָמענדאַנט:

..."אַלס באַווייז שיק איך אייך 1 בוך צו קאָנטראָלירן, אַ בוך, וואָס ווערט געלייענט אין דער פּרץ־ביבליאָטעק"...

אונטערשריפט:
לאָמאַזער פּאָליציי־קאָמענדאַנט

אָבער נישט קוקנדיק אויף דעם פּראָטעסט־בריוו פֿון לאָמאַזער פּאָליציי־קאָמענדאַנט, האָט דער סטאַראָסטע אין ביאַלע פּאָדלאַסקע געגעבן די דערלויבעניש און די טעטיקייט פֿון דער פּרץ־ביבליאָטעק איז ווייטער פֿאַרגעזעצט געוואָרן...

אין דער י. ל. פּרץ־ביבליאָטעק האָבן זיך געפֿונען לרוב ביכער פֿון די יידישע קלאַסיקער און פֿון אַנדערע פּאָפּולערע אין יענער צייט יידישע שרייבער, וועלכע זענען געווען נאָענט צום האַרצן פֿון דעם יידישן אַרבעטס־מענטש, ווי ה. לייוויק, י. אָפּאַטאָשו, וויַיסבערג, זלמן רייזען און אַנדערע.

די יוגנט האָט נישט אַרויסגעלאָזט דאָס בוך פֿון האַנט אומעטום, ווו זיי זענען געגאַנגען און אומעטום ווו זיי האָבן זיך געפֿונען, צי אין שטוב נאָך דער אַרבעט, אָדער אויף די הינטערשטאָטישע לאָנקעס אויפֿן פֿרייען פֿעלד אויף דער שויס פֿון דער נאַטור. אויך אַנדערע שרייבער, וועלכע זענען איבערגעזעצט געוואָרן אויף יידיש האָט מען געלייענט מיט גרויס אינטערעס.

אָבער נישט בלויז דאָס בוך איז געווען דער קוואַל פֿון גייסטיקער דערנערונג פֿאַר דער לאָמאַזער יוגנט. די יונגע אַרבעטס־מענטשן זענען געווען גיריק צו וויסן דאָס פּריש־צאַפּלדיקע לעבן, וואָס קומט פֿאָר אין יידיש־ליטעראַרישן און קולטור־געזעלשאַפֿטלעכן לעבן בכלל.

די אַלע טאָג־טעגלעכע ידיעות האָט מען געשעפּט פֿון דער טאָג־פּרעסע, פֿון פֿאַרשיידענע יידישע צייטונגען, וועלכע זענען אָנגעקומען אין לאָמאַז און די פּאָפּולערסטע פֿון זיי זענען געווען: "דער היינט", "דער מאָמענט", "די פֿאָלקס־צייטונג", "ליטעראַרישע בלעטער", "די יידישע וועלט" און אַנדערע צייטונגען און צייטשריפֿטן מיט וועלכע ס'איז געווען רייך די יידישע פּרעסע אין פּוילן אין דער צייט צווישן ביידע וועלט־מלחמות.

די יוגנט האָט זיך געריסן צו אַלץ ברייטערע האָריזאָנטן פֿון וויסן, שטרעבנ־

דיק אליין צו זיין אין דער בחינה פון שאפן און דערגרייכן גייסטיקע ווערטן און אלגעמיינעם וויסן.

די י. ל. פרץ־ביבליאָטעק האָט אדורכגעמאכט 2 עטאפן אין משך פון איר עקזיסטענץ:

דער ערשטער עטאַפּ האָט זיך אָנגעהויבן אין די יאָרן 1926/27. אין דער צייט האָט מען אָנגעהויבן צו שטעלן די ערשטע פּיאָנערישע טריט. דעם באשיי־דענעם אָנהייב האָבן געמאכט די פאָלגנדיקע חברים און חברטעס:

יעקב שווארצבערג, די ברידער לייזער און יוסף בלושטיין. פסיה שטראקס, די שוועסטער גיטל און אסתר וויינשטיין, אברהם־לייב וונדערבוים.

די צווייטע איניציאַטיוו־גרופּע און אקטיוויסטן, וואָס האָבן פון דאָס ניי אָרגאניזירט די י. ל. פרץ־ביבליאָטעק אין יאָר 1928 זענען געווען פאָלגנדיקע חברים און חברטעס: מענדל בערמאן, אברהם וויינשטיין, די ברידער לייב און יאָסל עפּלבוים. בן־ציון האנדלמאן, בערל בייטלמאן, איטשע — אייזיק גוטמא־כער, דבורה ערליך, שיע זימעלמאן, וועלוול סרעבניק, וועלוול האָכ־בוים, מענדל און זיין שוועסטער רחל פיעטרושקע, שרה לידמאן, לאה בער־מאן, פסיה דעם טאָקערס, פייגע בלומענקראנץ, משה־אהרן גרינשפאן, די שוועס־טער גיטל און פריידל כץ, יהודה בערמאן, לייבל צוקערמאן, שלמה גאָלדשער, משה טענענבוים, מלכה וונדערבוים, דאבע סרעברניק, יצחק־לייב טענענבוים.

דער צווייטער עטאַפּ האָט כאראקטעריזירט א תקופה פון א גייסטיקער דער־הויבנקייט צווישן דער לאָמאזער יוגנט און די דאָזיקע יוגנט האָט געפונען איר אָרט אין דער י. ל. פרץ־ביבליאָטעק, וואָס האָט אין דעם צווייטן עטאַפּ אויס־געברייטערט איר טעטיקייט.

די געזעלשאפטלעכע עסקנים פון לאָמאז האָבן נישט געלערנט די קונסט פון רעדן, אָבער עס האָט נישט געפעלט אין שטאָט פּאָפּולערע „רעדנער”, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט דער רעדנער־קונסט און אויף זייערע פּאָרלעזונגען אויף פארשיידענע פּאָליטישע אָדער ליטעראַרישע טעמעס האָבן זיי שטענדיק צוגעצויגן א גרויסן עולם אפילו נישט פון די שטענדיקע חברים פון דער ביבליאָ־טעק און בעת די פּאָרלעזונגען האָבן די פרעלעגענטן געהאלטן אין שפּאנונג די צוהערערס.

אזוי האָט די פרץ־ביבליאָטעק געפירט איר געבענטשטע טעטיקייט ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען שווארצע וואָלקנס האָבן באדעקט די פוילישע שטעט און שטעטלעך. דאן איז געקומען דער סוף פון דער גאָלדענער תקופה, וואָס האָט כאראקטעריזירט א בלי־פּעריאָד אין לאָמאז אויפן קולטור־געביט, ביז די שווערע האק פון דעם היטלעריזם האָט אָפּגעהאקט דעם בוים און ארויסגעריסן זיינע וואָרצלען.

די גמילות־חסדים קאסע אין לאָמאז

אין די סוף צוואנציקער יאָרן האָבן זיך אָנגעהויבן ווייזן סימנים פון אן עקאָנאָמישער ירידה אין פוילן, וואָס האָט, פארשטייט זיך אויך נישט אויסגע־מיטן לאָמאז. די קרעדיט־אינסטיטוציעס ארום וועלכע דער מיטלקלאס און די בעלי־מלאכות האָבן געפונען ביי זיי אן אָנהאלט אין אן עת־צרה האָבן זיך א וואקל געטאָן און דאָס האָט אָנגעהויבן ווירקן אויף די מענטשן, וועלכע האָבן געמוזט אָנקומען נעמען א הלוואה כדי צו פארזעצן זייער עקזיסטענץ.

ס'האָט אָנגעהויבן שוועבן פאר די אויגן דאָס געשפענסט פון אן עקאָנאָמישן קריזיס, וועלכער וועט זיכער ארויסווייזן א טענדענץ צו פארשארפן און באשו:ערן די יידן זייערע מקורות פון פרנסה.

דער קריזיס האָט געהאט זיין השפעה קודם־כל אויף די יעניקע אָרעמע האנטווערקער און קליינהענדלער, וועלכע זענען אפילו נישט דערגאנגען צו דער מדרגה פון זיין א מיטגליד אין א קאָאָפעראטיווע קרעדיט־באנק, וועלכע האָט שוין דאן עקזיסטירט כמעט אין יעדן שטאָט און שטעטל אין פוילן. אויך דער אמעריקאנער „דזשאָינט" האָט נישט ווייניק ארויסגעוויזן זיין השפעה און איז געווען אינטעגרירט אין די קרעדיט־קאָאָפעראציע אינסטיטוציעס אין פוילן.

די גמילות־חסדים־קאסע אין לאָמאז איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1926. אין דעם בודזשעט פון דער לאָמאזער קהילה פארן יאָר 1927 איז שוין געווען פלאנירט א סובסידיע פון 500 זלאָטעס אויף דעם צוועק.

די אויפגאבן פון דער גמילות־חסדים־קאסע איז געווען צו ארויסגעבן הלוואות פאר נישט פארמעגלעכע האנטווערקער און קליינהענדלער, כדי זיי דער־מעגלעכן איינצוהאלטן זייערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס: קויפן רוישטאָף כדי צוגרייטן פארטיקע פּראָדוקציע און עס פארקויפן אויף די פעריאָדישע יארידים אין דער לאָמאזער סביבה. צוגרייטן סחורות פאר באשטעלונגען לויט פערזענ־לעכע באשטעלונגען פון די סוחרים און קליינהענדלער.

די בעלי־מלאכות האָבן באדינט די פויערישע באפעלקערונג פון די דער־פער ארום לאָמאז, וועלכע זענען אויך געוואָרן רואינירט צוזאמען מיטן שטאָ־טישן האנטווערקער און קליינהענדלער אין רעזולטאט פון דעם עקאָנאָמישן קריזיס, וואָס האָט שוין געבושעוועט אין פוילן סוף פון די צוואנציקער יאָרן.

די גמילות־חסדים־קאסע אין לאָמאז האָט דערפילט א זייער וויכטיקע אויפגאבע מיטן דערמעגלעכן די יידישע קליינהענדלער און האנטווערקער, וועל־כע האָבן נישט געהאט קיין גרונט־קאפיטאל אויף באזירן זייער פרנסה כדי צו באקומען א מעסיקע הלוואה אָן פּראָצענט און דערמיט דערמעגלעכן צו פאַר־זעצן זייערע פרנסה־קוואלן.

די באזונדערס שווערע עקאָנאָמישע לאגע פון דער יידישער באפעלקערונג אין לאָמאז איז געקומען צום אויסדרוק אין דעם פאָלגנדיקן בריוו, וואָס איז געשיקטע געוואָרן פון דער לייטונג פון דער לאָמאזער גמילות־חסדים־קאסע צו די לאנדסלייט אין אויסלאנד:

„צו די חשובע און הויכגעשעצטע לאָמאזער לאנדסלייט. געוויס איז אייך באקאנט די שרעקלעכע נויט, וואָס עס הערשט אין אונדזער שטעטל לאָמאז. מיר האָבן א גמילות־חסדים־קאסע, וועלכע עקזיסטירט שוין 12 יאָר און וועלכע גיט הילף 90% פון דער יידישער באפעלקערונג פון אלע שיכטן און קלאסן...

...ליידער זענען אָבער די געלט־מיטלען נישט גענוג בכדי צו קענען דער־פילן די אלע ווענדונגען. די קאסע האָט בלויז אן אייגענעם קאפיטאל פון קנאפע 4000 זל. און דערמעגלעכט הלוואות אויף לאנגטערמיניקע קרעדיטן אויף א סומע פון 4800 זל.

אונדזער קאסע אָפערירט מיט בערך **10.000** זל. מזומנים. די קאסע באדינט ביים היינטיקן טאָג קנאפע 200 קליינהענדלער און בעלי־מלאכות און העלפט זיי ארויס צו דערהאלטן זייערע פרנסה־פאָזיציעס און צו קענען ביישטיין דעם קאמף מיט די אלע, וואָס ווילן דאָס יידישע עקאָנאָמישע לעבן רואינירן...

...אָבער דאָס אלץ וואָס מיר קענען ביז איצט טאָן פאר די ליידנדיקע מיט אונדזערע ביז איצט באשיידענע מיטלען איז צו ווייניק צו קענען העלפן דער גרויסער מאסע פאראָרעמטע און ארויסגעשטויסענע לגבי דער צאָל נויטבא־דערפטיקע, ווי אויך לגבי דער הויך פון די הלוואות, וואָס מיר קענען דערוווייל דערטיילן...

...איצט ווענדן מיר זיך צו אייך ברידער און שוועסטער, אז איר זאָלט געדענקען אין דער גרויסקייט פון דער פראָדוקטיווער אינסטיטוציע גמילות־חסדים־קאסע, ווו א גאנץ קיילעכדיקן יאָר געניסט דער אָרעמאן פון דער פראָ־דוקטיווער הילף פון הלוואות...

...אין א צייט פון גרויסע נויט, ווענדן מיר זיך צו אייך מיטן רוף וועגן היילן זיך מיט הילף פאר אונדזערע ברידער, וועלכע זענען צוליבן גרויסן אומגליק וואָס האָט געטראָפן דאָס פוילישע יידנטום, און האָט אויך לאָמאז נישט אויסגעמיטן און די יידן זענען שטארק פאראָרעמט געוואָרן...

...אויך איר, ליבע ברידער, טאָרט נישט שטיין פון דער ווייטנס פון דער דאָזיקער הייליקער ארבעט. אויך אייער נאָמען טאָר נישט פעלן צווישן די נעמען פון די לאנדסלייט, וואָס שטיצן אונטער די גמילות־חסדים־קאסעס...

...מיר אפעלירן צו אייך, חשובע לאָמאזער לאנדסלייט: העלפט אונדז אין אונדזער שווערער ארבעט פון דערפילן אונדזער חוב און דערהאלטן די יידישע פאמיליעס אין אונדזער שטאָט...

...יעדע סומע, וואָס איר וועט שיקן דורך דער פארמיטלונג פון דעפּארטאַמענט פאר לאנדס־לאנדשאפטן ביים „דזשאָינט" אין אמעריקע וועט ווערן פארטאפּלט דורכן „דזשאָינט" מיט א סומע אין דער זעלבער הויך...

...מיר דערוואַרטן פון אייך וואָס גיכער הילף, פאר וועלכער מיר דאנקען פאָרויס און צייכענען זיך"...

מיט גרויס אכטונג

די פארוואלטונג פון דער גמילות־חסדים־קאסע אין לאָמאז

שטעמפּל פון דער גמילות־חסדים־קאסע אין לאָמאז.

אָבער דער עקאָנאָמישער קריזיס האָט זיך נישט געענדיקט מיט די פּאראַרעמטע האנטווערקער און קליינהענדלער. ער האָט זיך געשטאַרקט און איז געוואַקסן מיט א פיל גרעסערן טעמפּאָ ווי מען האָט זיך עס געקענט פאָרשטעלן.

די יאָרן פארן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה אונטער דער פּוילישער ממשלה, זענען געווען יאָרן, ווען דער פּוילישער אנטיסעמיטיזם האָט זיך מיט דער הילף פון אן עקאָנאָמישן באָיקאָט, פארנומען צו צעשטערן דאָס לעבן פון דער יידישער באפעלקערונג אין פּוילן און צווינגען זיי צו עמיגרירן, ווייסנדיק, אז די טויערן פון דער וועלט זענען געשלאָסן פאר די יידן.

עס איז דאָך באקאנט דער אנטיסעמיטישער „זאָג" פון פּוילישן פּרעמיער־מיניסטער גענעראל סקלאַדקאָווסקי, וועלכער האָט אָפן דערקלערט אין פּוילישן סיים, אז די יידן אין פּוילן דארפן ארויסגעיאָגט ווערן פון זייערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס און פּראַקטיש האָט עס באדייט לויט סקלאַדקאָווסקין: „הרגענען יידן, פיזיש זיי אָנגרייפן — דאָס נישט, אָבער עקאָנאָמיש זיי באקעמפן דאָס יאָ"... („אָווּשעם")...

אין אָנבליק פון דער געשאפענער לאַגע אין פּוילן, ווען די יידן אין דעם לאנד האָבן זיך געפילט געטראָפן הן עקאָנאָמיש און הן פּאָליטיש, ווען די עקאָנאָמישע באזע פאר די יידן האָט זיך גענומען צעטרייסלען, האָט די גמילות־חסדים־קאסע אין לאָמאז געשטעלט פאר איר העכסטן ציל נישט דערלאָזן צו א קראך פון דעם יידישן קליינהענדלער און בעל־מלאכה.

דער סטאַראָסטע אין ביאַלע פּאָדלאסקע האָט פאָרעפנטלעכט א רשימה פון וווילטעטיקע גמילות־חסדים קאסעס אין ביאַלער קרייז, וועלכע גיבן הלוואות פאר יידן און צווישן זיי פיגורירט אויך די לאָמאזער גמילות־חסדים קאסע.

די לאָמאזער גמילות־חסדים קאסע איז געווען אָנגעשלאָסן אין דער „צענטראַלער געזעלשאפט פאר פּראָדוקטיוויזאציע" (צ.ק.ב.) פון די יידן אין פּוילן און האָט געהאט יערלעכע הכנסות פון אמעריקאנער „דזשאָינט" אין דער הויך פון 700 זל. פון צ.ק.ב. — 200 זל. מיטגליד־אָפּצאָל און מתנות — 320 זל.

אין דער אַרטיקער פּרעסע איז אויך געקומען צום אויסדרוק די טעטיקייט פון דער לאָמאזער גמילות־חסדים־קאַסע. אזוי צום ביישפּיל, שרייבט די שעדלע־צער וואָכנבלאַט פון יאָר 1932.

...„אין שעדלעץ איז פאָרגעקומען די ראיאָן־קאָנפערענץ מיטן אָנטייל פון 12 שטעט, ווי אויך לאָמאז״...

איר פרוקטבארע ארבעט האָט די לאָמאזער גמילות־חסדים־קאַסע פאָרגע־זעצט אָן איבעררייס אַלע יאָרן ביזן סאַמע אומקום פון דער לאָמאזער קהילה.

באמערקונג: די אָנגאבן זענען געשטיצט אויף די מאַטעריאַלן פון לובלי־נער ארכיוו.

די „קולטור־ליגע״ אין לאָמאז

די „קולטור־ליגע״ אין לאָמאז, ווי וואַרשיינלעך אויך אין פיל אנדערע שטעט און שטעטלעך אין פוילן, האָט פאַראייניקט פאַרשיידענע שאַטירונגען, און כאָטש א געוויסע קאָנקורענץ פאַר איינפלוס און השפעה אין דער „קולטור ליגע״ איז געווען אומפאַרמיידלעך — איז דאָך דער הויפּט־צוועק געווען די יידישע וועלטלעכע קולטור, וועלכע איז דורך קיינעם נישט פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן.

די לאָמאזער „קולטור־ליגע״ איז געווען די צוציונגס־קראַפט, וועלכע האָט געבראַכט צו דער קולטור־ארבעט מענטשן, וועלכע וואָלטן אנדערש קיינמאָל נישט געווען נאָענט צו איר.

אין דער „קולטור־ליגע״ האָבן זיך רעקרוטירט לינקע עלעמענטן, דער רוב פון זיי ארבעטער, וואָס זענען געווען הונגעריק נאָך וויסן און דורשטיק נאָך בילדונג און האָבן געוואָלט געפינען אין דער „קולטור־ליגע״ דעם פּאַסיקן אָרט צו דערגרייכן עלעמענטאַרן וויסן. די „קולטור־ליגע״ אין לאָמאז האָט געפירט א לעבהאַפטע טעטיקייט אויפן געביט פון קולטור און זי האָט באַזונדערס געשטעלט דעם טראָפּ אויף אָוונט־קורסן, וועלכע זענען שטענדיק געווען באַזוכט פון פיל מענטשן און די פרעקווענץ אויף די פאָרלעזונגען איז געווען א הויכע.

בראש פון דער לאָמאזער „קולטור־ליגע״ זענען געשטאַנען א גרופּע באַוווּסטזיניקע יונגע מענטשן פון דער היגער אינטעליגענץ אין שטאָט, וועלכע האָבן מיט דער גאַנצער נשמה זיך איבערגעגעבן דער טעטיקייט פון דער „קולטור־ליגע״.

די איניציאַטיוו־גרופּע און די אקטיוויסטן פון דער „קולטור־ליגע״ זענען געווען פאָלגנדיקע חברים און חברטעס: יעקב שוואַרצבערג, די ברידער לייזער און יוסף בלושטיין, כאַנע ערליך, משה־אליהו טאָפּאַל, לייזער ספּאַקאַיני, מענדל

פעלדמאן, רייזל טענענבוים, פסיה שטראקס, אסתר וויינשטיין, אברהם־לייב ווונדערבוים, יעקב־יוסף פעלדמאן, בערל פישלעדער.

אין לובלינער מלוכה׳שן ארכיוו געפינען מיר א דאָקומענט וועגן דער „קולטור־ליגע״ אין לאָמאז, וועמענס פאָרזיצער איז געווען כאָנע ערליך:

...„אין דער אָרגאַניזאַציע גרופירן זיך יידישע לינקע עלעמענטן, סימפאַ־



א גרופע געזעלשאפטלעכע טוער פון דער „קולטור־ליגע״ אין לאָמאז. פון רעכטס צו לינקס: יוסף בלושטיין, זיין פרוי הדסה, אסתר בלושטיין (וויינשטיין), בלושטיין לייזער

טיקער פון ׳בונד׳. ביי דער ׳קולטור־ליגע׳ איז געווען א ביבליאָטעק. עס איז געפירט געוואָרן א קולטור־טעטיקייט אין ענגער צוזאמענארבעט מיט דעם ׳בונד׳. אין ביאלע פאָדלאסקע, ווו עס זענען געווען אינסטיטוציעס און עס איז געפירט געוואָרן א ברייט־פארצווייגטע פאָליטישע און קולטור־טעטיקייט״.

אין לאָמאז האָט מען דערציילט דער פאָלגנדיקן קוריאָז:

דער פאָליציי־קאָמענדאנט פון לאָמאז מאָשטשיצקי האָט געטראָפן ביינאכט א גרופע יוגנטלעכע, וועלכע זענען געגאנגען אין גאַס.

אז עס גייט א גרופע יוגנטלעכע צוזאמען איז דאָס אים געווען פארדעכטיק. דער קאָמענדאנט האָט זיך אָפּגעשטעלט און געפרעגט די יוגנטלעכע פון וואנען און וווהין זיי גייען?

די יוגנטלעכע ביים אָנבליק פון דעם פאָליציי־קאָמענדאנט האָבן זיך אביסל

דערשראָקן און זענען געוואָרן צוטומלט. אויף דער פראגע פון דעם קאָמענדאנט וווהין זיי גייען, האָבן זיי געענטפערט:

„מיר זענען געווען אין לאָקאל פון ‚בונד׳״. (דער „בונד״ איז געווען לעגאליזירט דורך דער פוילישער מאכט).

דער אויפגערעגטער פאָליציי־קאָמענדאנט הערנדיק דעם וואָרט „בונד״ האָט אָנגעהויבן שרייען און שלאָגן די יידישע יוגנטלעכע. — „ביי מיר אין לאָמאז וועט איר זיך נישט ‚בונטעווען׳ ״...

עס האָט געדויערט א צייט ביז דער פאָליציי־קאָמענדאנט האָט פארשטאנען דעם אונטערשייד פון „בונד״ און „בונט״...

מענדל בערמאן

דער שניידער־פאראיין אין לאָמאז

דאָס איז געווען אין יאָר 1928 אויפן שוועל פון 1929. א גרופע ארבעטער זענען צוגעטראָטן צו שאפן דעם שניידער־פאראיין אין לאָמאז אלס אָפּטיילונג פון דעם צענטראלן באקליידונגס־פאראיין אין ווארשע.

צו דעם צוועק איז גערופן געוואָרן די גרינדונגס־פארזאמלונג פון די שניי־דער־ארבעטער אין לאָמאז און עס איז אויסגעוויילט געוואָרן די פארוואלטונג פונעם פאראיין. די ערשטע, וועלכע זענען געקומען מיט דער איניציאטיוו צו גרינדן דעם שניידער־פאראיין זענען געווען לאָמאזער ארבעטער, וועלכע האָבן געארבעט אין ווארשע און זיי זענען געקומען אויף די ימים־טובים אהיים.

דער אקטיוו איז באשטאנען פון באוווסטזיניקע ארבעטער, וועלכע זענען אויך אין ווארשע געווען אקטיוו געזעלשאפטלעך און האָבן געהאט פראקטיק אין געזעלשאפטלעכער טעטיקייט, און דאָס זענען געווען די חברים: לייב און יוסף עפלבוים, וועלוול סרעבניק, אברהם וויינשטיין, מענדל בערמאן, בן־ציון האנדלמאן, משה־אהרון גרינשפאן, שלמה גאָלדשער, מענדל און רחל פיעט־רושקע, הערש מאנדעל, חיים סרעבניק, חיים קאָרמאן, מענדל פעלדמאן, מלכה ווינדערבוים, גיטל כץ, דאָבע סרעבניק, לייבל צוקערמאן און משה טענענבוים.

אויף דער פארזאמלונג איז באשטעטיקט געוואָרן דער סטאטוט פונעם פאראיין און די מיטגלידער פון דער אויסגעוויילטער פארוואלטונג:

פאָרזיצער: מענדל בערמאן,

סעקרעטאַר: בן־ציון האנדלמאן,

מיטגלידער: שלמה גאָלדשער, משה־אהרון גרינשפאן.

אַט זענען אייניקע פּרטים וויאַזוי עס איז געשאַפן געוואָרן דער פּראָפעסיאָ־נעלער שניידער־פאַראיין אין לאָמאַז:

לייב און יאָסל עפּלבוים האָבן זיך אומגעקערט פון וואַרשע אַהיים, ווו זיי זענען געווען טעטיק אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג און מיט גרויס התלה־בות זענען זיי גלייך צוגעטראָטן צו אָרגאַניזירן דעם שניידער־פאַראיין אין לאָמאַז.

זיי האָבן זיך פאַרשטענדיקט מיט א גרופּע אַקטיוויסטן און זענען גלייך צוגעטראָטן צו אָרגאַניזירן דעם לאָמאַזער שניידער־פאַראיין. שמעון כץ, וועלכער איז געווען א פּראָפעסיאָנעלער טוער אין שניידער־פאַראיין אין ביאַלע פּאָד־לאַסקע איז געקומען קיין לאָמאַז צו העלפן אָרגאַניזירן דעם שניידער־פאַראיין.

דער לאָמאַזער פּאָליציי־קאָמענדאַנט מאָשטשיצקי האָט מיך אַלס פּאָרזי־צער פון פאַראיין גערופן אויף אַן אויספאַרשונג.

ווען איך האָב זיך צוגעשטעלט אין דער באַשטימטער צייט אין דער פּאָליציי־קאָמענדאַנטור, האָט דער קאָמענדאַנט געכאַפּט די ביקס און געצילט אין מיר, וואָרענענדיק, אַז ער וועט מיך שיסן, ווייל אין לאָמאַז וועט ער נישט דערלאָזן צו אָרגאַניזירן זיך פון יידישע אַרבעטער אין שטאָט, און אַז עס איז בכלל נישט נויטיק קיין פאַראיין אין לאָמאַז.

א דערשיטערנדיקער פון אַזא „אויפנאַמע" אין דער פּאָליציי־קאָמענדאַטור, האָב איך פאַרלאָזט דעם בנין, אָבער דער קאָמענדאַנט האָט מיר באַלד געשיקט רופן צו זיך. איך האָב געוויזן דעם קאָמענדאַנט די דערלויבעניש פון דער מאַכט אין ביאַלע, אַז עס איז דערלויבט צו אָרגאַניזירן א שניידער־פאַראיין אין לאָמאַז.

ערשט דאַן האָט דער קאָמענדאַנט דערקלערט, אַז ער וועט שיקן דעם פּאָליציי־פאָרשטייער באַכראַך ער זאָל זיין אָנוועזנד אויף דער גרינדונגס־פאַר־זאַמלונג, אָבער ער האָט גלייך געוואָרנט, אַז מען זאָל זיך אויפפירן לאָיאַל אויף דער פאַרזאַמלונג, נישטריידן קיין פּאָליטיק, נאָר באַהאַנדלען פאַכמענישע ענינים און נישט מער...

דער שניידער־פאַראיין האָט באַשלאָסן צו פּראָקלאַמירן אַן אַלגעמיינעם שטרייק פון די שניידער־אַרבעטער מיט דער פּאָדערונג צו פאַרקירצן דעם אַרבעטס־טאָג פון 12־14 שעה אויף 10 שעה.

כדאי צו באַמערקן, אַז ביזן פּראָקלאַמירן דעם שטרייק האָבן די שניידער־אַרבעטער נישט געאַרבעט לויטן זייגער, נייערט לויט דער זון. דאָס הייסט אַז באַלד ווי עס איז אויפגעגאַנגען די זון און עס איז געוואָרן ליכטיק, האָט מען אָנגעהויבן צו אַרבעטן.

אַזוי האָט זיך דאָס פּראַקטיצירט זינט יאָרן. א צווייטער פּראָבלעם איז געווען,

וואָס א טייל שניידער פלעגן ארויספאָרן אין די דערפער ארבעטן אויף א גאנצע וואָך און נייען פאר די פויערים די באשטעלטע קליידער.

אין דאָרף איז געווען אָנגענומען, אז מען ארבעט פון זון־אויפגאנג ביזן זון אונטערגאנג. די דאָרפישע באפעלקערונג איז געווען דער הויפּט־מקור פון ארבעט פאר די יידישע שניידערס פון לאָמאז.

דער שטרייק האָט זיך פארענדיקט מיט דערפאָלג און די שניידער האָבן פון דאן שוין געארבעט 10 שעה א טאָג.

דאָס האָט סטימולירט אויך די איבעריקע ארבעטער אין שטאָט צו ארבעטן נישט מער ווי 10 שעה א טאָג, לויטן מוסטער פון שניידער־פאראיין.

דער שניידער־פאראיין אין לאָמאז האָט געהאט רעכט לויטן געזעץ צו פּראָקלאמירן דעם שטרייק, אָבער דער שטומער שניידער־מייסטער אברהם גאָלדשער האָט קאטעגאָריש נישט אָנערקענט די דאָזיקע רעכט און דאָס האָט געבראכט צו אן אינצידענט צווישן אים און מיר אלס דעם פאָרזיצער פון פאר־איין און זייענדיק שטארק אויפגערעגט האָט א. גאָלדשער מיר דערלאנגט עטלעכע פייערלעכע פעטש...

די יוגנט האָט געלערנט דאָס פאך דירעקט ביי דער ארבעט און דער פאר־איין האָט געהאָלפן די שניידער־געזעלן וואָס גיכער זיך צו קוואליפיצירן אין דעם פאך, ווייל די עלטערן זענען געווען פאראינטערעסירט, פארשטייט זיך, אז די יוגנטלעכע זאָלן וואָס שנעלער זיך איינשפאנען אין דעם עול פון דער פרנסה פון דער משפחה.

די שניידער־מייסטערס האָבן געהאט א מאָראלישע פארפליכטונג פאר די עלטערן און האָבן דערמעגלעכט צו לערנען דאָס פאך. דער שניידער־פאראיין פון זיין זייט האָט געווירקט אויף די קוואליפיצירטע ארבעטער זיי זאָלן דער־מעגלעכן די שניידער־געזעלן וואָס שנעלער צו באהערשן דאָס פאך.

אין יענער צייט איז געווען א מאסן־דערשיינונג צו פאָרן קיין ווארשע אויף סעזאָן־ארבעט, ווייל דער לוין אין ווארשע איז געווען פיל העכער ווי אין די שטעטלעך. דער שניידער־פאראיין אין לאָמאז האָט אויך געזאָרגט און געווירקט, אז די שניידער זאָלן נישט ברעכן דעם שטרייק און נישט ארבעטן חס ושלום, אין פארשטרייקטע ווארשטאטן און גלייך זיך ווענדן צו דעם פּראָפעסיאָנעלן־פאראיין אין ווארשע וועגן רעגולירן די ארבעטס־באדינגונגען.

דער שניידער־פאראיין אין לאָמאז האָט זיך געפונען אין לאָקאל פון בערל בייטלמאן אויף דער מאלאבזשעסקא־גאס. דער פאראיין האָט אנטוויקלט א ברייט־פארצווייגטע קולטור־ארבעט. דער מאָטאָ איז געווען צו דערגענצן די אלגעמיינע בילדונג פון די ארבעטער: לייענען ביכער, צייטונגען, זשורנאלן. עס זענען איינגעאָרדנט געוואָרן פארשיידענע קולטור־אונטערנעמענונגען, ווי פאר־

לעזונגען אויף ליטעראַרישע און פּאָליטישע טעמעס, דיסקוסיעס, קעסטל־אוונטן, „לעבעדיקע צייטונגען״, וועלכע זענען געווען זייער פּאָפּולער צווישן דער אַרבעטער יוגנט און אויך די „ליטעראַרישע משפטים״ אויף וועלכע ס׳פלעגן אַרויסטרעטן דער באַוווסטזיניקער טייל פון די אַרבעטער אין לאָמאַז.

דאָס איז געווען א צייט, ווען דער פּאָליטישער און ווירטשאַפטלעכער אַנטי־סעמיטיזם אין פּוילן האָט צעבראָכן די עקזיסטענץ פון דער יידישער יוגנט, וועלכע האָט נישט געהאַט קיין שום פּערספּעקטיוון און עקזיסטענץ־מעגלעכקייט און האָט געוואָרפן די יידישע יוגנט אין די אָרעמס פון יאוש און אַפּאַטיע.

אין אָט דער צייט האָט זיך געפאָדערט אַן אַלזייטיקע און ברייט־פאַרצווייגטע קולטורעלע אויפקלערונגס־אַרבעט צווישן דער אַרבעטנדיקער יוגנט און דאָס האָט אין א געוויסער מאָס אויסגעפילט דער לאָמאַזער שניידער־פאַראיין.

יאָרן זענען פאַרלאָפן, דער עקאָנאָמישער מצב פון די יידישע אַרבעטער האָט זיך באַדייטנדיק פאַרערגערט. עס איז געווען א קאַמף פאַר העכערן די אַרבעטס־לוינען פון די שניידער־אַרבעטער. עס האָט אויך באַאומרואיקט די אַרבעטסלאָזיקייט און די אַרבעטער יוגנט האָט געזוכט אַן אויסגאַנג.

א טייל פון דעם אַקטיוו פון דעם שניידער־פאַראיין האָט געזוכט אַן אויסגאַנג אין זייער שווערער לאַגע און האָבן עמיגרירט קיין אויסלאַנד. א טייל פון דעם אַקטיוו איז אַוועקגעפאָרן קיין וואַרשע אין דער גרויסער שטאָט, ווו מען האָט זיך געקענט בעסער איינאָרדענען. און דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז דער לאָמאַזער שניידער־פאַראיין האָט פאַרענדיקט זיין אינטענסיווע טעטיקייט.

די גרינדער און די אַקטיווע טוער פונעם לאָמאַזער שניידער־פאַראיין האָבן אַריינגעשריבן א הערלעך קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג אין לאָמאַז.

א לאָמאַזער — דער יינגסטער ראַטמאַן אין ביאַלער שטאָטראַט

אין יאָר 1927 זענען פאָרגעקומען וואַלן צו דעם ביאַלער שטאָטראַט און שלמה עפּעלבוים — א לאָמאַזער איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס ערשטער קאַנדידאַט פון דער ראַדיקאַלער ליסטע Samopomoc Chlopska פון אַרבעטער און פּויערים אין ביאַלער קרייזשטאָט.

לויט דער ערשטער פאָלקסציילונג אין פּוילן וואָס איז פאָרגעקומען אין יאָר 1921, האָט די ביאַלער באַפעלקערונג געציילט 13.000 איינוווינער, צווישן זיי

6874 יידן. דאָס הייסט, אז די יידן אין ביאלע פּאָדלאסקע האָבן אין יאָר 1921 געבילדעט א מערהייט.

אין די ערשטע יאָרן פון פוילנס אומאָפּהענגיקייט האָט זיך ביאלע גוט אנטוויקלט און צו דעם האָבן בייגעשטייערט די יידן, וועלכע האָבן געהאט א גרויסע השפעה אין שטאָט.

אין יאָר 1927, ווען עס זענען פאָרגעקומען די וואלן צום ביאלער שטאָטראט, איז שוין פוילן ארומגעכאפט געוואָרן פון א שווערן עקאָנאָמישן קריזיס, וואָס האָט שטארק געטראָפן די ארבעטער פון דער שטאָט און די פויערים אין דאָרף. אָבער די יידן האָבן געליטן מער ווי אנדערע, היות ווי זיי זענען סיסטעמאטיש ארויסגעשטויסן געוואָרן פון זייערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס.

חוץ דעם האָבן די יידן געליטן פון כוליגאנישע אָנפאלן פון די עקסטרעם־רעכטע קריסטלעכע גרופּירונגען. מיטן דערנענטערן זיך פון דעם וואל־טאָג האָט זיך אָנגעהויבן א סדרה פון וואל־מיטינגען. די אטמאָספערע אין ביאלע איז געווען א הייסע און באזונדערס אָן אָנגעגליטע. שלמה האָט פון דער שטאָטי־שער טריבונע גערופן, געמאָנט, און געפאָדערט א סוף צו מאכן צו די כוליגא־נישע אָנפאלן.



שלמה עפּלבוים, זיין פרוי זלאטע, די טאָכטער מרים און דער זון דוד

אין זיינע רעדעס האָט שלמה אויסגעדריקט דעם ווייטיק און צאָרן פון די געליטענע יידן און קריסטן. אלע יידישע גרופּירונגען, באַזונדערס די אַרבעטער־גרופּירונגען האָבן געשטרעבט צו א יידיש־פּוילישער צוזאַמענאַרבעט און צו א געאייניקטן פראָנט.

דאָס איז געווען א גוט־אויסגעפּרוּווטער אַגיטאַציע־מיטל קעגן דער רע־אַקציאָנערער אַנטיסעמיטישער יידן־פּאָליטיק פון דער פּוילישער רעגירונג. ס׳זע־נען געווען נישט ווייניק פאַלן, ווען פּאָליאַקן און אוקראַינער האָבן פּיזיש פּאַרטיי־דיקט די יידן קעגן די כוליגאַנישע אָנפאַלן אויף זיי.

שלמה איז געווען באַקאַנט אין ביאַלע אַלס פעאיקער אָרגאַניזאַטאָר און די מענטשן פון ביאַלע און פון לאָמאַז האָבן מיט גרויס אינטערעס נאָכגעפאָלגט זיין פּאָליטישע טעטיקייט און שטאָלצירט מיט דעם יונגן געזעלשאַפטלעכן אַרבעטער־טוער און ראַטמאַן, וועלכער באַשיצט דרייסט און מיט כבוד די אינטע־רעסן פון די אַרבעטער און פויערים אין ביאַלער שטאָטראַט...

שלמה האָט גוט געקענט דאָס לעבן אין ביאַלע פּאָדלאַסקע, ווו ער האָט געאַרבעט אַלס סטאָלער און צוזאַמען מיטן יונגערן ברודער משה האָבן זיי געפירט א ברייט־פאַרצווייגטע טעטיקייט אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג אין ביאַלע.

דאָס האָט אים געשאַפן א סך סימפּאַטיקער און פריינד הן ביי יידן און הן ביי קריסטן. די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג האָט זיך פאַרנומען בעיקר מיט אַן עקאָנאָמישער טעטיקייט, וואָס האָט געהאַט דעם ציל צו פאַרבעסערן די לוינען פון די אַרבעטער און פויערים און אויך פאַרבעסערן זייערע אַרבעטס־באַדינ־גונגען.

משה האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין אָרגאַניזאַטאָרישער פעאיקייט. ער האָט גערופן צו חברישער סאָלידאַריטעט און זעלבסטהילף. ער איז אויך געווען פון די באַדייטנדיקע אַרבעטער טוער, וואָס האָט געפירט א קולטור־פּאָליטישע טעטיקייט אין די ראַמען פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג, טראָץ די כל־מיני שיקאַנעס און רעפּרעסיעס מצד דער פּוילישער מאַכט קעגן די אַקטיוויסטן.

באַזונדערס איז געווען פּרוכטבאַר זיין צוזאַמענאַרבעט מיט רבקה גאָלד־האַבער (פּאָלאָסעצקי) — זיין פעאיקע און רייכע אין וויסן קוזינקע, וועלכע האָט געאַרבעט ביי איר פאָטער די מלאכה איינבינדעריי.

ס׳איז כמעט נישט געווען קיין בוך, וואָס איז נישט אַדורך אירע הענט און זי האָט זייער פיל געלייענט. דאָס זעלבע אויך דער פעטער שלמה און זיינע קינדער יעקב, יצחק און אליהו.

די שטוב פון מאָטל פּאָלאָסעצקי האָט אויך געדינט אַלס ביבליאָטעק. אין

משך פון פיל יאָרן איז געווען א פרוכטבארע צוזאמענארבעט צווישן שלמה׳ן און מאָטל פּאָלאָסעצקי, וועלכער איז געווען דער איינציקער צווישן די 6 ברידער פון אונדזער מוטער, וועלכער האָט געפונען א געמיינזאמע שפראך מיט באַ־וווסטזיניקע טוער און איז אויך געווען בקי אין פארשיידענע געזעלשאפט־לעכע פּראָבלעמען. ער איז אויך געווען טעטיק אויפן געביט פון פארשפרייטן די יידישע וועלטלעכע ליטעראטור.

מאָטל פּאָלאָסעצקי און זיינע זין אליהו, ישעיה און דוד זענען אויך געווען איינבינדער פון פאך און אין זייער שטוב איז אויך געווען א ביבליאָטעק.

מיט ביידע משפחות זענען שלמה און משה געווען זייער נאָענט און זיי האָבן די גאנצע צייט אָנגעהאלטן משפחה־קאָנטאקטן.

שלמה האָט אויך גוט געקענט דאָס לעבן פון די פויערים אין דאָרף, ווייל ער האָט מיט זיין ברודער משה געארבעט צוזאמען סטאָלעריי אין די דערפער. ער האָט גוט געקענט די פסיכאָלאָגיע פון די פויערים, זייערע שטרעבונגען און נאָך מער זייער שווערן און ביטערן לעבן אין דאָרף.

אין דער צייט, ווען אונדזער משפחה האָט געוווינט אין דאָרף דאקודאָוו, האָט שלמה זיך געחברט מיט דאָרפישע איינוווינער און האָט זיך דערוואָרבן פיל חברים און פריינד.

שלמה האָט נאָך פון זיינע קינדעריאָרן געשטרעבט צו וויסן, צו בילדונג און זיין גייסטיקע וועלט האָט זיך אויסגעפורעמט אין זיינע יוגנט־יאָרן. אָבער נישט ווייניק שטרויכלונגען האָט ער געהאט אין זיין דערנער־וועג, וואָס האָט אים פארשאפט פיל לײדן און שטרויכלונגען.

דער ערשטער צוזאמענשטויס איז געווען אין שטוב. דער פאָטער, א רעלי־גיעזער ייד איז געווען ביי דער מיינונג, אז אזא פעאיקער און באוווסטזיניקער זון ווי שלמה דארף זיין רעכטע האנט און פארוואָס טאקע נישט פארנעמען זיך מיט מסחר און ווייזן אויך דעם וועג פאר די יונגערע קינדער...

שלמה איז אָבער געווען ביי דער מיינונג, אז ווער עס איז פעאיק דארף זיך לערנען א פאך און נישט פארנעמען זיך מיט מסחר... איז פארשטענדלעך, אז האָבנדיק אזא צוגאנג — האָט ער אָנגעהויבן זיך לערנען סטאָלעריי און דעם פאך האָט ער שוין געלערנט מיט א געוויסער פארשפעטיקונג, וואָס האָט אים פארשאפט אומצופרידנקייט.

ביי די יינגערע ברידער זענען שוין נישט געווען די אַ שווריקייטן, ווייל שלמה האָט שוין פאר זיי אויסגעטראָטן א וועג... א וויכטיקערביישטייער צו זיין פיזי־שער און גייסטיקער אנטוויקלונג איז געווען דאָס מיליטער־דינסט אין דער פוילי־שער ארמיי אין אומאָפּהענגיקן פוילן.

ער האָט געדינט אין א מיליטער־טייל אין דער גרויסער שטאָט לעמבערג.

ער איז געווען א הויכוווקסיקער, פיזיש גוט-אנטוויקלטער מיט א שיינעם אויסזען. דאָס מיליטער-דינסט האָט ער אויפגענומען ערנסט, ער האָט געוואָלט מיליטעריש זיך גוט אויסשולן, דעריבער איז ער געווען א גוט אויסגעשולטער זעלנער און האָט אפילו געהאט דעם ראנג פון א קאפראל — א מיליטערישע ראנג וואָס פיל יידישע זעלנער האָבן דאָס נישט זוכה געווען.

שלמה האָט גוט באהערשט די פוילישע שפראך און דינענדיק אין מיליטער האָט ער דערגענצט די אלגעמיינע בילדונג הן אין וואָרט און הן אין שריפט, ווייל די גאנצע צייט האָט ער זיך געריסן צום וויסן און ער האָט געוואָלט פאר-פאָלקאמען זיין בילדונג.

אין לעמבערג — אין דער גרויסער שטאָט פון א גרויסער מערבדיקער קולטור, און א גרויסער וויכטיקער קולטור-צענטער, האָט ער זיך קאָנטאקטירט מיט פארשיידענע מענטשן, וועלכע האָבן ווי ער איינגעזאפט אין זיך די וועלט-לעכע יידישע און פוילישע קולטור-ווערטן.

נאָכן פארענדיקן זיין מיליטער-דינסט איז שלמה געקומען פון לעמבערג ווי א גרויסשטאָטישער מענטש. ער האָט געקראָגן א נייע נשמה און ער האָט געווירקט אויף אלעמען מיט זיין לויטערן פראקטישן שכל און ווארעם הארץ.

שלמה האָט אָבער געפילט, אז ער קומט א חוב דער יידישער קולטור. ער איז גרייט געווען אלעמאָל און אומעטום צו טאָן און זיין נוציק פאר די ארבעטער-קרייזן. ער איז געווען א מוסטער פון א באוווסטזיניקן מענטש, וואָס האָט זייער פיל געלייסטעט פארן כלל, אָפט פארנאכלעסיקנדיק זיך אליין...

דאָס שטעטל לאָמאז איז פאר אים שוין געווען צו קליין און צו ענג. דער קאָנטראסט מיט דער רעליגיעזער אטמאָספערע וואָס האָט געהערשט אין שטוב איז געוואָרן גרעסער ווי פריער אין זיינע קינדעריאָרן און ער האָט געוואָלט זיך באפרייען פון דעם היימישן קלעם.

אין 1928 האָט ער חתונה געהאט מיט זיין חברטע זלאטע טוכשער, א מיידל פון יאנאָווע און זיי האָבן ביידע עמיגרירט קיין ארגענטינע. דאָ אויף דער פרעמ-דער ערד האָבן זיי זיך באזעצט אין דער גרויסער שטאָט בוענאָס-איירעס, וואָס איז געווען א גרויסער יידישער קולטור-צענטער און ווו עס האָט געשפרודלט מיט אן אַקטיווער יידישער געזעלשאפטלעכער טעטיקייט פון פיל יידישע קולטור-אינסטיטוציעס. דאָ, אין בוענאָס-איירעס האָט ער זיך ארייגעוואָרפן מיט זיין גאנצער ענערגיע אין געזעלשאפטלעכער טעטיקייט.

דורכמאכנדיק זיין קורצן לעבנסוועג דורך לאָמאז, דעם דאָרף דאָקודאָוו, ביאלע פאָדלאסקע ,האָט ער אויך אין בוענאָס-איירעס אנטוויקלט א פילזייטיקע געבענטשטע געזעלשאפטלעכע טעטיקייט. גאָר גיך איז ער געוואָרן אן אקטיווער

טוער אין דעם סינדיקאט פון די האָלץ־ארבעטער, געווען א מיטגרינדער פון דער קראנקן־קאסע און איז געווען אקטיוו אין פארשיידענע אנדערע געזעלשאפט־לעכע אינסטיטוציעס.

ביים סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז ער געווען צווישן די גרינ־דערס פון דער פעדעראציע פון די לאנדסמאנשאפטן אין ארגענטינע, וועלכע האָבן אנטוויקלט א ברייט־פארצווייגטע טעטיקייט אויפן ארגענטינער באָדן.

די צווייטע וועלט־מלחמה האָט חרוב געמאכט טויזנטער יידישע קהילות און צוזאמען מיט זיי זענען אויסגעקוילעט געוואָרן די יידן. בלויז א קליינע צאָל יידן האָבן זיך געראטעוועט. ווער עס איז געקומען פון וואלד, ווער פון דער פארטי־זאנקע, ווער ס׳האָט זיך געראטעוועט אויף דער ארישער זייט, אויסבאהאלטנדיק זיך אין א באהעלטעניש און די וועלכע האָבן זיך געראטעוועט פון די טויט־לאגערן.

די דאָזיקע מענטשן האָבן זיך געגויטיקט אין מאטעריעלער הילף און דער מאָראלישער חוב פון די לאנדסמאנשאפטן איז געווען צו העלפן דער שארית־הפליטה מיט אלץ וואָס עס איז נאָר געווען מעגלעך.

אין דער גרויסער שטאָט בוענאָס־איירעס האָט ער נישט פארגעסן זיין געבורטס־שטעטל און די מענטשן פון לאָמאז. באזונדערס איז ער געווען נאָענט צו דער לאָמאזער משפחה לייזער און לאה טייטלבוים.

שלמה אלס געזעלשאפטלעכער אקטיווער טוער האָט געשפילט אן אָנפירנ־דיקע ראָל ביים זאמלען הילף פאר דער שארית־הפליטה אין פוילן און באזונ־דערס פאר די לאָמאזער יידן. ער האָט אויך אנטוויקלט א מאסן־קאָמפאניע פאר מאטעריעלע און גייסטיקע הילף פאר מדינת ישראל. באזונדערס איז געווען אָנגעזען זיין אָנטייל אין דער אנטוויקלונג אויפן געביט פונעם יידישן שולוועזן און טעאטער־קונסט.

נאָך א שווערע קרענק איז שלמה געשטאָרבן אין עלטער פון 55 יאָר. ער האָט איבערגעלאָזט אין טרויער א טאָכטער מרים און א זון דוד, וועלכע וווינען מיט זייערע משפחות אין ארגענטינע.

און אָט וואָס עס האָט געשריבן די יידישע צייטונג „טריבונע״ פון יאנואר 1956 וועגן דער פערזענלעכקייט פון שלמה עפעלבוים:

א טרער אויפן קבר פון א הארציקן טייערן חבר

...„אן אויסערגעוויינלעכער טיפער ווייטיק און ליידיק פלאָץ האָט געלאָזט אין אונדזערע רייען דער פריצייטיקער טויט פון חבר שלמה עפעלבוים. דער גרויסער אומגליק וואָס האָט געטראָפן דער פאמיליע עפעלבוים, האָט איינגע־הילט אין טרויער הונדערטער און הונדערטער חברים, וואָס האָבן געקענט דעם

דינאמישן חבר שלמה עפעלבוים, ווען פארלוסט עס איז נאָך ווי געהעריק נישט אָפגעשאצט געוואָרן.

שלמה עפעלבוים איז געווען טעטיק אין צענטראלע אינסטיטוציעס. שטענדיק מוטיק, פול מיט אָפטימיזם, זענען די זיצונגען און פלענומס אָנגעפירט געוואָרן פון אים. ער איז געווען פראָדוקטיוו און אינהאלטספול.

דער חבר עפעלבוים איז געקומען פון אן ארבעטער היים. ער איז געווען מיט פיל פאָלקסטימלעכקייט, שטענדיק זיך באנוצט מיט א יידישן גלייכווערטל און וויץ, וואָס איז שטענדיק געווען אויף זיינע ליפן...

דער חבר עפעלבוים איז געווען ווי א שמעקענדיקע בלום, וואָס פארשפרייט אירע שמעקעוודיקע ריחות אויך אויף אלע אנדערע.

אָט אזא בלום איז פון אונדזער מענטשלעכן גאָרטן אזוי יונג ארויסגעריסן געוואָרן"...

די טראגעדיע פון שפאלטונגען

דאָס האָט פאסירט אין יאָר 1928. איך בין געווען ביי די עלטערן. דאָס לעבן אין לאָמאז איז געפלאָסן אָן באזונדערע אויפטרייסלונגען.

איינעם אן אינדערפרי גיי איך ארויס פון שטוב און כ'האָב באמערקט, אז מיין פאָטער שטייט אין א זייט און האלט אין דער האנט די יידישע טאָג-צייטונג „עקספרעס", וואָס איז געווען זייער פאָפולער ביי די יידן אין פוילן און טרערן האָבן געראנען פון זיינע אויגן. איך האָב גלייך פארשטאנען, אז עפעס האָט פאסירט אין דער משפחה. איך בין אויפגעטרייסלט געוואָרן זעענדיק דעם פאָטער אין אזא מצב...

ווען איך האָב זיך דערנענטערט צו אים, האָט ער מיט ציטערנדיקע הענט מיר גלייך דערלאנגט די צייטונג און דערציילט, אז דאָרט שרייבט זיך, אז משה עפלבוים איז שווער פארוווּנדעט געוואָרן אין סטאָלער-ווארשטאט אויף סמאָ-טשע גאס נר' 30 אין ווארשע.

די סיבה איז געווען, וואָס א טייל פון די ארבעטער, וועלכע האָבן געהערט צום סטאָלער-פאראיין אין ווארשע, און משה איז געווען דער פאָר-שטייער און סעקרעטאר, האָבן פראָקלאמירט א שטרייק און דער צווייטער טייל ארבעטער, וואָס האָבן אָנגעהערט צו אן אנדערן פאראיין האָבן באָיקאָטירט דעם שטרייק און זענען צו אים נישט צוגעשטאנען מיט דער צושטימונג און וויסן פון זייער פאראיין.

משה, צוזאמען מיט זיין נאָענטן חבר און אקטיווער טוער פון האָלץ-פאר-איין יאָסל ליכטנשטיין (שפעטער אקטיווער טוער און העלדישער קעמפער אין

דעם אויפשטאנד פון ביאליסטאָקער געטאָ) זענען געקומען אין פארשטרייקטן ווארשטאַט זיך באמיען אויפקלערן און איבערצייגן די ארבעטער צו סאָלידא־ריזירן זיך מיט די שטרייקנדיקע ארבעטער. אָבער די ארבעטער, וואָס האָבן אָנגעהערט צום אנדערן פאראיין זענען געווען קאטעגאָריש קעגן צו איבער־רייסן די ארבעט.

בעתן שארפן ויכוח צווישןביידע צדדים, האָט זיך די אטמאָספער שטארק אָנגעגליט. אין דעם מאָמענט האָט איינער פון די ארבעטער זיך דערנענטערט צו יוסף ליכטשטיין, האלטנדיק א שטיק אייזן אין דער האנט און איז געווען גרייט צו דערלאנגען אים א קלאפ מיטן אייזן.

משה האָט דאָס באמערקט. ער האָט באלד אָנגעכאפט די האנט פון דעם אָנגרייפער כדי צו באשיצן זיין חבר. א צווייטער ארבעטער האָט אויסגענוצט דעם מאָמענט, איז צוגעלאָפן צו משה׳ן פון הינטן און האָט אים געשטאָכן מיט א שארפן לאנגן שטאם־אייזן גלייך אין האלדז.

משה איז געפאלן א שווער פארוואונדעטער אויף דער ערד. ס׳איז געוואָרן א טומל און אין א שטערבלעכן צושטאנד האָט מען אים גלייך אָפגעפירט אין שפיטאָל. לויט דעם דיאגנאָז פון די דאָקטוירים איז די אָפעראציע געווען אזוי קאָמפליצירט, אז ס׳איז נישט געווען קיין אנדער ברירה און אָפפירן דעם פאר־וואונדעטן קראנקן משה קיין ווין.

די חברים פון פאראיין, דערשיטערט פון דעם פאָרפאל, האָבן צונויפגע־זאמלט די נויטיקע סומע געלט כדי צו ראטעווען משה׳ן פאר יעדן פרייז. די אָפעראציע אין ווינער שפיטאָל איז געלונגען און משה האָט זיך צוריקגעקערט אין שפיטאָל אין ווארשע כדי צו פאָרזעצן דאָרט די היילונג. אין ווארשעווער שפיטאָל האָט ער זיך געפונען א לענגערע צייט אויף קוראציע און דער מעדי־צינישער פערסאָנאל פון שפיטאָל האָט אלץ געטאָן כדי אים אויסהיילן וואָס גיכער פון דער שווערער וווּנד.

איך האָב אים עטלעכע מאָל באזוכט אין שפיטאָל. ער איז געווען פעסי־מיסטיש געשטימט און ער האָט נישט געגלויבט, אז זיין געזונט־צושטאנד וועט זיין ווי אמאָל...

איך האָב אים געטרייסט און געמוטיקט, אז ער וועט באזיגן די קרענק און ער וועט זיך נאָך אומקערן צו זיין נאָרמאלער טעטיקייט, ווייל ער איז געווען פיזיש און גייסטיק שטארק און אזוי איז עס טאקע געווען:

אמת, באפרייענדיק זיך פון שפיטאָל האָט ער א געוויסע צייט נישט געקענט האלטן דעם קאָפּ גלייך. ער האָט כמעט פארלוירן דעם גלייכגעוויכט, אָבער ער האָט באזיגט די קרענק און נאָך א געוויסער צייט איז ער שוין צוגעטראַטן צו זיין נאָרמאלער טעטיקייט.

דאָס איז געווען איינער פון א סך טראַגישע פאַלן אלס רעזולטאַט פון שפּאַלטונגען אין די רייען פון דער פּראָפעסיאָנעלער אַרבעטער־באַוועגונג אין באַזונדערע פּאַרטייאישע פאַראיינען אין דער זעלבער בראַנזשע.

דאָס האָט געבראַכט פיל שאָדן דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג. אויך די פאַרשיידענע פּאַרטייען אויף דער יידישער גאַס האָבן נישט אויסגעמיטן שפּאַל־טונגען אין זייערע רייען.

האַרט פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען די היטלע־ריסטישע געפאַר האָט אָנגעהויבן באַדראָען די יידן אין פּוילן, האָט זיך אָנגע־הויבן א פּראָצעס פון א דערנענטערונג און פאַראייניקונג פון דער פּראָפעסיאָ־נעלער באַוועגונג.

נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָב איך זיך געטראָפן מיט דעם געווע־זענעם פירער פון סטאָלער־פאַראיין. ער האָט אויסגעדריקט זיין חרטה און האָט טיף באַדויערט וואָס ער האָט גורם געווען פיל ליידן אן אומשולדיקן חבר און ער האָט דערקלערט, אז ווען משה וואָלט געבליבן לעבן, וואָלט ער געזוכט אַלע וועגן כדי זיך צו באַגעגענען מיט אים און זיך אַנטשולדיקן פאַר זיין אומטאַק־טישן שריט...

מיר ביידע האָבן קריטיקירט די שפּאַלטונגען און דעם אומזיסטן ברודער־האַס, וואָס האָט געהאַט אן אויסדרוק פון פיזישע געוואַלד־אַקטן קעגן אייגענע חברים פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג.

לאָמאַז אין שפּיגל פון דער פּרעסע

אָנפאַלן אויף יידן אין לאָמאַז

„אין שטעטל לאָמאַז, 17 ק״מ פון ביאַלע פּאָדלאַסקע זענען פאַריקן שבת־צו־נאַכטס אָנגעפאַלן שקצים פון „גרינעם בענדל״ אויף די דאָרטיקע יידן. אויס־געהאַקט 3 שויבן און צעשלאָגן די פאָלגנדיקע יידן:

אשר פעדערהאַר,

שרה אַלטערמאַן,

אהרן־לייב כץ,

העניע, דוד און שלמה פּאָלאָסעצקי.

אין שטעטל זענען פאַראַן 2 פּאָליציאַנטן און זיי האָבן נישט געקאָנט קיין עצה געבן מיט די כוליגאַנעס.

פון די אָנפאַלער איז קיינער נישט אַרעסטירט געוואָרן; דאָס שטעטל לאָמאַז לעבט אין גרויס שרעק״...

„פּאָדלאַסיער לעבן״, נאָוועמבער 1932

פארמשפט די אַנטיילנעמער אין די עקסצעסן אויף יידן אין ראַסאַש

„פאַריקן שבת, דעם 29סטן פאַריקן חודש איז אין היגן קרייז־געריכט פאַרגע־קומען דער פראָצעס קעגן די אַנגעקלאָגטע אין ארויסרופן עקסצעסן קעגן יידן אין שטעטל ראַסאַש דעם 23סטן סעפטעמבער 1932.

אויף דער באשולדיקונגס־באנק זענען געזעסן 9 אַנגעקלאָגטע אין עלטער פון 20־30 יאָר. אלס פארטיידיקער פון די אַנגעקלאגטע איז ארויסגעטראטן אדוואָקאט אַקוליא.

מצד דער פארטיידיקונג זענען אויסגעהערט געוואָרן 23 עדות קריסטן און מצד דער באשולדיקונג 4 עדות יידן.

דאָס געריכט האָט ארויסגעטראָגן אן אורטייל לויט וועלכן 2 אַנגעקלאָגטע האָבן באקומען צו 2 חדשים און די איבעריקע צו 6 און 4 וואָכן ארעסט".

„פאַדלאַסיער לעבן", נר' 17, 1933

וואָס איז פאָרגעקומען אין לאָמאז?

„דעם צווייטן טאָג שבועות האָט פלוצלינג זיך באוויזן אין ביאלע א פור מיט יידן. עס פארשטייט זיך, אז דאָס באווייזן זיך אום יום־טוב פון א פור, אויף וועלכער עס זענען געזעסן יידן מיט בערד, האָט ארויסגערופן נישט קיין קליינע סענסאציע.

באלד אָבער איז מען געוואויר געוואָרן, אז דאָס איז געקומען א דעלעגאציע פון דער לאָמאזער קהילה צום היגן סטאראָסטע בעטן אים, אז ער זאָל באשיצן די דאָרטיקע יידן קעגן אנטיסעמיטישע אַנפאלן.

לויט ווי די לאָמאזער יידן האָבן איבערגעבן, זענען דאָרט א גרופע כולי־גאנעס אַנגעפאלן אויף יידן און גענומען זיי שלאָגן. א טייל האָבן אריינגע־וואָרפן שטיינער אין דעם בית־המדרש און דערמיט ארויסגערופן א גרויסע פאניק.

די כוליגאנעס האָבן אויך צעשלאָגן א קריסטלעך מיידל, וועלכע זיי האָבן אַנגענומען פאר א יידישע.

קיין לאָמאז איז תיכף ארויסגעפאָרן דער פאָוויאטאָווער פאָליציי־קאָמענ־דאנט, וועלכער האָט פארפירט אן אויספאָרשונג וועגן די געשעענישן.

אין רעזולטאט פון דער אויספאָרשונג זענען ארעסטירט געוואָרן 6 פערזאָן, וועלכע זענען געבראכט געוואָרן קיין ביאלע".

„פאַדלאַסיער לעבן", מאי 1934

אין ביאלע זענען 3 כוליגאנעס באפרייט געוואָרן

„דינסטאָג דעם 22סטן איז די ביאלער פּאָליציי ווידער אלארמירט געוואָרן וועגן אן אָנפאל אין לאָמאז א באנדע כוליגאנעס האָבן זיך אָנגעשיכורט און אָנגעהויבן מאכן אוואנטורעס צווישן די יידן. דער אָרטיקער פּאָליציי־קאָמענדאנט האָט אויפגעפאָדערט די כוליגאנעס, אז זיי זאָלן זיך פאנאנדערגיין, אָבער אַנשטאָט פאנאנדערגיין זיך, האָט איינער פון די כוליגאנעס געוואָרפן א שטיין אין דעם קאָמענדאנט פון דער פּאָליציי, וועלכער האָט אים געטראָפן אין קאָפּ און אים שווער פארוווּנדערט.

דער קאָמענדאנט האָט דאן ארויסגעצויגן דעם רעוואָלווער און 2 מאָל אויסגעשאָסן, פארוווּנדעדיק 2 פערזאָן פון די אָנפאלער. עס איז תיכף אלארמירט געוואָרן די ביאלער פּאָליציי און ס׳זענען ארויסגעפאָרן 2 טאקסוווקעס מיט פּאָליציי מיטן קאָמענדאנט בראש. די פּאָליציי פירט אן אויספארשונג און פירט דורך ארעסטן״.

„פּאָדלאסיער לעבן״, מאי 1934

געשאפן א פ.א.נ. קאָמיטעט

(„פונדוש אָבראָני נאראָדאָוועי״)

דער פארטרויאונגס מאן פון „פונדוש אָבראָני נאראָדאָוועי״ אויף לאָמאז, פרוי אננא קאָבילאנסקא האָט דעם שבת גערופן א פארזאמלונג, בעת וועלכער ס׳איז געשאפן געוואָרן א פ.א.נ. קאָמיטעט.

צווישן דער יידישער באפעלקערונג ווערט די אקציע געפירט דורכן סאָלטיס ה׳ יחיאל וויינשטיין.

משה שקלאזש

לאָמאזער קארעספאנדענט

„ביאלער וואָכנבלאט״, 1936

די צווייטע וועלט־מלחמה

לאָמאַז אין אָנהייב פון דער מלחמה

דעם ערשטן טאָג פון דער פויליש־דייטשער מלחמה, וואָס איז אויסגעבראָכן דעם 1טן סעפּטעמבער 1939 האָט אָנגעזאָגט וועגן דער נאַציִשער עקספּאַנסיע אויף פּוילן. שוין אין דעם ערשטן טאָג פונעם קריג האָבן דייטשע עראָפּלאַנען באָמבאַרדירט און צעשטערט פּוילישע שטעט און שטעטלעך און וויכטיקסטע קאָמוניקאַציע־מיטלען און די צענטראַלע באַן־קנופּן. דאָרט, אין יענע שטעט און שטעטלעך האָבן געלעבט דער רוב יידן פון פּוילן.

אין די ערשטע מלחמה־טעג, האָבן אַ מחנה יידישע פּליטים זיך אַ לאָז געטאָן פון די מערב־געביטן קיין מזרח. עס זענען געלאָפן יחידים און אויך גאַנצע משפּחות. זיי זענען געלאָפן אין פּאַנישן שרעק פון זייערע היימען, איבערלאָזנדיק אַלץ אויף הפקר. פיל יידישע שטעט און שטעטלעך פון מזרח־פּוילן זענען אָנגעפּילט געוואָרן פון אַ ריזיקער מחנה פון פּליטים, הונגעריקע מענטשן, דאַכלאָזע און הילפסלאָזע.

די פּליטים האָבן דערציילט, אַז אין פּוילן הערשט אַ גרויסער כאַאָס און די פּאַניק און דער חורבן איז זייער גרויס. אין די סעפּטעמבער מלחמה־טעג פון יאָר 1939 האָט אַ גרויסער מענטשן־שטראָם פון יידן און זעלנער פון דער פּוילישער אַרמיי, וועלכע זענען אַנטלאָפן פון די דייטשן האָבן געדאַרפט אַדורכגיין לאָמאַז, וואָס האָט זיך געפונען 40 קילאָמעטער פון בריסק און איז געווען נאָענט צו דער רוסישער גרענעץ.

אין לאָמאַז זענען נישט געווען קיין מיליטערישע אָביעקטן און מ'האָט געמיינט, אַז די דייטשן וועלן אונדזער שטעטל נישט באָמבאַרדירן. די אָנגעקומענע פּליטים זענען אין לאָמאַז אויפגענומען געוואָרן מיט אָפענע אָרעמס. דער בעקער לייזערזאָן האָט געבאַקן פרישע ברויט און בולקעס און האָט זיי פּאַרטיילט אומזיסט פאַר די פּוילישע זעלנער און פּליטים.

דער קבלת־פּנים איז געווען אַ וואַרעמער. די לאָמאַזער איינוווינער האָבן זיך געטיילט מיט די פּליטים מיט עסן און באַזאָרגט מיט ערטער איבערצונעכטיקן. ביי אונדז אין שטוב זענען געשלאָפן אַ סך פּליטים, וועלכע האָבן געפונען אַ געלעגער און רו נאָכן לאַנגן איסמאַטערנדיקן וועג.

אין דעם דאָזיקן מענטשן־שטראָם איז אויך געווען נאָדעלמאַן — דער באַרימ־

טער הומאָריסט פון דער וואַרשעווער טאָג־צייטונג „עקספרעס״, וועלכער האָט זיך באַרימט געמאַכט אין פוילן מיט זיינע באַרימטע טיפּזיניקע און בייסנדיקע פעליעטאָנען. עס האָט זיך אויך געפונען אין לאָמאַז כץ — דער פאַרטרעטער פון רעדאַקטאָר פון דער טאָג־צייטונג „מאָמענט״ אין וואַרשע און נאָך אַנדערע באַרימטע יידישע פערזענלעכקייטן.

ווען איך האָב זיך געטראָפן מיט א צייט שפּעטער מיט נאָדעלמאַנען, האָט ער מיר געזאָגט, אז ער איז פול מיט התפעלות און טיפער אָנערקענונג פאַר די גוטהאַרציקע יידן פון לאָמאַז, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער ווארעמן הכנסת־אורחים.

די יידישע פליטים האָבן געבראַכט די ביטערע נייעס וועגן פאַרויסמאַרש פון דער דייטשער אַרמיי און וועגן די רדיפות אויף יידן און גרויזאַמע טעראָר־אַקטן, וואָס די דייטשן האָבן אויסגעפירט איבער יידן. די לופט אין פוילן איז געווען אָנגעפולט מיט טויט.

צו די גאָר פאַרשפּרייטע מעטאָדן פון פייניקן יידן דורך די דייטשן איז געווען שערן בערד און פאות ביי פרומע יידן. מאַכן מיט זיי „גימנאַסטיק״, צווינגען זיי טאַנצן און שפּרינגען איינער איבערן צווייטן, שלאָגן און פאַטשן איינע די אַנדערע, רייטן איינער אויפן צווייטן. מ׳פלעגט אויך איינשפּאַנען יידן אין וועגענער, וועלכע זענען געווען אָנגעפולט מיט אָנגערויבטן יידישן האָב און גוטס און די יידן זענען געווען געצוווּנגען זיי צו שלעפּן אין די סקלאַדן, ווו די דייטשן האָבן געהאַלטן דעם אָנגערויבטן יידישן גוטס.

די דייטשע סאַדיסטן האָבן אויך געצוווּנגען די יידן צו טאַנצן אַרום שייטער־הויפנס, ווו די דייטשן האָבן פאַרברענט יידישע ספרים און ספרי־תורות פּונקט ווי אַמאָל אין שפּאַניע אין מיטלאַלטער און נאָך פאַרשיידענע אַנדערע נגישות.

דעם 17.9.1939 איז איבערגעגעבן געוואָרן דורכן ראַדיאָ, אז די רויטע אַרמיי איז אַריבער די פּויליש־רוסישע גרענעץ און פאַרנעמט די געביטן פון מערב־ווייסרוסלאַנד און מערב־אוקראַינע און זי דערנענטערט זיך צו די מערב־געביטן פון פוילן.

אין לאָמאַז האָט זיך געשאַפן א סיטואַציע, וואָס די אַלטע פּוילישע אַדמיניסטראַציע האָט שוין נישט פונקציאָנירט. די פּוילישע פּאָליציי איז אַנטלאָפן און די שטאָט איז פאַקטיש געבליבן אויף הפקר.

עס האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז פאַרשיידענע אַנטיסעמיטישע עלעמענטן נוצן אויס די געשאַפענע לאַגע און מאַכן אָנפאַלן אויף יידן און רויבן דאָס יידישע האָב און גוטס.

א גרופּע לאָמאַזער אַרבעטס־מענטשן, קולטור־טוער האָבן זיך אָרגאַניזירט

צו שאפן א זעלבשוץ פון יידן און קריסטן כדי צו באשיצן די שטאָט פון כוליגא־נישע עלעמענטן און פון רויב־אָנפאלן.

אין שטאָט האָט זיך געשאפן א צייטווייליקע פארוואלטונג פון יידן און קריסטן און א דעלעגאציע פון דער צייטווייליקער פארוואלטונג האָט זיך געט־ראָפן מיטן גייסטלעכן פון דער לאָמאזער קירך און אים געבעטן, אז ער זאָל אויסניצן זיין איינפלוס און ווארענען די כוליגאנעס, אז זיי זאָלן קיינעם פון די לאָמאזער בירגער קיין שלעכטס נישט טאָן. עס האנדלט זיך וועגן דער זיכער־קייט פון יידן און קריסטן צוזאמען.

זונטיק האָט דער קאטוילישער גייסטלעכער פון לאָמאז געהאלטן א בארואי־קונגס־רעדע אין קלויסטער פאר די גלויביקע קריסטן און ער האָט געוואָרנט די אומפאראָנטוואָרטלעכע עלעמענטן זיי זאָלן זיך אָפהאלטן פון ברוטאלע מעשים קעגן דער לאָמאזער באפעלקערונג און ווירקלעך: אין משך פון 10 טעג פון דער טעטיקייט פון דער זעלבשוץ איז נישט פאָרגעקומען קיין טעראָר־אקטן קעגן יידן און קעגן קריסטן.

די מענטשן פון דעם פרייוויליקן קאָמיטעט האָבן אויסגעפירט זייערע פליכטן אויפן בעסטן אופן נישט האָבנדיק קיין פערזענלעכע מאטעריעלע נוצן. די לאגע האָט אזוי אָנגעהאלטן ביז עס זענען דערגאנגען קלאנגען, אז ביאלע און לאָמאז וועלן אין דער נאָענטסטער צייט איבערגיין צו די דייטשן און אז די סאָוועטישע ארמיי ציט זיך צוריק ביז דעם טייך בוג.

די דאָזיקע נייעס האָט ארייגעבראכט א גרויסע אומרואיקייט און גרויסן טרויער צווישן דער יידישער באפעלקערונג אין לאָמאז. ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דער צוג ביאלע־פאָדלאסקע־בריסק וועט א געוויסע צייט קורסירן נאָרמאל און ווער עס וויל פאָרן קיין בריסק און מיטנעמען אפילו א געוויסן אינווענטאר מיט זיך קען עס אויסניצן, ווייל דאָס איז דערלויבט פון דער אייזנבאן־אדמיניסטראציע.

עס איז אויך געווען א מעגלעכקייט צו פאָרן מיט אויטאָס אויפן שאָסיי קיין בריסק און דער וואָס האָט אויך געהאט א מעגלעכקייט האָט געקענט פירן דעם באגאזש אויף פורן און מיטנעמען אויך דעם לעבעדיקן אינווענטאר: פערד, בהמות, די דאָזיקע געלעגנהייט האָבן אויסגענוצט פיל מענטשן — יידן און אויך קריסטן.

א טייל פון דער לאָמאזער יוגנט האָבן דעצידירט צו עוואקואירן זיך קיין בריסק און לעבן אונטער דער סאָוועטישער מאכט. איך האָב פאָרגעלייגט מיינע עלטערן, אז מיר זאָלן צוזאמען פאָרן קיין בריסק און זיי האָבן מסכים געווען.

איך האָב שוין געמאכט די פראקטישע צוגרייטונגען צו פאָרן קיין בריסק

מיט מיינע עלטערן. איך האָב אפילו אויסגעגראָבן דעם קאסטן מיט זאכן, וואָס איז געווען באגראָבן אין דער ערד.

צומאָרגנס ווי געווייינלעך, איז דער טאטע אוועק אין שול, דאווענען. אין שול האָבן די יידן באשלאָסן, אז מען בלייבט אין לאָמאז און מ׳פאָרט נישט קיין בריסק. א יאָמערלעכער געוויין האָט זיך געהערט פון דער פרויען־שול. די עלטערע מענטשן האָבן זיך געשלאָגן מיט דער דעה: יאָ פאָרן — נישט פאָרן...

דער באשלוס פון מיינע עלטערן איז געווען נישט צו פאָרן. דאָס איז געווען א רעזולטאט פונעם אינערלעכן געראנגל ביי די עלטערע מענטשן. עס איז נישט געווען קיין לייכטע דעציזיע צו בלייבן ביי די דייטשן. יעדער איינער האָט גוט געוווסט וואָס פארא צרות זיי וועלן אויסשטיין פון די דייטשן און קיינער האָט נישט געהאט קיין ספקות וואָס עס דערוואַרט זיי צו לעבן אונטער דער דייטשער אָקופאציע. אָבער נישט קוקנדיק אויף דעם האָט כמעט דער גאנצער עלטערער דור אין לאָמאז באשלאָסן צו בלייבן...

דער טאטע איז געקומען פון שול א פארוויינטער. מיט טרערן אין די אויגן האָט ער דערקלערט, אז ער מיט דער מאמען בלייבן אין לאָמאז און ער האָט צוגעגעבן: אין מיין עלטער (ער איז דאמאָלט אלט געווען 65 יאָר) וועל איך נישט פאָרן אין א לאנד ווו מען היט נישט קיין כשרות. איך וועל מיט דער מאמען אויף די עלטערע יאָרן נישט פאָרן זיך וואלגערן אויף פרעמדע געלעגערס...

די עלטערן זענען אָבער נישט געווען קעגן, אז די קינדער, ספעציעל די זין זאָלן פארן קיין רוסלאנד. גייענדיק אויף דער גאס, האָט מיך אָפגעשטעלט דער לאָמאזער רב הרב ר׳ יצחק־דב גרינבערג און ער האָט מיט מיר געפירט א ביז גאָר פריינדלעכן שמועס. דער רב האָט מיר דערציילט, אז ער וועט זיך עוואקו־אירן צו זיין עלטערער טאָכטער, וועלכע וווינט אין שטעטל סלאוויטיטש.

הרב גרינבערג האָט פאר קיין שום פאל נישט געטאָרט פארבלייבן אונטער דער דייטשער אָקופאציע און לעבן אונטער א נאצישן רעזשים. עס איז געווען באקאנט די אכזריותדיקע באציונג פון די דייטשן צו די רבנים און די נאצישע ברוטאלע מעשים, וואָס זיי טוען אָן די רבנים.

עטלעכע יידישע פאמיליעס האָבן געדונגען 2 קריסטלעכע פורן און זענען אוועקגעפאָרן קיין בריסק. פאר די קריסטלעכע פורמאנעס איז געווען דערליי־דיקט א ספעציעלע דערלויבעניש פון דער בריסקער שטאָטישער סאָוועטישער מאכט, וואָס באוואָרנט זייער זיכערן צוריקוועג. די קריסטלעכע פורמאנעס האָבן פארשטענדלעך באקומען גוט באצאָלט און גרייטנדיק זיך אין וועג, האָבן זיי באזאָרגט די פערד מיט פוראזש.

ווען דער בירגערלעכער קאָמיטעט אין לאָמאז, וואָס איז געווען בארופן צו אָפהיטן דעם שלום־בית מיט דער קריסטלעכער באפעלקערונג וואָלט דאן

באצייטנס נישט אנטשטאנען, וואָלט דאן געווען א רעאלע געפאר, אז נישט מאָראלישע עלעמענטן וואָלטן געשאפן זייער קאָמיטעט, וועלכער וואָלט אין יענע נישט זיכערע טעג געהאט נעגאטיווע פאָלגן פאר דער לאָמאזער יידישער באפעלקערונג.

אין יענע טעג האָב איך פארלאָזט לאָמאז. איך האָב זיך הארציק געזעגנט מיטן טאטן און ער האָט זייער א גערירטער מיך געבענטשט א ברכת־הדרך און מיט טרערן אין די אויגן געדריקט שטארק מיינע הענט און געווונטשן, אז מיר זאָלן בשלום אָנקומען דאָרט וואהין מיר פאָרן און דער עיקר: מיר זאָלן זיך זען אין פרידן נאָך דער מלחמה. איך האָב זיך געזעגנט מיט אלעמען אין שטוב. אין א טיף־גערירטער האָב איך פארלאָזט די שטוב.

די מאמע האָט מיך באגלייט ביז דעם ביאלער שאָסיי. די געזעגענונג מיט די עלטערן, מיט די שטוביקע, די הארצרייסנדיקע געוויינען פון אלעמען בעתן שיידן זיך, האָט זיך גוט איינגעקריצט אין מיין זכרון און יענע מינוטן פון שיידן זיך מיט מיינע טייערסטע באגלייטן מיר מיין גאנצן לעבן, איך וועל עס קיינמאָל נישט פארגעסן...

פון ביאלע פאָדלאסקע בין איך אָפגעפאָרן קיין בריסק מיט דער באן. אין בריסק בין איך געווען עטלעכע טעג און איך האָב זיך דאָרט געטראָפן מיט מיין יינגערן ברודער בערל וואָס איז נאָך פריער אוועק פון לאָמאז.

בריסק איז געווען איבערפולט פון מענטשן און באזונדערס פון פליטים. היות ווי דער טייך בוג איז געווען דער גרענעץ, איז דער וואָס האָט מצליח געווען זיך אריבערשיפן אין הארבסט דעם בוג און אין ווינטער אדורכגיין דעם אייז איז גלייך אָנגעקומען אין בריסק.

יעדן טאָג זענען קיין בריסק צוגעקומען אלץ נייע פליטים. איך בין אוועק פון בריסק קיין ביאליסטאָק און אויפן וואָקזאל האָב איך זיך צופעליק געטראָפן מיט מיין ברודער משה. די פרייד פון אונדזער פלוצלינגדיקער באגעגעניש, וואָס איז געווען פאר אונדז ביידן אזוי אומגעריכט איז געווען גרויס, ווייל משה איז אדורך דעם געפערלעכן וועג פון דער אָקופירטער ווארשע דירעקט קיין ביאליסטאָק.

אין ביאליסטאָק האָט משה געפונען א שטוב ווו מיר ביידע האָבן געוווינט צוזאמען. איך האָב אביסל געארבעט ביי מיין פאָך. איך האָב אין יענער צייט פארביטן אן ארבעטער, וואָס איז ארויס האנדלען אויפן מארק און ווען ער איז צוריקגעקומען בין איך פארבליבן אָן ארבעט.

אויך ביאליסטאָק אזוי ווי בריסק איז געווען איבערפולט פון מענטשן און פון פיל טויזנטער יידישע פליטים. דאָס לעבן פון א פליט איז געווען זייער שווער. עס האָבן זיך אָנגעהויבן די קאלטע טעג און רעגנדיקע הארבסט־טעג באגלייט

מיט גוס־רעגנס. די שטימונג ביי אלעמען איז געווען א גאנץ שווערע, קיינער האָט נישט געוווסט וואָס דער מאָרגן וועט אים ברענגען. אין שטאָט האָבן זיך ארומגעדרייט פיל ארבעטסלאָזע.

אין יענער צייט איז קיין ביאַליסטאָק געקומען א פאָרשטייער פון א גרויסער בוי־אונטערנעמונג פון טאשקענט און ער האָט ווערבירט ארבעטער צו זיין בוי־אונטערנעמונג. איך האָב באשלאָסן זיך פארשרייבן אויף ארבעט קיין טאשקענט צוליב צוויי סיבות: ערשטנס איז אין טאשקענט ווארעם און די שטאָט טאשקענט איז געווען באקאנט אין דער ליטעראטור ווי אלס „שטאָט פון ברויט", האָב איך געהאָפט אז דאָרט וועל איך נישט זיין קיין הונגעריקער. דאָס זענען געווען 2 גוטע לאָקנדיקע זאכן פאר א פליט, ספּעציעל אין יענער צייט.

פון לאָמאז זענען אוועק קיין ראטנפארבאנד אן ערך 150 יוגנטלעכע און זיי האָבן זיך פאנאנדערגעשפרייט אין דער גרויסער טעריטאָריע פון דעם לאנד. ווער אין צפון און ווער אין דרום און ווער אין צענטראל־רוסלאנד. די לאָמאזער אזוי ווי אויך אנדערע האָבן זיך איינגעאָרדנט ביי זייערע פאכן און היות ווי די לאָמאזער יוגנטלעכע זענען געווען אן ארבעטער־עלעמענט, יעדער איינער ביי זיי פאך פון דער היים, האָט זיך יעדער איינער אָן שוועריקייטן איינגעאָרדנט אויף ארבעט. אייניקע האָבן זיך אויסגעלערנט א נייעם פאך אין ראטנפארבאנד. א טייל לאָמאזער האָבן געארבעט אין קוילנגרובן, אייניקע האָבן געשניטן ביימער אין וועלדער און אנדערע האָבן געארבעט אין די פאבריקן.

א טייל לאָמאזער זענען שפּעטער מאָביליזירט געוואָרן אין דער סאָוועטי־שער ארבעטס־ארמיי („טרוד־ארמיא"), זיי האָבן שווער געארבעט פאר א קליי־נעם געהאלט און האָבן שטארק געהונגערט, אָבער נישט קוקנדיק אויף די שווערע באדינגונגען האָבן זיי דאָס אָנגענומען מיט פארשטענדעניש, נעמענדיק אין אכט די אומשטענדן אין ראטנפארבאנד אין די מלחמה־יאָרן. די לאָמאזער האָבן מיטן גאנצן הארצן געוואלט געבן זייער ביישטייער פאר דער מפּלה פון היטלער־דייטשלאנד אין דער מלחמה.

יצחק שווארץ

בלעטלעך פון מלחמה־יאָרן

איך בין געבוירן אין יאָר 1916. אין מיינע יוגנט־יאָרן האָב איך זיך געלערנט שניידעריי ביי יעקב געלבארד אין זיין שניידער־ווארשטאט אין לאָמאז. מיט מיר האָבן געארבעט נאָך עטלעכע שניידער־געזעלן.

אין יאָר 1936 האָט מען מיך גערופן צום פוילישן מיליטער־דינסט. איך האָב

געדינט אין דעם 83סטן פוסגייער־פּאָלק, וועלכער האָט סטאַציאָנירט אין קאָברין. נאָכן באפרייען זיך פון מיליטער־דינסט האָב איך זיך צוריקגעקערט קיין לאָמאז און דאָרט געלעבט מיט מיין משפחה ביזן אויסברוך פון פויליש־דייטשן קריג.

די פויליש־דייטשע מלחמה

שוין עטלעכע חדשים פארן אויסברוך פון דער מלחמה איז די לאגע אין פוילן געווען זייער אָנגעשטרענגטע. דער פּאָליטישער באראָמעטער האָט באוויזן, אז פריער אָדער שפּעטער וועט אויסברעכן א מלחמה צווישן פוילן און דייטשלאנד. די פראגע איז נאָר געווען ווען? און אָט פּלוצלינג, פרייטיק פאר־טאָג, דעם 1טן סעפּטעמבער 1939, האָבן מיר געהערט דורכן פוילישן ראַדיאָ די טרויעריקע ידיעה, אז דייטשלאנד האָט דערקלערט קריג פוילן.

אלס געוועזענער פוילישער זעלנער האָט מען מיך גלייך מאָביליזירט אין דער ארמיי און נאָך א קורצער צוגרייטונג פון די רעזערוויסטן, וועלכע זענען מאָביליזירט געוואָרן אָנהייב קריג האָט מען אונדז געשיקט אויפן פראָנט.

אונדזער פּאָלק האָט געקעמפט קעגן די דייטשן אין די טשענסטאָכאווער וועלדער. ווען אונדזער פּאָלק האָט אָנגעגריפן די דייטשן אויף אונדזער קאמפ־אָפשניט, האָבן די דייטשן געענטפערט מיט א שטארקן פייער. זיי האָבן געשאָסן פון לייכטע און שווערע געווער אויף אונדזערע פּאָזיציעס. די דייטשע ארטי־לעריע האָט אָן אויפהער געשאָסן אויף אונדזערע פּאָזיציעס און אונדז איז געווען קלאָר, אז לאנג וועלן מיר זיך נישט קענען פארטיידיקן. אויך די דייטשע עראָפּלא־נען האָבן אָן אויפהער באָמבארדירט אונדזערע פּאָזיציעס און אנדערע מילי־טערישע אָביעקטן.

שוין אין די ערשטע שלאכטן מיט די דייטשן האָבן מיר געהאט גרויסע פארלוסטן. עס זענען געווען פיל געהרגעטע און זייער פיל פארוואונדעטע פון אונדזער פּאָלק און מיר האָבן נישט געקענט איינהאלטן אונדזערע פּאָזיציעס.

אין יענע טעג האָט די דייטשע ארמיי אָנגעהויבן א בלאָקאדע אויף ווארשע און אונדזער פּאָלק איז אריבערגעוואָרפן געוואָרן קיין ווארשע כדי צו פארטיי־דיקן די הויפּטשטאָט, וועלכע איז שטארק באָמבארדירט געוואָרן פון דעם דייטשן לופט־פלאָט. צווישן די זעלנער איז געווען א געדריקטע שטימונג. קיינער האָט נישט געוווּסט וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען.

די פוילישע קאָמאנדשאפט האָט נישט געקענט צושטעלן די נויטיקע אפּראָ־וויזאציע, ווייל די וועגן צו ווארשע זענען געווען צעשטערט פון די דייטשע באָמבעס. מיר זענען געגאנגען אויף זייטיקע וועגן הונגעריקע און מידע און די באפעלקערונג האָט אונדז געהאָלפן מיט שפּייז. אין הימל האָבן נישט אויפגע־

הערט צו רוישן די דייטשע עראָפּלאנען, וועלכע האָבן געשאָסן מיט סעריעס פון פייערדיקע קוילן.

ענדלעך מידע און הונגעריקע האָבן מיר זיך דערשלעפּט צו ווארשע, די פוילישע ארמיי און די ציווילע באפעלקערונג — און צווישן זיי פיל יידן — האָבן געגראָבן שוץ־גראָבנס אין אלע טיילן פון דער שטאָט. ווארשע האָט געברענט פון אלע זייטן און אלס רעזולטאט פון די שווערע באָמבארדירונגען איז אויס־געבראָכן פיל שריפות. די וואסער־קאנאלן זענען צעשטערט געוואָרן, פיל טויטע האָבן זיך געוואלגערט אויף די גאסן. די אטמאָספער אין שטאָט איז געווען א שווערע. עס איז געווען קלאָר, אז די דייטשע ארמיי וועט די נאָענטסטע טעג פארנעמען ווארשע.

א קורצע צייט נאָכן אונדזער אָנקומען קיין ווארשע, האָבן מיר באקומען א באפעל, אז מ׳שיקט אונדז קיין מאָדלין און מיר דארפן פארנעמען פּאָזיציעס אין די אונטערשטע פעסטונגען פון דער שטאָט.

אויך מאָדלין איז שטארק באָמבארדירט געוואָרן און נאָך 2 טעג פון שווערע קאמפן איז געקומען א באפעל פון אונדזער קאָמאנדשאפט, אז מיר קאפּיטו־לירן. די קאמפן ווערן אָפּגעשטעלט און אלס צייכן פון קאפּיטולאציע האָט מען ארויסגעהאנגען א ווייסע פאָן. די שטימונג ביי אונדז אלעמען איז געווען זייער א שווערע. קיינער האָט נישט געוווסט וואָס אונדז דערווארט. ס׳איז אונדז געווען קלאָר, אז די דייטשן נעמען אונדז אין געפאנגענשאפט.

אונדזערע אָפיצירן האָבן אונדז באפוילן זיך אויסשטעלן אין רייען. א הויכער אָפיציר האָט אונדז באפוילן צו אָפּגעבן דאָס געווער און גלייך נאָכן אָפּגעבן דאָס געווער האָבן מיר געווארט אויף די דייטשן, וועלכע האָבן אונדז געדארפט נעמען אין געפאנגענשאפט.

אין דער דייטשער געפאנגענשאפט

עס זענען באלד אָנגעקומען פיל דייטשן. מ׳האָט אונדז אָנגעלאָדן אין וואגאָ־נען און מ׳האָט אונדז אוועקגעפירט קיין מלאווא. דאָרט האָבן די דייטשן אָרגאָ־ניזירט א קריג־געפאנגען־לאגער פאר די פוילישע קריגס־געפאנגענע זעלנער און אָפיצירן.

דער לאגער איז געווען ארומגעצאמט מיט שטעכלדראָט און ארום דעם לאגער איז געשטאנען א שטארקע וואך, וועלכע האָבן געעפנט א פייער אויף די, וועלכע האָבן זיך דערנעענטערט צו די דראָטן־פארצוימונגען.

אונדזערע אָפיצירן האָבן געפאָדערט ביי דער דייטשער קאָמאנדשאפט צו האָנאָרירן די אינטערנאציאָנאלע קאָנווענץ פאר קריגס־געפאנגענע. איך בין געווען צוזאמען מיט א פוילישן זעלנער פון ביאלע פּאָדלאסקע און מיר האָבן

זיך קעגנזייטיק ארויסגעהאָלפן. די דייטשן האָבן אונדז געהאַלטן אין דעם לאַגער 3 חדשים. יעדן טאָג זענען צוגעקומען אַלץ נייע און פרישע קריגס־געפאַנגענע.

די מלחמה האָט זיך געענדיקט מיט דער קאַפּיטולאַציע פון פּוילן. אונדז האָט מען נאָך געהאַלטן אין דעם קריגס־געפאַנגן לאַגער אין מלאווא בערך א 3 חדשים. איך האָב דאָרט געאַרבעט אין א מיל. דער באַלעבאָס האָט אונדז דערלויבט צונויפצוקלייבן דעם אָפּפאַל פון די מעל, וואָס איז געווען פול מיט זאַמד, אָבער כדי צו שטילן דעם הונגער האָב איך געקאָכט פון דעם א זופּ.

צוריק אין לאָמאַז

נאָך 3 חדשים אין דער דייטשער געפאַנגענשאַפט בין איך באַפרייט געוואָרן. מיין ציל איז געווען פאַרשטייט זיך צו קומען אין לאָמאַז צו מיין משפחה. איך מיט נאָך א פּוילישן זעלנער פון אונדזער געגנט האָבן מיר זיך געלאָזט אין וועג צו פוס. מיר זענען געגאַנגען אין משך פון 2 וואָכן ביז מיר האָבן מיר זיך קוים דערשלעפט קיין ביאַלע פּאַדלאַסקע.

אין ביאַלע האָב איך זיך צעשיידט מיט מיין פּוילישן חבר, וועלכער איז אַוועק צו זיינע עלטערן און איך בין אַוועק קיין לאָמאַז. דאָס איז געווען שוין אין יאַנואַר 1940. די שטאָט האָט זיך געפונען אונטער א שטרענגן אָקופּאַציע־רעזשים. די דייטשע מאַכט האָט יעדן טאָג ארויסגעגעבן פאַרשיידענע באַפעלן און פאַראָרדענונגען ווי אַזוי די ציווילע שטאָטישע באַפעלקערונג דאַרף זיך אויפפירן אין מלחמה־צייט.

צווישן אַנדערע באַגרענעצונגען איז אויך געווען דער באַפעל, אַז עס איז פאַרבאָטן ארויסצוגיין אין גאַס נאָך 7 אווגט. איך בין אריין צו מיין פעטער מרדכי שווארצלעדער אין שטוב און ביי אים בין איך געווען עטלעכע טעג.

די שטימונג ביי די לאָמאַזער יידן איז געווען זייער א געדריקטע. מען איז געזעסן פאַרשפּאַרט אין די הייזער, ווייל ווען די דייטשן האָבן געכאַפּט אין גאַס האָבן זיי גלייך גענומען אויף צוואַנגס־ארבעט.

גלייך אין אָנהייב פון דער דייטשער אָקופּאַציע אין לאָמאַז איז אָנגעגאַנגען א סיסטעמאַטישער רויב פון יידיש האָב און גוטס. די דייטשן האָבן זיך שטאַרק איזדעקעוועט איבער די לאָמאַזער יידן. איך האָב אַליין געזען ווי א גרופּע יידן זענען געווען איינגעשפּאַנט אין א וואָגן.

עס האָבן פאַרשטענדלעך אויך נישט געפעלט קיין קריסטן אין לאָמאַז, וואָס האָבן זיך צוגעקוקט ווי יידן איינגעשפּאַנט אין א וואָגן שלעפּן דעם דייטש... נאָך מיין אָנקומען אין לאָמאַז, האָב איך געמוזט אָפּגעבן מיין פּוילישער אוניפאָרם און איך האָב מיך איבערגעטאָן אין ציווילע קליידער. איך האָב נישט געזען קיין אויסוועג פאַר מיר צו פאַרבלייבן אין לאָמאַז און איך האָב געפּרוווט זיך איינאָר־

דענען אין סלאוויטיטש, דאָמאטשעווע. שפּעטער בין איך אוועק אין דער גרויסער שטאָט בריסק.

בריסק איז אין יענער צייט געווען פול מיט יידישע פּליטים, וועלכע האָבן געשוואַרצט דעם גרענעץ און מיט פיל מאַטערנישן און פאַרשיידענע וועגן און אומוועגן זענען זיי אָנגעקומען אין בריסק. די גאַסן פון דער שטאָט האָבן געשוויבלט מיט יידישע פּליטים פון אַלע עקן פּוילן.

דאָס סאַמע ברענענדיקסטע פּראָבלעם צו יענער צייט איז געווען דאָס וווין־פּראָבלעם. דער מענטשלעכער וווין־אינווענטאַר איז באַשטאַנען פון אַ בעטל, וועלכעס איז געשטאַנען ערגעץ אין אַ ווינקל ביי אַ יידישער משפּחה און מ'האָט באַצאָלט דעם באַלעבאָס פאַר יעדער נאַכט וואָס מ'איז אַדורכגעשלאָפן. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז אין בריסק וועל איך זיך לאַנג נישט פאַרהאַלטן.

אין יענער צייט האָבן מיינע עלטערן געלעבט אין שטעטל דערעטשין אָבער אויך דאָרט איז דאָס שטעטל געווען איבערגעפּולט מיט יידישע פּליטים. איך האָב זיך דאָרט פאַרהאַלטן ביי מיינע עלטערן, אָבער די סאָוועטישע מאַכט האָט נישט דערלויבט, אַז די פּליטים זאָלן זיך געפינען נאָענט צו דער דייטשער גרע־נעץ און זיי האָבן די יידישע פּליטים אַרויסגעשיקט פון שטעטל.

איינעם אַ טאָג האָט די סאָוועטישע מיליץ געכאַפּט אַ גרופּע פּליטים, צווישן וועלכע ס'האָבן זיך אויך געפונען די לאָמאַזער: איך, יצחק כץ; יעקב בערמאַן, יאָסל פּלעשל, אברהם און גרשון מאַנדל און מ'האָט אונדז אַריינגעזעצט אין אַ לאַסט־צוג און מ'האָט אונדז אַוועקגעשיקט קיין אוראַל אויף אַרבעט.

לאָמאַזער יידן אין אוראַל

גלייך ווי מיר זענען אָנגעקומען אין אוראַל, האָבן מיר געזען, אַז דאָ דער־וואַרט אונדז אַ שווערער לעבן. מ'האָט אונדז צעטיילט אין פאַרשיידענע גרופּעס און יעדע גרופּע האָט געאַרבעט ביי פאַרשיידענע אַרבעטן.

איך האָב געאַרבעט אויף אַ שאַכטע, ווו מ'האָט אַרויסגעגראָבן קופּער אונטער דער ערד. יצחק כץ, די ברידער חיים און אברהם ספּאָקאָיני און יאָסל פּלעשל האָבן געאַרבעט ביי בוי־אַרבעט. די אַרבעט און די לעבנס־באַדינגונגען זענען געווען זייער שווערע. די אַרבעט־דיסציפּלין איז אויך געווען אַ שטאַרקע, ווייל מ'האָט געאַרבעט אין מלחמה־צייט. קיין הונגער האָבן מיר, וואָס אין אמת נישט געליטן ווי אַנדערע און ווי עס איז האָבן מיר זיך אַן עצה געגעבן מיט איינשאַפן פּראָדוקטן.

מיר האָבן אויך באַקומען אומזיסטע מעדיצינישע הילף און צייטנווייז האָט מען אונדז אויך באַפרייט פון דער שווערער אַרבעט. די אַדמיניסטראַציע האָט זיך באַצויגן צו אונדז מענטשלעך, נישט שלעכט.

די שאכטע ווו מ׳האָט ארויסגעגראָבן קופּער האָט זיך געפונען אין די בערג. עס זענען זאָגאר געווען אויך ערטער, ווו אויבן האָבן געוווינט משפחות מענטשן און אונטן, טיף אין דער ערד האָט מען געגראָבן...

מיין ארבעט איז באשטאנען אין בויערן לעכער, אין וועלכע מ׳פלעגט אריינ־לייגן דינאמיט און מ׳פלעגט אויפרייסן גאנצע פלאסטן ערד, כדי ארויסצובא־קומען די ברוינע ערד מיטן גלאַנציקן זאמד. דאָס איז געווען דער רוי־מאטעריאל פון וועלכן מ׳האָט אויסגעארבעט דעם קופּער.

די ארבעט אין שאכטע איז געווען פול מיט סכנות־נפשות און נישט זעלטן האָבן אויך פאסירט אומגליק־פאלן, ווען די גרעבער זענען פארשאָטן געוואָרן מיט גרויסע פלאסטן ערד און עס זענען געווען קרבנות. איך האָב אליין געזען טויטע און שווער פארוואונדעטע ערד־גרעבערס.

די לאָזאמער גרופּע האָט זיך געהאלטן צוזאמען אויף וויפל די באדינגונגען האָבן דאָס דערלויבט. יענער איינער האָט געארבעט זיין ארבעט און יעדער איינער פון אונדז האָט זיך באמיט אויסצופילן דעם אָבליגאטאָרישן פּלאן, וואָס יעדער איינער איז געווען מחויב עס אויסצופילן. יעדן טאָג נאָך דער ארבעט האָט מען קאָנטראָלירט צי די נאָרמע איז אויסגעפירט געוואָרן.

צווישן די לאָמאזער זענען געווען דאָרט: שפרה ספּאָקאָיני (פון שטוב פרידמאן, די פרוי פון אברהם ספּאָקאָיני), חסיה ספּאָקאָיני (פון שטוב גאָלדשער, די פרוי פון חיים ספּאָקאָיני). די עלטערע צווישן די לאָמאזער זענען געווען: יצחק כץ און יעקב בערמאן, וועלכע האָבן זיך באצויגן גאָר פריינדלעך צו די יונגע חברים און די יונגע לאָמאזער חברים האָבן זיך באצויגן מיט רעספּעקט און כבוד צו די עלטערע מענטשן.

נאָך א שטיקל צייט ארבעטן אין דער קופּער־שאכטע בין איך אוועק צו מיינע עלטערן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין קאָמי ס.ס.ר. זיי האָבן דאָרט געוווינט אין א וואלד און פלעגן קלייבן שוואמען און יאגדעס, וואָס איז דאָרט געווען בשפע און דאָס האָט זיי ארויסגעהאָלפן אין דער באשפּייזונג פון דער משפחה.

נאָך א געוויסער צייט זענען מיר באפרייט געוואָרן און מיין משפחה וואָס איז באשטאנען פון 7 פּערזאָן זענען מיר אוועקגעפאָרן קיין טאשקענט און כאָטש די שטאָט איז געווען באקאנט אלס „שטאָט פון ברויט״, איז עס אָבער אין מלחמה־צייט געווען ווייט צו זיין „א שטאָט פון ברויט״...

שפּעטער האָבן מיר באשלאָסן, אז מיר זאָלן פארלאָזן טאשקענט. די גרופּע לאָמאזער: שפרה און אברהם ספּאָקאָיני, חסיה און חיים ספּאָקאָיני, שלמה גאָלדשער און איך זענען מיר אוועק ארבעטן אין א קאָלכאָז אין דזשאמבול.

אין קאָלכאָז האָבן מיר געארבעט בערך א יאָר צייט. אין צווישנצייט האָט

מען מיך מאָביליזירט אין דער ארבעטס־ארמיי און מ׳האָט מיך אוועקגעשיקט ביי דער גרענעץ פון מאנדזשוריע צו ארבעטן אין א גאָלד־גרוב. דאָרט האָב איך געארבעט במשך פון א יאָר.

אין 1946 האָב איך זיך רעפאטריאירט קיין פוילן. דער שטראָם פון די יידישע רעפאטריאנטן פון ראטנפארבאנד קיין פוילן איז געווען זייער גרויס. יעדער איינער האָט געוואָלט קומען אהיים זען וואָס עס האָט פאסירט מיט דער משפחה, כאָטש מיר האָבן געוווּסט דעם ביטערן גורל פון אונדזערע משפחות, וועלכע האָבן זיך געפונען אונטער דער דייטשישער אָקופאציע.

קיינער פון אונדז האָט נישט געטראכט צו פארבלייבן אין פוילן, וואָס איז געווען אויסגעווייקט פון יידיש בלוט. פוילן איז געווען א גרויסער בית־הקברות פון די פוילישע יידן. יעדער איינער פון אונדז האָט געהאָפט דורך פוילן זיך דערקלייבן קיין ארץ־ישראל. מיין ציל איז פארשטייט זיך געווען לאנג נישט פארבלייבן אין פוילן.

איך בין אָנגעקומען מיט דער „בריחה״ קיין דייטשלאנד, ווו ס׳האָבן זיך קאָנצענטרירט פיל יידן, וועלכע האָבן געטרוימט צו דערגרייכן די ברעגעס פון ארץ־ישראל. אין 1949 בין איך אָנגעקומען אין לאנד.

אין ישראל האָב איך געארבעט ביי פארשיידענע ארבעטן, מערסטנס ביי אינסטאלאציע־ארבעטן. שפעטער האָב איך אין משך פון 26 יאָר געארבעט ביי ארויסבאקומען נאפט און בין אפילו באשטימט געוואָרן אלס ארבעטס־פארוואלטער.

פון 1951 בין איך אלס רעזערוויסט גערופן געוואָרן יעדעס יאָר אין צה״ל אויף מיליטערישע איבגונגען, ביז איך בין אינגאנצן באפרייט געוואָרן פון דער מיליטערישער פליכט אין צה״ל.

אשר טענענבוים

א זעלנער אין דער רויטער ארמיי און אין פלמ״ח

דעם 1טן סעפטעמבער 1939 איז אויסגעבראָכן די פויליש־דייטשע מלחמה און די דייטשע ארמיי איז שנעל געגאנגען פאָרויס אויף דער פוילישער טעריטאָריע. ס׳האָט נישט לאנג געדויערט און נאָך אזא שטארקן „בליצקריג״ האָבן זיך די דייטשע חילות דערנעענטערט צו דער געגנט פון לאָמאז. די פאניק ביי דער יידישער באפעלקערונג איז געווען זייער גרויס און א סך יידן, באזונדערס יוגנטלעכע זענען געלאָפן צו מזרח מיטן ציל אָנקומען אין ראטנפארבאנד.

אויך איך מיט מיין ברודער גאָדל זענען מיר געלאָפן קיין ראטנפארבאנד

און מיר זענען אָנגעקומען אין דער שטאָט גאָמעל (מזרח־ווייסרוסלאנד). דאָרט האָבן מיר באקומען ארבעט און א דאך איבערן קאָפּ.

דעם 22סטן יוני 1941 איז דייטשלאנד אָנגעפאלן אויפן ראטנפארבאנד און אין די ערשטע טעג פון דער מלחמה האָט מען מיך און מיין ברודער מאָביליזירט אין דער רויטער ארמיי.

ווען די דייטשע ארמיי האָט זיך דערנענטערט צו גאָמעל, זענען מיר צוזאַמען מיט אונדזערע מיליטערישע אָפּטיילונגען אָפּגעטראָטן און עס איז נישט געווען קיין אנדער ברירה און מיר האָבן זיך געשלעפּט צו פוס מיט טויזנטער מענטשן, וועלכע זענען אין גרויס פאניק און אומאָרדענונג געגאנגען צו מזרח. בייטאָג זענען מיר געגאנגען, אויסבאהאלטנדיק זיך אין די וועלדער צוליב די שטארקע באָמבארדירונגען פון די דייטשע עראָפּלאנען, וועלכע האָבן געזייט טויט אויף די וועגן.

מידע און הונגעריקע האָבן מיר זיך דערשלעפּט ביז קיעוו און ליידער אויך פון קיעוו האָבן מיר זיך געמוזט לאָזן ווידער אין וועג, ווייל די דייטשן האָבן זיך דערנענטערט צו קיעוו און עס האָט געדראָט, אז מיר זאָלן אריינפאלן אין דער דייטשער געפאנגענשאפט. אין קיעוו האָבן די רעגירונגס־אָרגאנען מיט די פארטיי־אינסטאנצן זיך פיבערהאפט געגרייט צו דער עוואקואציע פון דער שטאָט.

מיר האָבן זיך געשלעפּט פון שטאָט צו שטאָט, מערסטנטייל צו פוס און מיט גרויסע שוועריקייטן האָבן מיר זיך דערקליבן צו דער שטאָט אָריאָל. די שטימונג ביי די מענטשן איז געווען א דעררדריקטע. יעדן טאָג האָט מען אין ראדיאָ איבערגעגעבן, אז די רויטע ארמיי האָט פארלאָזט שטעט און שטעטלעך. עס איז געווען קלאָר, אז עס וועט לאנג נישט דויערן און די דייטשן וועלן זיך דערנענטערן צו מאָסקווע. מיר האָבן איבערגעלעבט שווערע טעג. די קאָמאנדשאפט איז געווען נערוועז. די רויטע ארמיי האָט געליטן שווערע פארלוסטן אויף די פראָנטן. פיל זענען אריינגעפאלן אין דער דייטשער געפאנגענשאפט און אויפן פראָנט האָט מען געוואָרפן אלץ נייע און נייע קרעפטן.

מען האָט מיך צוגעטיילט צו א פוסגייער־פּאָלק און מיין ברודער גאָדלען האָט מען צוגעטיילט אין קאוואלעריע. אזוי האָט מען אונדז צעשיידט. אין דעם אָרט ווו מיר האָבן זיך געפונען זענען געווען גרויסע סקלאדן פון געווער פון דער רויטער ארמיי און די דייטשע עראָפּלאנען האָבן זיי זייער שטארק באָמבארדירט. די עקספּלאָזיעס האָט מען געהערט אויף קילאָמעטערס און דאָס האָט שטארק געווירקט אויף דער מאָראל פון די מענטשן.

שפּעטער איז ארויס א באפעל צו שיקן זעלנער אָפּשטאמיקע פון פוילן אין דער ארבעטס־ארמיי („טרוד־ארמיא"). מיך האָט מען געשיקט קיין קאמיען־אוראלסק, אן אינדוסטריעלע שטאָט אויף אוראל. אין דער שטאָט האָט מען

אויפגעשטעלט נייע פאבריקן און אלע ארבעטן האָט מען אויסגעפירט אין זייער שווערע באדינגונגען. אויך דאָס עסן איז געווען זייער ווייניק. אלע און אלץ האָבן געארבעט פאר דער רויטער ארמיי און די דיסציפלין איז געווען זייער א שטארקע.

מיט דער צייט בין איך פיזיש אָפגעשוואכט געוואָרן סיי פון דער שווערער ארבעט און סיי פון דער שלעכטער דערנערונג. איך בין קראנק געוואָרן אויף טיפוס. מען האָט מיך האָספיטאליזירט אין א שפיטאָל און אין דעם שפיטאָל בין איך אָפגעלעגן עטלעכע חדשים.

דער שפיטאָל האָט זיך געפונען אין ערד־הייזלער (זיעמלאנקעס), וועלכע האָבן זיך געפונען אויף א שטח, וואָס איז געווען פון אויבן שטארק פארמאס־קירט. נאָכן באפרייען מיך פון שפיטאָל, האָט מען מיך געשיקט ארבעטן אין א קאָלכאָז. אין דעם קאָלכאָז האָב איך געארבעט ביי פארשיידענע ארבעטן. טראָץ דעם, וואָס איך בין נישט געווען צוגעגרייט צו לאנדווירטשאפטלעכער ארבעט, האָב איך זיך באמיט אויסצופירן די ארבעט אויפן בעסטן אופן און מיינע ארבעטסגעבער האָבן באוווּנדערט מיין קוואליטעט פון דער אויסגעפירטער ארבעט.

אין א געוויסער צייט האָט מען מיך איבערגעשיקט פון קאָלכאָז קיין סווערדלאָווסק, ווו איך האָב געארבעט אלס שלאָסער־מעכאניק אין א פאבריק. אין דער פאבריק האָב איך זיך אויסגעלערנט פארשיידענע קאָמפליצירטע ארבעטן און איך בין געוואָרן א קוואליפיצירטער ארבעטער.

נאָך 2 יאָר, האָב איך זיך ענדלעך געטראָפן מיט מיין ברודער גאָדל. ער האָט שווער געארבעט ביי פארשיידענע בוי־ארבעט און נאָכן טרעפן זיך מיר שוין געלעבט צוזאמען. שפעטער האָט ער זיך איינגעאָרדנט ארבעטן אלס שוסטער און זיין מאטעריעלע לאגע האָט זיך באדייטנד פארבעסערט, לכל הפחות האָט ער שוין מער נישט געליטן קיין הונגער ווי פריער.

ס'האָט זיך געענדיקט די מלחמה און אין יענער צייט איז געשלאָסן געוואָרן אן אָפמאך צווישן דעם ראטנפארבאנד און פוילן וועגן דער רעפאטריאציע פון געוועזענע פוילישע בירגער קיין פוילן. דאָס איז געווען א גוטע געלעגנהייט צו פארלאָזן לעגאל דעם ראטנפארבאנד און קומען קיין פוילן.

איך האָב זיך פארשריבן אין דעם פויליש־רוסישן רעפאטריאציע־קאָמיטעט אלס פוילישער בירגער און אין יאָר 1946 האָב איך פארלאָזט דעם ראטנפאר־באנד און בין אָנגעקומען מיט דעם רעפאטריאציע־שטראָם קיין פוילן.

די רעפאטריאנטן האָט מען לרוב געשיקט קיין נידערשלעזיע און איך האָב זיך באזעצט אין דעם שטעטל רייכבאך. דאָרט האָט זיך געפונען א קיבוץ „איחוד" און איך האָב באשלאָסן זיך אָנשליסן אין דעם קיבוץ מיטן ציל עולה צו זיין

קיין ארץ־ישראל. אין יענער צייט האָבן זיך די חברים פון קיבוץ אַנגעשלאָסן אין פלמ״ח. מיר האָבן אין קיבוץ אדורכגעמאכט פארשיידענע מיליטערישע אי־בונגען און אין אויגוסט 1948 בין איך דורך דייטשלאנד אַנגעקומען קיין ארץ־ישראל.

די יונגע מדינה האָט זיך געפונען אין סאמע ברען פון דער „מלחמת העצמאות״ און מיין ווילן איז געווען צו פארטיידיקן דאָס לאנד פון דער אגרעסיע פון די אראבישע מדינות. איך האָב זיך מאָביליזירט אלס זעלנער פון צה״ל און אין משך פון 2 וואָכן האָב איך אדורכגעמאכט פארשיידענע מיליטערישע איבונגען אין דעם גדוד (רעגימענט) 7 חטיבה 10 פון פלמ״ח, וואָס האָט סטאציאָנירט אין באר־יעקב.

איך האָב געקעמפט אין פאלודזשא, צוזאמען מיט די חברים פון אונדזער גדוד האָבן מיר שטורמירט דעם פאָליציי־בנין אין נגבה. בעת די שווערע קאמפן אין פאלודזשא זענען געפאלן פיל פון אונדזערע זעלנער. נאָך די שווערע קאמפן ביים דעראָבערן דעם פאָליציי־בנין האָט זיך פון דאָס ניי אָרגאניזירט דער גדוד 7 אין קאסטינא.

איך בין געווען צווישן די ערשטע קעמפער, וועלכע זענען אריין נאָך שווערע קאמפן אין באר־שבע. בעת די קאמפן ביים דעראָבערן באר־שבע בין איך פאר־ווונדעט געוואָרן פון א קויל־שפליטער און איך בין געלעגן במשך פון 8 טעג אין שפיטאָל אין באר־שבע. באפרייענדיק זיך פון שפיטאָל האָב איך זיך צוריק־געקערט אין מיין גדוד 7. בעת די שווערע קאמפן אין על־אריש בין איך ווידער פארוווּנדעט געוואָרן, דאָס מאָל לייכט אין פנים.

איך האָב זיך באפרייט פון מיליטער און אלס באפרייטער זעלנער האָב איך באקומען פון דער „הגנה״ א קליינע אונטערשטיצונג אין פארלויף פון 3 חדשים. מיין ברודער גאָדל איז עולה געווען קיין ישראל אויך פון דייטשלאנד עטלעכע חדשים נאָך מיר צוליב זיין שלעכטן געזונט־צושטאנד.

קומענדיק אין לאנד האָט ער זיך אויך מאָביליזירט אין צה״ל און מ׳האָט אים געשיקט אין ישראלדיקן לופט־פלאָט אין חצור הנגב, ווו ער האָט דאָרט אויסגעפירט פארשיידענע הילפס־ארבעטן אין דער צה״ל־באזע פון לופט־פלאָט. דאָרטן האָט ער געדינט ביז ער איז באפרייט געוואָרן פון מיליטער.

צום אָנדענק פון אונדזער ברודער בערל עפלבוים

בערל איז געווען דער יונגסטער ברודער אין אונדזער משפחה. געבוירן אין יאָר 1919, פיזיש פעסט געבויט, פון הויכן וווּקס, שטענדיק מיט א שמייכל אויפן פנים. די עלטערן און די ברידער האָבן ליב געהאַט דעם „מיזיניק״.

דאָס שווערע לעבן פון דער משפחה אויף דער וואָליע (א פאָרשטאָט פון ביאלע פאָדלאסקע) האָט ער געפילט בלויז עטלעכע יאָרן. ער האָט דאָ געלערנט אין חדר, אָבער מערערע יאָרן פון זיין קינדהייט האָט ער געלעבט אין דאָרף דאקודאָוו וווּ אונדזער משפחה האָט געלעבט א געוויסע צייט.

ער איז געוואקסן אין דאָרף אויפן שויס פון דער פרייער און שיינער נאטור, צווישן ברייטע רחבותדיקע לאָנקעס, סעדער און גערטנער און א טייך וואָס איז געפלאָסן אין דער נאָענט. ער האָט איינגעזאפּט דעם אראָמאט פון בליענדיקן בעזש, איז ער טאקע אויסגעוואקסן א הויכער, שטאָלצער און שיינער בחור מיט בלויע אויגן.

אין דאָרף דאקודאָוו האָט זיך אין אונדזער לאנדווירטשאפטלעכער ווירט־שאפט שטענדיק געפונען ארבעט אויך פאר א יינגל אין זיינע יאָרן. און געוואקסן איז בערל אין אן אטמאָספער פון דאָרפישן פאָלקס־שטייגער.

ווי אלע קינדער אין דאָרף דאקודאָוו, האָט ער געלערנט אין דער פוילישער 4־קלאסיקער מלוכה־שולע. ער האָט איינגעזאפּט אין זיך די פוילישע שפראך, די פוילישע ליטעראטור און די פוילישע טראדיציאָנעלע מנהגים און דאָרפישע געוווינהייטן און גערעדט האָט ער מיט אן עכטן פוילישן אקצענט.

אין דאָרף דאקודאָוו האָט ער זיך געפונען מער ווי אלע ברידער. ווען די עלטערע ברידער זענען איינער נאָכן צווייטן אוועק קיין ווארשע, האָט בערל אויסגעפילט דעם חלל, ער האָט גענומען אויף זיך זייער לאסט, וואָס האָט געשאפן די אָפּוועזנהייט פון די ברידער.

ווען די משפחה האָט זיך צוריקגעקערט קיין לאָמאז, האָט בערל פאָרגעזעצט זיין לערנען אין דער 7־קלאסיקער פוילישער מלוכה־שולע אין לאָמאז. חיה קעסטנבוים (קאופמאן) האָט זיך געלערנט אין יענער צייט אין דער זעלבער שולע ווו בערל האָט געלערנט, נאָר מיט א קלאס העכער.

קיין גרויסן אויסוואל פון ארבעט איז אין לאָמאז נישט געווען, איז ער אוועק לערנען שניידעריי און ער האָט פארדינט גראָשנס. ער האָט אפילו איין מאָל דערקלערט א שטרייק און געפאָדערט פון זיין באלעבאָס א העכערונג פון זיין געהאלט — א פּאָר גראָשן אויף דער וואָך...

ווען מיר די ברידער פלעגן קומען אויף יום־טוב אהיים און מיר האָבן אים דערציילט וועגן אונדזערע פארדינסטן אין ווארשע און אז מיר זענען מיטגלי־דער פון דער פראָפעסיאָנעלער באוועגונג אין נאָדל־פאראיין, וועלכער רעגו־לירט דעם ארבעטער־לוין מיט די בעלי־בתים, האָט זיך אויך ביי אים פאר־שטארקט דער ווילן צו פארלאָזן לאָמאז און זיך איינאָרדענען אויף ארבעט אין ווארשע.

די ערשטע שריט אין דער גרויסער שטאָט ווארשע זענען געווען נישט קיין

לייכטע. ער האָט געוווינט צוזאמען מיטן עלטערן ברודער אפרים אין איין וווינונג און דאָס האָט אים באפרייט פון דעם לאסט צו צאָלן דירה-געלט. אפרים האָט זיך געטיילט מיט אים מיטן לעצטן ביסן, אָבער אין יענער צייט איז דאָס לעבן פארביידן געווען שווער.

עס איז געווען אן איינגעשטעלטער כלל, אז די עלטערע ברידער העלפן די עלטערן און אויך די יינגערע ברידער, ביז זיי וועלן קענען זיך אליין אויסהאלטן.

אין ווארשע האָט בערל געארבעט שניידעריי און ער איז געווען א מיט־גליד אין פראָפעסיאָנעלן פאראיין פון די נאָדל-ארבעטער. ער האָט נאָכגעטאָן דעם ביישפיל פון די עלטערע ברידער, וועלכע זענען שוין געווען פראָפעסיאָ־נעלע טוער.

עס האָט זיך דערנענטערט די צייט פון דער צווייטער וועלט-מלחמה. די עלטערן אין לאָמאז האָבן זיך געגנויטיקט אין הילף, איז בערל געקומען אהיים צו העלפן די עלטערן אין זייער עקזיסטענץ. די 3 ברידער: משה, לייבל און דער שרייבער פון די שורות האָבן זיך צו יענער צייט געפונען אין ווארשע. אפרים איז געווען מאָביליזירט אין פוילישן מיליטער און ער איז געווען דער איינציקער פון די ברידער אויף וועמען עס איז געפאלן די לאסט צו העלפן די עלטערן און צו זיין מיט זיי צוזאמען אין דער שווערער מלחמה-צייט. צוזאמען מיט די עלטערן האָט ער זיך געזאָרגט וועגן גורל פון ברודער אפרים, וואָס האָט זיך געפונען אין די פייערפלאַמען פון דער מלחמה.

אין אָקטאָבער 1939 האָט בערל פארלאָזט לאָמאז און ער האָט זיך אָנגע־שלאָסן אין א גרופע יוגנטלעכע, וועלכע זענען געפאָרן קיין בריסק, ווו עס האָבן געהערשט די סאָוועטן. פון בריסק איז ער צוזאמען מיט נחום בערמאן און שלום צוקערמאן אוועק קיין בערדיטשעוו ווו משה-נחום בערמאן האָט געהאט א נאָענטע משפחה.

בערל האָט געארבעט אין בערדיטשעוו אין א שניידער-קאָאָפעראטיוו. דאָרט האָט ער חתונה געהאט מיט אן אָרטיקער מיידל ברכה פאָרטנאָי. איר פאָטער האָט געארבעט אין דער שטאָטישער שחיטה-הויז און איר משפחה האָט יאָרנ־לאנג געלעבט אויף דער גאס ליסענקאיא.

איך האָב דאן געוווינט אין טאשקענט און איך האָב געפירט א סטאבילע קאָרעספאנדענץ מיט בערלען. איך האָב אים פאָרגעלייגט, אז ער זאָל קומען צו מיר קיין טאשקענט זיך באזעצן, ווייל אין טאשקענט איז געווען מעגלעך זיך איינאָרדענען ביי זיין פאָר.

בערל מיט זיין פרוי זענען געקומען קיין טאשקענט צו מיר, אָבער אלע באמיאונגען זיי צושרייבן אין קאָמונאל-אמט איז נישט געלונגען. עס איז דאן געווען א שטרענגער פארבאָט פון צושרייבן ניי-אָנגעקומענע אין טאשקענט, כדי

צו פארמינערן דעם וווקס פון דער באפעלקערונג. די איינציקע מעגלעכקייט איז געווען צו וווינען אין די ערטער ווייט פון טאשקענט.

מיין שוועגערין ברכה האָט דאן געשוואנגערט. זי איז שוין געווען נאָענט צו דער צייט צו געבוירן א קינד, האָט זי זיך דעצידירט, אז דאָס קינד זאָל געבוירן ווערן אין בערדיטשעוו, דאָרט ווו אירע עלטערן האָבן געוווינט און אזוי זענען זיי ביידע אוועקגעפאָרן צוריק קיין בערדיטשעוו.

קיינער פון אונדז האָט זיך נישט געקענט פאָרשטעלן, וואָס פארא גורל עס דערווארט אונדז אלעמען אין דער נאָענטסטער צוקונפט און מיר האָבן זיך אויך נישט געקענט פאָרשטעלן, אז דאָס איז אונדזער לעצטע טרעפונג.

הארט פארן אויסברוך פון דער דייטש-סאָוועטישער מלחמה איז ביי זיי געבוירן געוואָרן א מיידעלע. דאָס יונגע פאָרפאָלק איז געווען איבערגליקלעך, אָבער נישט אויף לאנג...

דעם 22סטן יוני 1941 האָבן די דייטשן אָנגעגריפן דעם ראטנפארבאנד און שוין דעם ערשטן טאָג פון דער מלחמה האָבן דייטשע עראָפּלאנען באָמבארדירט פיל שטעט און מיליטערישע אָביעקטן אין פארשיידענע שטעט אין ראטנפאר־באנד. אויך בערדיטשעוו איז שטארק באָמבארדירט געוואָרן. די שטאָט האָט געברענט, פיל הייזער זענען צעשטערט געוואָרן און פיל מענטשן זענען לעבע־דיקערהייט באגראָבן געוואָרן אונטער די חורבות.

די סאָוועטישע מאכט אין בערדיטשעוו, נעמענדיק אין אכט די געשאפענע לאגע האָט באשלאָסן צו עוואקואירן פון שטאָט די פאבריקן און וויכטיקע מילי־טערישע אָביעקטן טיף קיין רוסלאנד.

די ארבעטער האָבן שנעל גענומען דעמענטירן די פאבריקן און עס איז געמאָלדן געוואָרן, אז אלע ארבעטער מוזן פארלאָזן די שטאָט און מיטפאָרן צוזאמען מיט די דעמאָנטירטע פאבריקן קיין רוסלאנד.

משה־נחום בערמאן, וועלכער האָט זיך געפונען אין יענער צייט אין בער־דיטשעוו, האָט מיר דערציילט, אז ער האָט זיך געטראָפן מיט בערלען דעם 3טן יולי 1941. ער האָט אים איבערגעגעבן וועגן אלע ארבעטס־פלעצער און פאברי־קן, וועלכע עוואקואירן זיך צוזאמען מיט די ארבעטער קיין רוסלאנד. משה־נחום בערמאן האָט בערלען איבערגעגעבן, אז לויטן גראפיק פון דער עוואקואציע פון בערדיטשעוו, וועט ער זיך עוואקואירן מיט זיין פאבריק דעם 5טן יולי 1941, אויב עס וועלן נישט זיין קיין פלוצלינגדיקע ענדערונגען.

משה־נחום האָט פאָרגעלייגט בערלען, אז ער זאָל זיך אויך עוואקואירן מיט זיין פרוי און קינד פון בערדיטשעוו קיין רוסלאנד. די לאגע אויפן פראָנט איז געווען זייער א שווערע. די רויטע ארמיי האָט יעדן טאָג פארלאָזט שטעט און שטעטלעך און בערדיטשעוו איז שוין אויך געווען נאָענט פון פראָנט. שווערע

קאמפן האָט די רויטע ארמיי געפירט אויף דער אוקראַינישער טעריטאָריע און זי איז נישט געווען אומשטאנד צו אָפּשטעלן דעם דייטשן אָנגריף.

עס איז פאר אלעמען געווען קלאָר, אז בערדיטשעוו וועט אין גיכן אָקופירט ווערן פון די דייטשן און ווער עס וועט באצייטנס נישט אנטלויפן פון שטאָט וועט ארונטערפאלן אונטער דער דייטשער אָקופאציע און דאן ווער ווייס וואָס פארא גורל עס דערווארט דאָרט די יידן, ווען די בלוטדורשטיקע נאציס וועלן דאָרט הערשן...

בערל האָט אים געענטפערט, אז די משפחה פון זיין פרוי האָט זיך נאָך נישט דעצידירט צו פארלאָזן בערדיטשעוו און אז ער מיט זיין פרוי קענען נישט פאר־לאָזן דער פרויס עלטערן און אָן זיי קען ער מיט זיין פרוי און מיט א קליין קינד אויף די הענט זיך נישט לאָזן אין א ווייטן וועג טיף קיין רוסלאנד.

דאָס איז געווען די לעצטע באגעגעניש פון משה־נחום בערמאן מיט בער־לען. מער האָט ער אים נישט געזען און קיינער ווייסט נישט פון זיין גורל.

נאָך לאנגע יאָרן זוכונגען זענען בערלס שפורן נישט אנטדעקט געוואָרן און ביזן היינטיקן טאָג איז אונדז נישט געלונגען זיך דערוויסן וועגן זיין טראגישן גורל. אין הארצן איז פארבליבן דער טיפער צער און ווייטאָג. און אזא שטייט פאר מיינע אויגן די געשטאלט פון מיין יונגסטן ברודער בערל און אזא געדענק איך אים: א יונגער הויכער שיינער בוים, וואָס איז אָפּגעהאקט געוואָרן אין זיין בליענדיקן עלטער פון 22 יאָר.

בערל איז אומגעקומען מיט זיין פרוי ברכה און מיט זיין קליין קינד נישט איבערלאָזנדיק נאָך זיך קיין שום שפור.

ברוך גאָלדשער

אין דייטשער געפאנגעשאפט

איך בין געבוירן אין יאָר 1917. אין יאָר 1939 האָט מען מיך גערופן צום פוילישן מיליטער־דינסט און איך בין צוגעטיילט געוואָרן צום 82סטן פוסגייער־פּאָלק, וואָס האָט סטאציאָנירט אין בריסק.

צוערשט האָב איך אדורכגעמאכט די רעקרוטן־צייט און מען האָט אונדז אויסגעשולט גוט צו שיסן און אנדערע מיליטערישע דיסציפלינען, וואָס יעדער זעלנער דארף אדורכגיין במשך פון זיין מיליטערישער דינסט.

מיין אמביציע איז געווען צו זיין א גוטער שיסער און איך האָב באמת דערגרייכט גוטע רעזולטאטן. בעת די פארמעסטונגען צווישן די זעלנער, האָב

איך באקומען אן אויסצייכענונג און אלס אָנערקענונג האָב איך באקומען א מתנה א זייגער פון דער קאָמאנדשאפט פון מיין פאָלק.

א קורצע צייט פארן אויסברוך פון דער פויליש־דייטשער מלחמה איז די לאגע אין פוילן געווען זייער געשפאנט און אלע סימנים האָבן באוויזן, אז ס׳וועט אויסברעכן א מלחמה צווישן פוילן און דייטשלאנד, די פראגע איז נאָר געווען ווען? די פוילישע ארמיי איז געווען אין פולן קריגסצושטאנד און מיר האָבן געוואַרט אויף א באפעל צו פארנעמען פאָזיציעס אויף דער דייטשער גרענעץ.

דעם 1טן סעפטעמבער 1939 פארטאָג האָט די דייטשע ארמיי אָנגעריפן די פוילישע פאָזיציעס אויפן פראָנט. דער דייטשער לופט־פלאָט האָט אָן אויפהער באָמבארדירט וויכטיקע מיליטערישע אָביעקטן; אעראָדראָמען, אייזנבאן־ליניעס, פאבריקן און שטעט אין פארשיידענע עקן פון פוילן. די דייטשע טאנקען האָבן געשטראָמט אָן אויפהער אויף דער פוילישער טעריטאָריע און נאָך זיי איז געפאָרן ארטילעריע און מעכאניזירטע טיילן פון פוסגייער־מיליטער.

אויף די פארטיידיקונגס־פאָזיציעס אויפן פראָנט

אונדזער פאָלק האָט שטארק געקעמפט קעגן די דייטשן און אָן אויפהער אָפגעשלאָגן די פילצאָליקע אטאקעס אויף אונדזער פראָנט1אָפשניט אין וויעלון אָבער די איבערגעוויכט פון דעם דייטשן מיליטער איז געווען אזוי גרויס, אז מיר האָבן נישט געקענט איינהאלטן אונדזערע פאָזיציעס און מיר האָבן באקומען א באפעל זיך צוריקציען. מיר האָבן זיך צוריקגעצויגן אין דער ריכטונג פון לאָדזש, אָבער אָפטערטנדיק האָבן אונדז די דייטשן אָן אויפהער אטאקירט און אויף אונדזער זייט זענען געווען פילצאליקע טויטע און פארוואונדעטע.

ווען מיר זענען צוגעקומען צו לאָדזש, האָט די שטאָט געברענט און ארום דער שטאָט זענען שוין געווען פיל דייטשן. מיר האָבן באקומען א באפעל צו גיין אין דער ריכטונג פון ווארשע. די אפראָוויזאציע איז געווען צעשטערט, ווייל די דייטשן האָבן אָן אויפהער באָמבארדירט די מיליטערישע אָבאָזן, אָבער די באפעלקערונג האָט אונדז געהאָלפן מיט שפייז און די מענטשן האָבן אונדז מאָראליש געמונטערט. א קוואל פון פוילישן פאטריאָטיזם האָט זיך געעפנט ביי די פאָליאקן און זיי האָבן אונדז זייער שטארק מיטגעפילט ווי מיר פארלירן איין פאָזיציע נאָך דער צווייטער אויפן פראָנט.

מיר זענען אָנגעקומען אין ציטאדעל, דאָרטן האָב איך זיך געטראָפן מיטן זעלנער יצחק שווארץ פון לאָמאז. ביידע זענען מיר געווען באזאָרגט פון דער שלעכטער לאגע אויפן פראָנט און מיר האָבן נישט געקענט וויסן וואָס וועט מיט אונדז געשען.

מיר האָבן באקומען א באפעל זיך רירן אין דער ריכטונג צו דער פעסטונג

מאַדלין ביי ווארשע, כדי מיר זאָלן זיין דער פאַרפאָסטן פון דער פארטיידיקונג פון ווארשע.

אין מאַדלין האָט געקעמפט א פאָלק אין דער מאַדלינער פעסטונג און די דייטשן האָבן נישט געקאָנט אזוי לייכט צו דעראָבערן די מאַדלינער פעסטונג. די פארטיידיקערס פון דער פעסטונג האָבן געשטעלט א העפטיקן ווידער־שטאנד די דייטשן און טראָץ דעם, וואָס עס זענען געפאלן פיל קרבנות און פארוואונדעטע האָבן די פוילישע זעלנער גורם געווען די דייטשן גרויסע פארלוסטן.

אין לאגער פאר קריגס־געפאנגענע פון דער פוילישער ארמיי

אין מאַדלין האָבן מיר געקעמפט א קורצע צייט, אָבער מיר זענען נישט געווען בכוח איינצוהאלטן די פאָזיציעס. די דייטשן איז געלונגען צו דעראָבערן די מאַדלינער פעסטונג און זיי האָבן גענומען אין געפאנגענשאפט דעם גאנצן פוילישן גאַרניזאָן.

מ׳האָט אונדז אוועקגעשיקט קיין טשענסטאָכאָוו, ווו די דייטשן האָבן אונדז אריינגעפירט אין א פראָוויזארישן קריגס־געפאנגען־לאגער. דאָרטן האָט מען אונדז געהאלטן אין זייער שלעכטע באדינגונגען.

אין דעם קריגס־געפאנגענען לאגער בין איך געווען בלויז עטלעכע וואָכן און נאכער האָט מען אלע פוילישע קריגס־געפאנגענע פון דעם לאגער אריבער־געפירט אין א סטאבילן לאגער פאר קריגס־געפאנגענע אין דער שטאָט ווראָניע, וועלכע געפינט זיך צווישן ביאלע פאָדלאסקע און מעזריטש.

אין דעם קריגס־געפאנגענען לאגער אין ווראָניע האָב איך זיך געפונען נישט לאנג. אין רעזולטאט פון דער שלעכטער דערנערונג און סיסטעמאטישן הונגער, איז מיין אָרגאניזם אָפגעשוואכט געוואָרן און איך בין קראנק געוואָרן.

די דייטשע קאָמאנדשאפט פון דעם לאגער איז נישט געווען פאראינטערע־סירט צו דערטיילן מעדיצינישע הילף פאר די קראנקע קריגס־געפאנגענע און נאָך א קורצער אונטערזוכונג פון דאָקטוירים האָט מען מיך באפרייט פון דעם לאגער.

נאָך דער באפרייונג פון קריגס־געפאנגענען לאגער בין איך אוועק קיין ווארשע און איך האָב דאָרט געארבעט ביי א חבר ביי רעמאָנט. דאָס לעבן אין א גרויסער שטאָט איז מיר נישט געווען צום הארצן. דאָס לעבן אונטער דער דייטשער אקופאציע אין ווארשע איז געווען שווער און נאָך אלעמען האָב איך געוואָלט זיין צוזאמען מיט מיין משפחה אין די שווערע מלחמה־טעג אין לאָמאז.

איך בין געקומען קיין לאָמאז, אָבער אויך אין לאָמאז איז געווען דאָס לעבן זייער שווער. איך האָב דאָרט נישט געהאט וואָס צו טאָן און ווען די סאָוועטן האָבן פארלאָזט לאָמאז, בין איך אוועק מיט זיי קיין בריסק.

אין בריסק איז צו יענער צייט געווען א גרויסע קאָנצענטראַציע פון יידישע פּליטים. די סאָוועטישע מאכט האָט געמאָלדן, אז ווער עס וויל זיך פארשרייבן אויף ארבעט אין פארשיידענע שטעט אין ראטנפארבאנד קען זיך מעלדן אין ארבעטס־ביוראָ אין בריסק.

איך האָב זיך פארשריבן אויף ארבעט און מ׳האָט מיך אוועקגעשיקט אין דער שטאָט גאָמעל אין ווייסרוסלאנד, נישט ווייט פון מינסק. דאָס לעבן דאָרט אין גאָמעל אלס פּליט, אליין אָן א משפחה, איז געווען זייער שווער און איך האָב זיך דאָרט נישט געקענט אבסאָרבירן. חוץ דעם האָב איך געוואָלט העלפן מיין משפחה כדי זיי זאָלן קענען אדורכהאלטן די שווערע מלחמה־צייט.

איך האָב זיך צוריקגעקערט קיין לאָמאז נאָך לאנגע און שווערע פּעריפּע־טיעס און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן דאָס שווערסטע קאַפּיטל אין מיין לעבן.



פארטיזאנער אין די וועלדער

השואה

הירשקע גליק

דאָס ליד פון די יידישע פּארטיזאנער

זאָג נישט קיינמאָל, אז דו גייסט דעם לעצטן וועג
הימלען בלייענע פארשטעלן בלויע טעג.
קומען וועט נאָך אונדזער אויסגעבענקטע שעה
ס׳וועט א קלאפּ טאָן אונדזער טראָט: מיר זענען דאָ!

פון גרינעם פּאלמענלאנד ביז ווייסן לאנד פון שניי
מיר זענען דאָ מיט אונדזער פּיין, מיט אונדזער וויי,
און ווו געפאלן איז א טראָפּ פון אונדזער בלוט
שפּראָצן וועט דאָרט אונדזער גבורה, אונדזער מוט.

ס׳וועט די מאָרגן־זון פארגילדן אונדז דעם היינט
אונדזער נעכטן וועט פארשווינדן מיטן פיינט
און אויב פארזאמען וועט די זון און דער קאיאָר
ווי א פּאראָל זאָל זיין דאָס ליד פון דור צו דור.

געשריבן איז דאָס ליד מיט בלוט און נישט מיט בליי
ס׳איז נישט קיין לידל פון א פויגל אויף דער פריי
נאָר ס׳האָט א פאָלק צווישן פאלנדיקע ווענט
דאָס ליד געזונגען מיט נאגאנעס אין די הענט.

טאָ זאָג נישט קיינמאָל אז דו גייסט דעם לעצטן וועג,
הימלען בלייענע פארשטעלן בלויע טעג
קומען וועט נאָך אונדזער אויסגעבענקטע שעה
ס׳וועט א קלאפּ טאָן אונדזער טראָט: מיר זענען דאָ!

השואה

יצחק קאצענעלסאָן

דאָס ליד פונעם אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק

— ווי קאָן איך זינגען — אז ס'איז די וועלט מיר וויסט?
ווי קאָן איך שפּילן מיט פארבראָכענע הענט?
ווו זענען מיינע טויטע? איך זוך די טויטע מיינע, גאָט, אין יעדן מיסט,
אין יעדן בערגל אש: — אָ, זאָגט מיר ווו איר זענט?

שרייט ארויס פון יעדן זאמד, פון אונטער יעדן שטיין,
פון אלע שטויבן שרייט, פון אלע פלאמען, פון יעדן רויך —
ס'איז אייער בלוט און זאפט, עס איז דער מארך פון אייער ביין,
ס'איז אייער לייב און לעבן! שרייט ארויס, שרייט הויך!

שרייט ארויס פון חיות־אינגעווייד אין וואלד, פון פיש אין טייך —
איך וויל א געוואלד, א ווייגעשריי, א קול, פון אייך,
זיי האָבן אייך געגעסן, שרייט פון קאלכאויוונס, שרייט קליין און גרויס.
שריי, אויסגעהרגעט יידיש פאָלק, שריי ארויס!
אָ, ווייז זיך מיר, מיין פאָלק, באווייז זיך, שטרעק די הענט
ארויס פון גריבער טיף און מיילן־לאנג און אָנגעפּראָפּט געדיכט,
שיכט אונטער שיכט, מיט קאלך באָגאָסן און פארברענט,
ארויס! ארויס! שטייגט פון דער אונטערשטער, דער טיפסטער שיכט!

קומט אלע פון טרעבלינקע, פון סאָביבאָר, פון אָשעוויענטשים,
פון בעלזשעץ קומט, קומט פון פּאָנארי און פון נאָך, פון נאָך, פון נאָך!
מיט אויגן אויפגעריסן, פארגליווערטע א געשריי, א געוואלט און אָן א שטים,
פון זומפּן קומט, פון בלאטעס איינגעזונקען טיף, פון פוילן מאָך — — —

קומט געטריקנטע, צעמאָלענע, צערייבענע, קומט, שטעלט זיך אויס,
אין א קאראהאָד, א ראָד, א ראָד א גרויסן ארום
זיידעס, באָבעס, מאמעס מיט די קינדערלעך אין שויס —
קומט ביינער יידישע פון פּראָשקעס פון שטיקלעך זייף.

אני הגבר, איך בין דער מאן, וואָס האָט זיך צוגעקוקט, וואָס האָט געזען
ווי מען האָט די קינדער מיינע, מיינע פרויען, מיינע יונגע און מיינע אַלטע לייט
אין וועגענער געוואָרפן, ווי שטיינער זיי אַריינגעשליידערט דאָרט ווי שפּען.
און געשלאָגן זיי גאָר אָן רחמנות און גערעדט צו זיי פאַרשייט.

און איצט? איר זענט וואַגאָנען, לאַסט־וואַגאָנען איצט, איר קוקט זיך צו,
איר שטומע עדות פון אַ לאַסט אַזאַ און פון אַזאַ אַ פּיין און פון אַזאַ אַ נויט!
איר האָט זיך שטומע און פאַרמאַכטע צוגעקוקט, אָ, זאָגט וואַגאָנען, ווו
איר פירט, איר האָט דאָס פאָלק, דאָס יידישע, אַרויסגעפירט צום טויט?

די ערשטע אומצובּרענגען זען׳ געווען קינדער, יתומימלעך פאַרלאָזענע,
עס הייסט
דאָס בעסטע אויף דער וועלט, דאָס שענסטע וואָס די ערד, די פינצטערע,
פאַרמאָגט!
אָ, פון די עלנטע יתומימלעך און קינדערהיימען וואָלט געוואַקסן אונדז
אַ טרייסט,
פון די אומעטיקסטע, שטומע פּנימלעך, די חושכדיקע, וואָלט געטאָגט אונדז,
וואָלט געטאַנצט!

זיי זען׳ געווען די ערשטע, די גענומענע צום טויט, די ערשטע אויף דער פור,
מען האָט געוואָרפן אין די וועגענער די גרויסע זיי, ווי הויפנס מיסט, ווי מיסט —
און אָוועקגעפירט זיי, אויסגעהרגעט זיי, פאַרניכטעט זיי, ס׳איז קיין שפּור
פון זיי, פון מיינע בעסטע, ניט געבליבן מער! אָך וויי איז מיר און ווינד איז
מיר און וויסט׳

עס וועט די זון מער אין איר אויפשטייג איבער קליין אַ שטעטעלע אין ליטע
אין פּוילן ניט טרעפן שוין אַ ייד.

פרץ קאופמאן

געיאָגטע פון יידן־שנאה

איך בין געבוירן אין לאָמאז, ווו מיין משפחה האָט געלעבט ביזן אויסברוך
פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. די לאָמאזער יידן זענען דערשיטערט געוואָרן
פון דער ידיעה, אַז דייטשלאַנד האָט דערקלערט קריג פּוילן און שוין אין די

ערשטע טעג פון דער מלחמה האָבן דייטשע עראָפלאַנען באמבארדירט די פוילישע שטעט און וויכטיקע מיליטערישע אָביעקטן ווי אעראָדראמען, באַן־סטאַציעס, מיליטערישע פאבריקן א. א.

מיטן אקופירן לאָמאז דורך די דייטשן האָט אונדזער שטאָט געביטן איר פנים פון טאָג צו טאָג. לאָמאז איז נישט געווען צו דערקענען. שוין אין די ערשטע טעג פון דער מלחמה האָט לאָמאז אויפגענומען פילצאָליקע פליטים פון די צענטראלע און מערבדיקע שטעט פון פוילן. זיי זענען אנטלאָפן פון זייערע היימען, איבערלאָזנדיק זייער האָב און גוטס אויף הפקר.

די געשעפטן האָבן זיך פארמאכט און די דייטשע מאכט האָט ארויסגע־געבן שווערע פאראָרדענונגען קעגן די יידן, וואָס האָט באשווערט דאָס לעבן. די דייטשע מאכט־אָרגאַנען האָבן באגרענעצט די עקזיסטענץ פון דער יידישער באפעלקערונג אלס יידן און אלס מענטשן.

די יידן אין לאָמאז האָבן געלעבט אין באדינגונגען פון א געטאָ־לעבן. טראָץ דעם, וואָס דאָס געטאָ אין לאָמאז איז נישט געווען ארומגעצאַמט ווי אין אנדערע געטאָס אין דער סביבה איז זיי געווען פארבאָטן ארויסצוגיין אין גאַס. די דייטשן האָבן באפוילן, אז די יידן זאָלן זיצן אין די שטובן, כדי זיי נישט צו דערמעגלעכן צו קאָנטאַקטירן זיך מיט די קריסטן, נישט קויפן ביי זיי קיין שפייז־ארטיקלען. די דייטשן האָבן געוואָרנט, אז ווער פון די יידן וועט זיך באווייזן אויף די גאסן, וועט באלד דערשאָסן ווערן.

די יידן זיצנדיק פארשפארט אין די שטובן נישט האָבנדיק קיין קאָנטאַקט מיט דער אויסערלעכער וועלט, האָבן געהונגערט. באזונדערס האָבן געליטן פון הונגער די קינדער. זיי איז פארבאָטן געוואָרן צו שפילן זיך אויפן שויס פון דער נאטור. זיי האָבן נישט געקענט געניסן פון דער ווארעמקייט פון די זון־שטראַלן. די קינדער האָבן אין געטאָ פארלוירן זייער קינדהייט. די עלטערן האָבן ליידער זיי נישט געקאָנט העלפן און זייערע הערצער האָבן געבלוטיקט צוקוקנדיק זיך ווי די קינדער צאנקען פון טאָג צו טאָג.

אין די מלחמה־יאָרן האָב איך זיך אויסבאהאלטן אין דער סביבה פון לאָמאז. כמעט יעדע וואָך פלעג איך זיך אריינגנבענען קיין לאָמאז אומבא־מערקטערהייט. דאָס געפינען זיך אין שטאָט איז געווען סכנות נפשות, ווייל אויף יעדן טריט און שריט פלעג איך זיך אָנטרעפן אויף א חיה'שער שנאה מצד די קריסטן.

אָבער טראָץ די אלע סכנות, איז דאָס קומען אין לאָמאז כאָטש אויף א קורצער צייט געווען א גרויסע דערלייכטערונג און דאָס האָט מיר צוגעגעבן א מאָראלישן כוח און מוט כדי אדורכצולעבן די שווערע אָקופאציע־יאָרן, ווייל אומעטום ווו איך האָב זיך נאָר באוויזן האָט געלויערט א טויט־געפאר.

מיין משפחה האָט געפונען א באהעלטעניש ביי א פויער, וועלכער האָט מסכים געווען אונדז אויסבאהאלטן פאר א געוויסן אָפּצאָל פארשטייט זיך. וועגן דעם אז דער פויער ביי וועלכן מיר האָבן זיך אויסבאהאלטן טוט עס פאר א געוויסן אָפּצאָל, האָט ארויסגערופן א שנאה־געפיל ביי אנדערע פויערים און איינער אן אויסוואורף — א שונא ישראל, וואָס איז געווען צעפרעסן פון יידן — האס איז אוועק צו דער דייטשער קאָמענדאטור און האָט פארמסרט, אז ביי דעם און׳ דעם פויער געפינען זיך יידן אין א באהעלטעניש.

עס זענען באלד אָנגעקומען דייטשן. זיי האָבן ארומגערינגלט די שטוב און אלעמען פון מיין משפחה וואָס האָבן זיך דאָרט אויסבאהאלטן האָבן זיי דערשאָסן אויפן אָרט צוזאמען מיט דער קריסטלעכער משפחה ביי וועלכער מיר האָבן זיך אויסבאהאלטן — א מאן, זיין פרוי און זייערע 2 קינדער. דאָס איז געווען דער פרייז פאר אויסבאהאלטן יידן און אויך א וואָרענונג פאר אנדערע.

נאָך דער מלחמה בין איך געקומען קיין לאָמאז. דאָס שטעטל אונדזערס איז געווען ריין פון יידן. איך בין אריין אין מיין שטוב, ווו עס האָט געוווינט א קריסט. איך האָב אים דערקלערט, אז דאָס איז די שטוב פון מיינע עלטערן. דאָ בין איך געבוירן געוואָרן און דאָ האָט מיין משפחה געלעבט ביז זייער טראָגישן אומקום.

דער קריסט האָט נישט געצווייפלט, אז דאָס הויז געהערט צו מיר, אָבער ער האָט מיך געוואָרנט, אז עס איז געווונטשן, אז איך זאָל זיך וואָס גיכער אָפּטראָגן פון דאנען — אנדערש האָט ער מיר געוואָרנט — זענען דאָ אין לאָמאז מענטשן, וועלכע וועלן מיך דערהרגענען...

דער קריסט איז געווען גערעכט

איך האָב גלייך פארלאָזט לאָמאז. מיט א שווערן געפיל האָב איך פאר־לאָזט מיין געבורט־שטעטל. איך האָב זיך איבערצייגט, אז אויך אין מיין געבורט־שטאָט קען איך נישט לעבן. די קריסטן אין לאָמאז זענען געווען צעפרעסן פון יידן־שנאה. זיי האָבן נישט געוואָלט זען א לעבעדיקן יידן אין לאָמאז. און נישט זעלטן האָבן זיי געגעבן אָנצוהערן, אז „ס׳איז א שאָד, וואָס היטלער האָט די אלע זשידעס נישט דערמאָרדעט״...

עס זענען געווען נישט וויייניק פאלן, ווען יידן ארויסגייענדיק פון זייערע באהעלטענישן, אָדער זיי האָבן זיך צוריקגעקערט פון די וועלדער אלס פארטי־זאנער, האָבן זיך דערוווסט געגנוי ווער ס׳האָט דערמאָרדעט זייערע משפחות. זיי זענען ארומגענומען געוואָרן מיט א נקמה־געפיל און זיי האָבן נישט פאר־לאָזט פוילן, ביז זיי האָבן דורכגעפירט דעם חשבון מיט די מערדערס פון זייערע

משפחות. די יידישע האנט פון נקמה האָט דערגרייכט צו די רוצחים און זיי האָבן באַקומען זייער שטראָף. אָבער די דערמאָרדעטע משפחות זענען געלעגן אין זייערע איינזאַמע קברים און זייער בלוט האָט גערופן צו נקמה...

באַלד נאָך דער באַפרייונג האָב איך זיך אינטערעסירט ווער פון די לאָמאַזער יידן האָבן זיך געראַטעוועט און באַזונדערס האָט מיר אינטערעסירט דער גורל פון אונדזער באַליבטן הרב יצחק־דב גרינבערג.

איך האָב זיך דערוווּסט, אַז הרב גרינבערג איז אַוועק צו זיין טאָכטער אין סלאַוואַטיטש. אין איינע פון די שחיטות איז זיין טאָכטער אומגעקומען צוזאַמען מיט אירע קינדער. איר מאַן לייבאָוויטש האָט זיך געראַטעוועט פון טויט און ער געפינט זיך איצט אין אַמעריקע.

דוד, דער זון פון הרב גרינבערג איז געווען אין סלאַוויטיטש אָבער ער איז געקומען צוריק קיין לאָמאַז און איז דאָרט אומגעקומען צוזאַמען מיט די לאָמאַזער קדושים. הרב גרינבערג איז וואַרשיינלעך אויך אומגעקומען מיט זיין משפחה אין סלאַוואַטיטש.

ברוך גאָלדשער

מיין אַנטלויפן פון דעם הריגה־פּלאַץ אין לאָמאַזער וואַלד

נאָכן פאַרנעמען לאָמאַז דורך די דייטשן, האָבן זיי קאָנצענטרירט אין שטאָט יידן פון די קלענערע ישובים פון דער אַרומיקער געגנט און צוזאַמען האָבן זיך דאַן געפונען אין לאָמאַז בערך אַרום 2000 יידן, מערסטנס פרויען און קינדער. די ענגשאַפט אין שטאָט איז געווען גרויס און יעדן טאָג האָבן די דייטשן אַרויסגעגעבן נייע גזירות:

אויפן לאָמאַזער יודנראַט האָבן די דייטשן אַרויפגעלייגט אַ געלט־קאָנטריבוציע און זיי האָבן געדראָט, אַז אויב די סומע געלט וועט נישט אַריינגעטראָגן ווערן אין דער דייטשער קאָמענדאַנטור וועט די דייטשע קאָמענדאַטור אָננעמען די האַרבסטע שריט כלפּי דער יידישער באַפעלקערונג.

צו אונדז זענען דערגאַנגען ידיעות, אַז די דייטשן שאַפן אין די אַרומיקע שטעטלעך און שטעט געטאָס פאַר יידן, וועלכע ווערן אַרומגעצאַמט מיט אַ פּלויט פון שטעכלדראָט. אויך אין לאָמאַז איז געשאַפן געוואָרן אַ געטאָ, אָבער ביי אונדז אין פאַרגלייך מיט אַנדערע געטאָס אין דער געגנט איז דאָס געטאָ נישט געווען אַרומגעצאַמט און אויך קיין וואַך איז נישט געשטאַנען ביי דעם געטאָ. אָבער דער אַריינגאַנג און אַרויסגאַנג פון געטאָ איז געווען שטרענג פאַרבאָטן און דער וואָס האָט געוואַגט אַרויסגיין פון געטאָ איז געווען אויסגעשטעלט

אויף טויט־שטראָף. יעדער געכאַפּטער ייד אויסערן געטאָ איז באַלד דערשאָסן געוואָרן.

גורלדיקע טעג

6 טעג אין אלול 1942. דאָס איז געווען דינסטאָג, 3 אזייגער פאַרטאָג, האָבן די דייטשן מיט דער הילף פון פוילישע און אוקראַינישע פּאָליציאַנטן ארומגערינגלט לאָמאז פון אלע זייטן. 3 קילאָמעטער פון לאָמאז האָט זיך געפונען א יידישער ארבעטס־לאַגער אין שענעיקאָ. אין דעם ארבעטס־לאַגער האָבן זיך געפונען א 70 מענער און 30 פרויען, וועלכע האָבן געארבעט ביי וואסער און ווירטשאַפט און געטאָן פאַרשיידענע ארבעטן אין דעם לאַגער.

דעם זעלבן דינסטאָג, ווען די דייטשן האָבן ארומגערינגלט לאָמאז, האָבן זיי גלייכצייטיק אויך ארומגערינגלט דעם ארבעטס־לאַגער שענעיקאָ. אין דעם זעלבן טאָג האָב איך זיך אויך געפונען אין דעם לאַגער.

די דייטשן האָבן ארויסגעפירט אלע יידן פון דעם לאַגער אויפן פּלאַץ פון דעם לאַגער און זיי האָבן אונדז שטארק צושלאָגן. זיי האָבן אויסגעקליבן מענער און מ׳האָט זיי באַפוילן זיך צו לייגן אויפן טיש און זיי מערדערלעך געשלאָגן מיט שטעקנס איבערן קערפּער און אין די קעפּ. שפּעטער האָבן די דייטשן אונדז אריבערגעפירט אין לאָמאזער געטאָ.

פירנדיק קיין לאָמאז, האָבן די דייטשן אונדז באַפוילן צו קריכן אויף אלע פיר. די מענטשן, וועלכע האָבן נישט געקאָנט קריכן, זענען באַלד דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט.

די אקציע אין לאָמאז

קומענדיק קיין לאָמאז, האָבן מיר שוין געזען, אז די שטאָט איז ארומגע־רינגלט מיט א שטארקן קאָרדאָן פון ס. ס. זשאַנדארמעריע, אוקראַינער און פּאָליאַקן. אלע יידן פון לאָמאז און פון דעם שענעיקער ארבעטס־לאַגער האָט מען אריינגעטריבן אויפן שול־פּלאַץ פון דער פּאָושעכנע שולע.

אויפן שול־פּלאַץ האָט מען גלייך געמאַכט א סעלעקציע: מענער באַזונ־דער און פרויען, קינדער באַזונדער. די דייטשן האָבן אונדז שטרענג פאַרבאָטן צו רעדן צווישן זיך. די מערדערס האָבן אונדז אלעמען געטריבן אין דער ריכטונג פון וואַלד. די יידן וואָס האָבן נישט געקאָנט גיין און דאָס זענען געווען קראַנקע און עלטערע מענטשן, זענען גלייך דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט. קינדער זענען צעשטאָכן געוואָרן מיט באַגנעטן פון די ביקסן.

אנטלויפן איז געווען אוממעגלעך, היות ווי מיר זענען געווען ארומגע־רינגלט מיט א שטארקע וואַך און צו דעם אלעמען האָבן די דייטשן אונדז

געבונדן מיט שטריק... דער וועג צום וואלד איז געווען אָפּגעשלאָסן מיט א באוואָפנטער וואך און דער גאנצער וועג צום וואלד איז געווען ארומגעשטעלט מיט מאשין־געווער.

דער מרחק צום וואלד איז געווען בערך א 2 קילאָמעטער און ווען מיר האָבן זיך דערנענטערט צום וואלד, האָבן זיך גלייך באוויזן באוואָפנטע דייטשן, אוקראאינער און פוילישע פּאָליציאַנטן און זיי האָבן אונדז אוועקגעפירט אין וואלד...

ווען מיר זענען אָנגעקומען אין וואלד, האָבן מיר גלייך פארשטאנען די כוונה פון די דייטשן: דאָ וועלן זיי מאכן א סוף צו אונדזערע לעבנס.

די עקזעקוציע אין לאָמאזער וואלד

ווען די דייטשן האָבן אונדז צוגעפירט אויפן באשטימטן פלאץ אין וואלד, האָבן זיי אונדז באפוילן זיך אויסטאָן נאקעט און באפוילן זיך אוועקלייגן מיטן פנים צו דער ערד, יעדע 10 מאן איינער נעבן דעם צווייטן.

די דייטשן האָבן אָפּגעקליבן פון אונדז די יונגע און פיזיש־שטארקע, זיי האָבן אונדז אוועקגעפירט אביסל ווייטער און באפוילן צו גראָבן גריבער. אויך איך בין געווען צווישן די גרעבערס...

מיר האָבן אויסגעגראָבן 2 גריבער, 8 מעטער לענג, 8 מעטער ברייט און 3 מעטער טיף. די גאנצע צייט, ווען מיר האָבן געגראָבן, האָבן אונדז באוואכט באוואָפנטע דייטשן און ווער עס האָט זיך געוואָלט אפּרוען, האָט באלד באקומען קלעפּ מיט די קאָלבעס פון די ביקסן. אפילו אויפהויבן דעם קאָפּ האָט מען נישט געטארט.

ווען די גריבער זענען שוין געווען אויסגעגראָבן, האָבן מיר אוועקגעלייגט ברעטער איבער די גריבער. די דייטשן מיט די אוקראאינער און די פּאָליאַקן האָבן געטריבן צו 10 מענטשן צו די אָפענע גריבער.

די ערשטע זענען געגאנגען די פרויען. די רוצחים האָבן ארויפגעפירט צו 2 פרויען אויף די ברעטער און מ'האָט זיי באלד דערשאָסן מיט מאשין־געווער. די דערשאָסענע זענען באלד טויטע אריינגעפאלן אין דעם אָפענעם גרוב.

די קינדער האָט מען נישט געשאָסן, נאָר זיי זענען דערשטאָכן געוואָרן מיט באגנעטן און לעבעדיקע האָט מען זיי אריינגעוואָרפן גלייך אין גרוב אריין. ווען די פרויען און די קינדער זענען שוין דערשאָסן געוואָרן, איז געקומען די ריי אויף די מענער: די גאנצע צייט, ווען מען האָט געשאָסן די פרויען און די קינדער, זענען מיר געלעגן מיטן פנים צו דער ערד. ווער ס'האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, האָט גלייך געקראָגן געשלאָגן מיט שטעקנס...

איך בין געלעגן ביי די אָפענע גריבער פון 8 אזייגער אין דער פרי ביז 4 נאָכמיטאָג און געוואַרט אויפן טויט. איך בין געווען דעצידירט צו אנטלויפן פאר יעדן פרייז: אויב ווערן דערשאָסן אין גרוב, איז שוין בעסער אומקומען פון א קויל לויפנדיקערהייט...

איך בין געלעגן נעבן שחיה צוקערמאן און איך האָב אים פאַרגעלייגט צו אנטלויפן מיט מיר, ווען די דייטשן וועלן אונדז פירן צום גרוב. אָבער ער האָט זיך נישט דעצידירט צו לויפן מיט מיר און א שאָד, אפשר וואָלט ער לעבן געבליבן. ליידער איז ער אומגעקומען צוזאמען מיט אלע לאָמאזער קדושים. דאָס זעלבע האָב איך אויך געוואָלט פאַרלייגן מיינע חברים, וועלכע זענען געלעגן נעבן מיר, אָבער איך האָב עס נישט באוויזן, עס איז אויך נישט געווען מעגלעך, ווייל די דייטשע מערדערס זענען געשטאנען איבער אונדז און האָבן שטרענג באוואכט.

ווען עס איז דערגאנגען מיין ריי צו שיסן, האָב איך זיך דעצידירט צו אנטלויפן, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס ארום אונדז זענען געשטאנען דייטשן מיט מאשין־געווער גרייט צו עפענען א פייער אויף דעם, וואָס וועט זיך אויפ־הויבן פון דער ערד און וועט פרווון אנטלויפן.

איך האָב אָבער נישט געזען קיין אנדער אויסוועג זיך צו ראטעווען. יעדע מינוט האָט דעצידירט מיין גורל. איך האָב זיך דעצידירט גלייך צו לויפן און אפשר וועט זיין מיין רעטונג דורך אנטלויפן. ארום מיר האָב איך געהערט די קולות און די יללות פון די פארווונדעטע. די דייטשן האָבן געשאָסן אן אויפהער. איך האָב נאָר געוואַרט אויף דער מינוט ווען די דייטשן וועלן אָנהויבן צו טרייבן די קרבנות צו דעם מאסן־קבר.

און אָט שפיר איך, אז די דייטשן דערנענטערן זיך צו מיר. איך האָב זיך אינסטינקטיוו שנעל אויפגעשטעלט און אָנגעהויבן צו לויפן. ווו איך לויף האָב איך זיך נישט פאַרגעשטעלט, אָבער מיט מיין גאנצן כוח בין איך געלאָפן. און אלס א געוועזענער פוילישער זעלנער, האָב איך געוווּסט, אז לויפן דארף מען זיגזאגיק און אזוי בין איך זיגזאגיק געלאָפן.

ווען די דייטשן האָבן באמערקט אז איך אנטלויף, האָבן זיי אָנגעהויבן צו שיסן אין מיין רעכטונג פון מאשין־געווער, אָבער זייער שיסן איז נישט געווען פינקטלעך, נישט געצילט און די קוילן זענען געפלויגן איבער מיין קאָפּ. צום גליק האָט מיך קיין קויל נישט געטראָפן.

איך בין געווען דער איינציקער, וואָס איז אנטלאָפן פון דעם הריגה־פלאַץ אין לאָמאזער וואלד. קיינער חוץ מיר האָט זיך נישט געראטעוועט בעת דער עקזעקוציע פון די לאָמאזער יידן אין וואלד. איך בין געלאָפן מיט א פאר־כאפטן אָטעם, נישט אָפּשטעלנדיק זיך אויף א רגע. ערשט ווען איך האָב זיך

שוין ווייט דערווייטערט פון דעם עקזעקוציע־פלאץ, בין איך א מידער אנידער־געפאלן אויף דער ערד.

איך בין געווען אינגאנצן נאַקעט. ווען איך בין געקומען צו מיינע כוחות, האָב איך זיך אויפגעהויבן פון דער ערד. די פרישע לופט האָט מיך ממש פאַר־שיכורט. אין קאָפּ זענען אדורך פאַרשיידענע מחשבות און איך בין נישט געווען מסוגל צו אָפּגעבן א דין וחשבון וואָס דאָ האָט פּאַסירט. איך האָב אליין נישט געגלויבט, אז מיר איז געלונגען צו אנטלויפן פון א זיכערן טויט.

אָפּרוענדיק זיך האָב איך אָנגעהויבן צו וואַנדערן אין לאָמאזער וואלד און אזוי האָב איך געוואַנדערט עטלעכע טעג. צו מיין גליק האָב איך באגעגנט א פויער און איך האָב אים דערציילט וועגן מיין אנטלויפן פון הריגה־פלאץ אין וואלד. דער פויער האָט געזאָגט, אז ער האָט געהערט די שאָסן אין וואלד און ער האָט פאַרשטאנען, אז דאָס הרגעט מען אויס די לאָמאזער יידן.

דער פויער האָט זיך מרחם געווען אויף מיר. קודם־כל האָט ער מיר געגעבן א שטיקל ברויט מיט וואסער כדי צו שטילן דעם הונגער. ער האָט מיך אוועק־געפירט צו זיך אין שטוב. געגעבן א פּאָר וועש צו אנטאָן, א פּאָר אלטע הויזן, אן אלטן ראָק און א פּאָר שיך. אזוי גייענדיק אין וואלד האָב איך זיך באגעגנט מיט 10 רוסישע קריגס־געפאנגענע, עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז זיי זענען אנטלאָפן פון א קריגס־געפאנגען לאגער און זיי האָבן זיך אָנגעהויבן צו אָרגאַ־ניזירן אין א פּאַרטיזאנער־גרופּע און איך בין צוגעשטאנען צו זייער גרופּע.

ביי טאָג זענען מיר געלעגן באהאלטן אין וואלד און די נעכט זענען מיר געגאנגען גנבענען עסן ביי די פויערים אין די דערפער. פאַרשטייט זיך, אז אָן געווער האָבן מיר גאָרנישט געקענט אויפטאָן. אָן געווער קאָן מען זיך אויך נישט באשיצן אין פאַל, ווען מיר טרעפן זיך אָן אויף דייטשן, אָדער פּוילישע פּאָליציאנטן. חוץ דעם האָבן מיר פּלאַנירט אָנצוהויבן זוכן פאַרבינדונגען מיט רוסישע פּאַרטיזאנער, וועלכע האָבן זיך דיסלאָצירט אין יענער זייט אויף יענעם זייט בוג.

אין משך פון עטלעכע טעג זענען מיר געגאנגען אין דער ריכטונג צום בוג, אָבער מיר האָבן קיינעם נישט געטראָפן פון דייטשן, אָדער פּוילישע פּאָליציי. מיר זענען געגאנגען בעיקר אין די נעכט.

ענדלעך זענען מיר אָנגעקומען צו דעם בוג און דאָרט האָבן מיר זיך באגעגנט מיט רוסישע פּאַרטיזאנער פון דעם פּאַרטיזאנער־אָטריאַד אויפן נאָמען קאַלינין. די פּאַרטיזאנער פון דעם אָטריאַד האָבן אויסגעפירט פאַרשיידענע פּאַרטיזאנישע אויפגאַבעס: אויפגעריסן בריקן, מינירט אייזנבאַן־רעלסן, צע־שטערט די טעלעפאָן־פאַרבינדונג, געמאכט זאסאדעס אויף די דייטשן א.א.וו.

די קאָמאנדשאפט פון דעם קאַלינין־אָטריאַד האָט מיך צוגעטיילט צו א

קאמף־גרופע און איך האָב אָנטייל גענומען אין פיל פארטיזאנישע אקציעס קעגן די דייטשן. אין דעם פארטיזאנער־אָטריאַד האָב איך זיך געפונען פון 15טן סעפטעמבער 1942 ביז דעם 10טן מאי 1944, ווען מיר האָבן זיך באגעגנט מיט דער רויטער ארמיי.

רבקה שווארץ (ווונדערבאום)

מיינע איבערלעבונגען אין די דייטשע קאָנצעטראציע־לאגערן

מיין משפחה האָט יאָרנלאנג געלעבט אין לאָמאז, דאָרט בין איך געבוירן געוואָרן אין יאָר 1921. מיינע עלטערן האָבן געהאט א ווארשטאַט פון רימערייַ. עטלעכע יאָרן פארן אויסברוך פון דער פויליש־דייטשער מלחמה איז מיין משפחה אריבערגעפאָרן קיין ווארשע.

מיין משפחה איז באשטאנען פון 7 נפשות: מיין פאָטער זעליג, די מוטער דינה, די ברידער אברהם־לייב און אהרון, די שוועסטער פערל, מלכה און רבקה.

דעם 1טן סעפטעמבער 1939 איז אויסגעבראָכן די מלחמה מיט די דייטשן. די דייטשן האָבן אטאקירט פוילן מיט א גרויסן כוח. זייערע באָמבארדיר־עראָפּלאנען האָבן אָן אויפהער באָמבארדירט ווארשע. די שטאָט האָט געברענט פון אלע זייטן און עס זענען געווען פיל טויטע און פארוווּנדעטע פון דער ציווילער באפעלקערונג און צווישן זיי נישט ווייניק יידן. די מענטשן אין שטאָט זענען געווען ארומגעכאפּט פון א גרויסער פאניק און פיל יידן האָבן באשלאָסן צו פארלאָזן די שטאָט און גיין אויף מזרח.

אונדזער משפחה האָט זיך צעטיילט: איך מיט מיין יינגסטן ברודער אהרון זענען ארויס פון ווארשע צוזאמען, אָבער אויפן וועג איז ער קראנק געוואָרן אויף טיפוס און אין עלטער פון 15 יאָר איז ער געשטאָרבן.

איך, מיין שוועסטער מלכה און די מוטער זענען אוועק צו אונדזער מומע, וואָס האָט געוווינט אין שטעטל וואָין. דער פאָטער איז אוועק קיין לאָמאז מיטן געדאנק, אז די גאנצע משפחה וועט זיך פאראייניקן און אלע וועלן קומען בשלום אהיים קיין לאָמאז. אָבער אין דער צייט האָבן די דייטשן אָנגעהויבן צו פאר־ווירקלעכן זייער טייוולאָנישן פּלאַן פון אויסראטן די יידן.

אין לאָמאז האָבן זיך אָנגעהויבן שחיטות און מיר האָבן זיך שפּעטער דערוווּסט, אז דער פאָטער איז אומגעקומען מיט אלע לאָמאזער יידן.

אין יאָר 1942 האָבן מיך די דייטשן געשיקט מיט מיין שוועסטער מלכה קיין סוכאָוואָליא צו ארבעטן שטוב־ארבעט ביי 12 ווערמאכט־לייט. אָפּארבעטנ־

דיק ביי די ווערמאכט-לייט 3 מאָנאטן, האָט דער יודנראט פון סוכאָוואָליא אונדז געשיקט ארבעטן ביי 2 געסטאפּאָ-לייט.

דערווייל האָבן די דייטשן ארויסגעגעבן פאראָרדענונגען קעגן די יידן אין וואָין, איין פאראָרדענונג ווילדער פאר דער צווייטער: יידן טאָרן נישט קויפן ביי גויים קיין שפייז; יידן איז פארווערט צו באוועגן זיך פון אָרט צו אָרט; יידן טאָרן נישט באזוכן קיין שום דאָרף ארום דער שטאָט און עס איז שטרענג פארווערט די יידן צו פארלאָזן זייערע הייזער נאָך 7 אָוונט. די דייטשע מאכט האָט געדראָט, אז דעם ייד וועלכן מ׳וועט כאפן אין גאס נאָך 7 אזייגער וועט גלייך דערשאָסן ווערן.

איך האָב געארבעט עטלעכע חדשים אין א לאנדווירטשאפטלעכע פערמע ביי ערד-ארבעט. אין צווישנצייט איז ארויס א באפעל, אז פרויען און קינדער וועלן אריבערגעפירט ווערן קיין פארטשעוו.

איך האָב באגלייט מיין מוטער און מיין מומע מיט טרערן אין די אויגן אויפן וועג קיין פארטשעוו און אין הארצן האָט גענאָגט דער פחד און די זאָרג: צי וועלן מיר זיך נאָך זען און זיין צוזאמען?

אָנקומענדיק אין פארטשעוו האָט זיך אנטפּלעקט א שרעקלעך בילד: מענטשן האָבן זיך געוואלגערט מיט זייערע פעקלעך אין די גאסן. דייטשן און אוקראַינער זענען ווי ווילדע חיות געלאָפן הין און צוריק באוואָפנט מיט זייער געווער און האָבן אָנגעוואָרפן א שרעק אויף די אומגליקלעכע יידן. ווען פיל יידן זענען שוין קאָנצענטרירט געוואָרן אויפן פלאץ, איז פאָרגעקומען די אויסזידלונג.

מיין מוטער אויסנוצנדיק די מהומה און דעם כאאָס ארום, האָט באשלאָסן צו אנטלויפן. זי האָט זיך ביסלעכווייז דערווייטערט פון זאמלפונקט און איר איז געלונגען צו אנטלויפן נישט באמערקטערהייט. נאָכן אנטלויפן איז זי בשלום אָנגעקומען צוריק אין וואָין, אָבער לאנג האָט מען אונדז נישט געלאָזן זיין אין וואָין.

אין מעזריטשער געטאָ

אין 1942 האָט מען אונדז צוזאמען מיט פיל יידן פון וואָין אויסגעזידלט אין מעזריטשער געטאָ. די לעבנס-באדינגונגען אין מעזריטשער געטאָ זענען געווען זייער שווערע. די ענגשאפט איז געווען גרויס: אין איין צימער האָבן געוווינט אפשר 50 פערזאָן. פארשטענדלעך, אז עס איז געווען שמוציק.

קיין סאניטארע באדינגונגען זענען נישט געווען. אין געטאָ האָט מען מורא געהאט, אז ס׳וועט אויסברעכן א טיפוס-עפּידעמיע און דאן וועלן די דייטשן ליקווידירן די יידן אין געטאָ. אָבער דאָך, טראָץ די אלע שווערע באדינגונגען

און שמוץ האָט מען געהאַפּט, אז מ'וועט אפשר איבערלעבן. די מענטשן האָבן געהאָפט. פרומע יידן האָבן מתפלל געווען און געבעטן דעם אויבערשטן, אז ער זאָל זיך מרחם זיין אויף די אומגליקלעכע יידן אין געטאָ.

אויב די לאגע פון די מעזריטשער יידן איז געווען א שווערע, איז אָבער די לאגע פון די אויסגעזידלטע יידן געווען פילפאכיק שווערער.

אין יאנואר 1943 האָט זיך די לאגע פון די יידן אין מעזריטשער געטאָ באדייטנדיק פארערגערט. אויפן הארצן איז געווען זייער שווער, אן אומרו־איקייט האָט אלעמען באהערשט. אויף אלעמען האָט זיך פארשפרייט א מרה־שחורה און אן אימה. אין געטאָ האָבן זיך פארשפרייט קלאנגען, אז די שטעט־לער ארום מעזריטש זענען שוין אויסגעזידלט געוואָרן. וואהין? דאָס האָט האָט קיינער נישט געוווּסט, אָבער עס איז פאר קיינעם נישט געווען קיין ספק, אז די דייטשן וועלן אויך אין מעזריטש מאכן „יודענריין"... עס איז פאר קיינעם אויך נישט געווען קיין ספק, אז די ריי וועט אין גיכן קומען אויף מעזריטש.

יידן אין מעזריטשער געטאָ האָבן גענומען צו מאכן באהעלטענישן, כדי אין דער צייט פון אן אקציע אָדער אויסזידלונג זאָל מען זיך קענען אויסבאהאלטן.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן טעג און נעכט פון שרעק. עס האָט זיך געשפּירט, אז די דייטשן גרייטן פאר אונדז אין געטאָ עפּעס שרעקלעכעס. די לופט איז געווען אָנגעזאפּט מיט קלאנגען, אז די דייטשן גרייטן שוין די אויסזידלונג און יידן האָבן אָנגעהויבן זיך צו באהאלטן אין באהעלטענישן.

און פּלוצלינג, אין מיטן נאכט האָבן זיך דערהערט שיסערייען פון אלע זייטן און ווילדע אויסגעשרייען: „יודע ראוס! יודע ראוס!"... די געסטאפּאָ־לייט זענען געלאָפן פון שטוב צו שטוב אין געטאָ און האָבן געשאָסן אויף רעכטס און לינקס. א סך יידן זענען דערשאָסן געוואָרן אין זייערע הייזער און פיל פאר־ווונדעטע האָבן זיך געוואלגערט אויף די דילן אין שווערע אנגסטן.

איך האָב אליין געזען מיט מיינע אויגן ווי איינער א געסטאפּאָוויעץ האָט דערשאָסן די שוועסטער פון מענדל בערמאן פון לאָמאז. די וועלכע זענען נישט געטראָפן געוואָרן פון די דייטשע קוילן זענען ווי פארשטיינערט געוואָרן פון שרעק און מ'איז געלאָפן ווי משוגע פון איין אָרט צום צווייטן. אין יענע שווערע טעג האָבן מיר זיך געראטעוועט. אָבער נישט אויף לאנג...

און ווירקלעך אין די טעג פון 1טן און 2טן מאי 1943 האָט מען ארויסגע־נומען פיל יידן פון די באהעלטענישן און זיי קאָנצענטרירט אויפן מארקפּלאַץ. פון דאָרט האָט מען זיי געפירט צו דער באן־סטאציע צו פוס אונטער א שטרענ־גער וואך פון פּאָליציי און געסטאפּאָ. אויפן וועג האָבן די מערדער געבושעוועט און געשאָסן די, וועלכע זענען אָפּגעשטאנען אין וועג.

איך, מיינע שוועסטער מלכה און פערל און מיין מוטער זענען אויך ארויס־

געשלעפט געוואָרן פון אונדזער באהעלטעניש און פאר אונדזערע אויגן האָט זיך אנטפלעקט א שוידערלעך בילד: די גאסן פון מעזריטש זענען געווען פול מיט הרוגים. די דייטשן האָבן גערויבט און געמאָרדעט. אויף יעדן שריט און טריט האָט מען זיך אָנגעטראָפן אויף פארוויינטע פנימער. פאר קיינעם איז שוין נישט געווען קיין ספק, אז די אויסגעזידלטע יידן פון מעזריטשער געטאָ פירט מען נישט אויף ארבעט ווי די דייטשן האָבן געזאָגט, נאָר אין פארניכטונגס־לאגערן.

די אויסזיידלונג קיין מאידאנעק

דעם 3טן מאי 1943 האָבן די דייטשן באפוילן זיך צושטעלן אויפן זאמל־פלאץ אויפן מעזריטשער מארק. די גאסן ארום דעם מארק זענען געווען פארגאָסן מיט בלוט. ווען די מאסע יידן זענען אָנגעקומען אויפן מארק, זענען מיר גלייך ארומגערינגלט געוואָרן מיט פיל באוואָפנטע דייטשן, אוקראַינער און פוילישע פּאָליציאנטן. די דייטשן האָבן אויס „פארוויילונג" געשאָסן אין דעם עולם...

דער מארק איז שוין געווען צו קליין ארייננצונעמען אזוי פיל מענטשן. די מאי זון האָט געבאקט און די שטיקעניש אויפן מארק איז געווען זייער גרויס. די פארזאמלטע יידן זענען געווען דאָרשטיק און קיין טראָפּן וואסער איז נישט געווען צו טרינקען. אומעטום האָבן זיך געהערט די געוויינען און געשרייען פון פרויען און קינדער, אָבער דערווייל האָבן געשטראָמט צום מארקפלאץ אלץ מער און מער יידן, באגלייט דורך א שטארקער שמירה פון די דייטשע רוצחים.

ווען דער מארקפלאץ איז שוין געווען פול מיט יידן, האָט מען אונדז געטריבן צו דער באַן־סטאציע. די צעיושעטע דייטשן האָבן ברוטאל ארייננגע־טריבן די יידן אין די לאסטוואגאָנען, וועלכע זענען געווען אָנגעפאקט מיט פול יידן ווי הערינג אין א פאס. דער צוג האָט גערידט, עס האָט אויסגעפעלט לופט, פון גרויס דורשט האָבן מענטשן געלעקט די פייכטע ווענט פון די וואגאָנען.

נאָך א טאָג און נאכט פאָרן זענען מיר אָנגעקומען קיין מאידאנעק. ווען מ׳האָט געעפנט די טירן פון די וואגאָנען, זענען פיל יידן פון דעם טראנספּאָרט דערשטיקט געוואָרן און צווישן די דערשטיקטע מענטשן איז אויך געווען מיין קוזינקע דינטשע.

אין פארניכטונגס־לאגער מאידאנעק

ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין מאידאנעק, האָבן די רוצחים גלייך אָפּגע־טיילט די קינדער פון די מאמעס. עס זענען געווען פאלן, ווען די מאמעס פלעגן

זיך אָפּרופן אויפן רוף פון זייערע קינדער, האָט מען אויך די מאַמעס אוועק־געשיקט צוזאמען מיט די קינדער צו די גאז־קאמערן...

דער טאָג אין מאידאנעק האָט זיך אָנגעהויבן 4 אזייגער. מ׳האָט אונדז גלייך ארויסגעטריבן צום אפעל. די דייטשע אויפזעערס האָבן אויסגעקליבן די פיזיש־שטאַרקערע צו דער ארבעט און די שוואכע האָט מען געשיקט אין קרעמא־טאָריום.

באגינען איז געווען זייער קאלט. די לופט פייכט. דער גאנצער שטח פון דעם לאגער איז געווען באדעקט מיט א פייכטער ראַסע. די שיך האָט מען ביי אונדז צוגענומען גלייך ווי מיר זענען אָנגעקומען אין מאידאנעק און אזוי, זענען מיר אזוי געשטאנען באָרוועסע אויף דער פייכטער און קאלטער ערד.

די דייטשן האָבן געבראכט צום אפעל אויך ווארשעווער יידן, וועלכע זענען ארויסגעשלעפט געוואָרן פון די בונקערס נאָכן ליקווידירן דעם ווארשעווער געטאָ און מ׳האָט זיי געבראכט קיין מאידאנעק.

די געבראכטע ווארשעווער יידן זענען געווען פיזיש אָפּגעשוואכט און זיי האָבן נישט געקענט שטיין אויף די פיס. זיי זענען געלעגן אויף דער פייכטער ערד און די דייטשן האָבן זיי געקאָפּיעט מיט זייערע שטיוול. די עלטערע מענטשן און די קינדער האָט מען גלייך בעת דער סעלעקציע אָפּגעקליבן צו שיקן זיי אויף טויט.

דאָס זינלאזע מאטערן די אויסגעהונגערטע און געפייניקטע און די פאר־חלשטע פרויען איז אָנגעפירט געוואָרן דורך די ס. ס.־פרויען, און מיט א נאצישן סאדיזם און הנאה האָבן זיי געקוקט אויף די ארבעטנדיקע פרויען ווי זיי ארבעטן די שקלאפן־ארבעט. אויב איינע פון אונדז האָט געטראָגן א קלענערן שטיין, אָדער זי איז נישט שנעל געלאָפן מיטן שטיין, פלעגן זיי אומברחמנותדיק שלאָגן מיט בייטשן, און געשלאָגן האָבן זיי פאר דער מינדסטער זאך.

איך האָב אליין געזען ווי מ׳האָט אויפגעהאנגען א יידיש מיידל אויף דער תליה מיט דער באשולדיקונג, אז זי האָט געמאכט א פרווו צו אנטלויפן פון לאגער. דאָס מיידל איז געהאנגען אויף דער תליה עטלעכע טעג און בעת מיר זענען געשטאנען ביים אפעל, האָט מען אונדז געצוווּנגען צו קוקן אויף דער אויפגעהאנגענער מיידל. איר טויטער קערפּער האָט זיך געוואויגן אויף דער תליה דורכן ווינט הין און צוריק...

דאָס עסן איז געווען זייער ווייניק און נישט נאַרהאַפטיק: 10 מענטשן האָבן באקומען 1 ברויט, וועלכן מען האָט צושניטן אויף 10 גלייכע חלקים, אזוי, אז יעדער איינער האָט באקומען בערך 100 גראם ברויט. איין מאָל אין טאָג האָט מען באקומען אביסל וואסערזופּ.

מיר זענען געשלאָפן אויף פּריטשעס געמאכט פון ברעטער אין א גרויסן,

קאלטן באראק. קיין צודעקס האָבן מיר נישט באקומען, זענען מיר אזוי געלעגן אויף די הארטע ברעטער, אייגעקורטשעטע פון קעלט...

א געוויסן טאָג האָט מען אונדז געמאָלדן, אז עס גייט אָפּ א טראנספּאָרט פון מאידאנעק אין א צווייטן לאגער, אין וועלכן לאגער האָבן מיר נישט געוווּסט און מען האָט אונדז נישט געזאָגט.

איך בין געווען אין מאידאנעק עטלעכע חדשים און מ'האָט מיך אריינגעשטעלט אין דעם טראנספּאָרט צווישן די פרויען, וועלכע מ'האָט צונויפגעקליבן לויט א פריער צוגעגרייטער רשימה.

ענדלעך האָבן די אלע פרויען, וועלכע זענען אָפּגעקליבן געוואָרן צום טראנספּאָרט זיך צוגעשטעלט אויפן זאמלפונקט און מיר זענען געפאָרן אין אן אומבאקאנטער ריכטונג. אויפן וועג האָבן מיר זיך שוין דערוווּסט, אז מיר פאָרן אין א גאנץ אנדערער ריכטונג ווי מיר האָבן זיך פאָרגעשטעלט און ערשט נאָענט פון אוישוויץ האָבן מיר זיך דערוווּסט, אז מען שיקט אונדז אין דעם גרויסן טויט־לאגער פון וועלכן מ'קומט נישט צוריק...

אין טויט־לאגער אוישוויץ

ווען מיר זענען אָנגעקומען אויף דער ראמפּע אין אוישוויץ, האָבן מיר געזען א גרויסע אויפשריפט אויפן אריינגאנג־טויער די אויפשריפט: „ארבעט מאכט פריי"... באלד נאָכן אָנקומען פון אונדזער טראנספּאָרט אויף דער ראמפּע, האָט מען אונדז מיט ווילדע קולות ארויסגעטריבן פון די וואגאָנען: „שנעל!"... „שנעל!"... „ראוס!"... „ראוס!"...

ווען מיר זענען געשטאנען אויף דער ראמפּע, האָבן די דייטשן אדורכגעפירט א סעלעקציע: א טייל פרויען פון אונדזער טראנספּאָרט — די פיזיש־שטארקערע האָט מען אוועקגעשיקט אין א בלאָק (איך געדענק שוין נישט אין וועלכן בלאָק) און די פיזיש־שוואכע האָט מען געשיקט אויף אומקום אין קרעמאטאָריום.

אין בלאָק האָט מען אונדז אָפּגעשוירן די האָר און געגעבן א לאגער־נומער מיט א האלבן מגן־דוד.

מיר האָבן זיך אויסגעבאָדן מיט קאלט וואסער און מען האָט אונדז ארויסגעגעבן לאגער־קליידער מיט פּאסן.

אין אוישוויץ האָבן מיר באקומען 250 גראם ברויט און א זופּ וואָס איז באשטאנען פון געקאָכטע קראָפּיווע, געמישט מיט קאשטן־מעל. זייער אָפט פלעגט מען מאכן א דיזינפעקציע, דאן פלעגט מען זיך אויסטאן נאקעט אין דיזינפעקציע־קאמער און נאקעטערהייט פלעגן מיר גיין צוריק אין בלאָק...

יעדע וואָך פלעגן פאָרקומען סעלעקציעס, וועלכע עס האָט דורכגעפירט

ד"ר מענגעלע. מיט א שטעקעלע פלעגט ער אָנווייזן וועמען צו שיקן אויף רעכטס און וועמען אויף לינקס. די וועלכע מ'האָט געשיקט אויף לינקס — האָט באַדייט, אז זיי גייען אויף אומקום. צווישן די אסירים האָט געהערשט א גרויסע פאניק. מיר האָבן שוין געוווסט, אז אין קרעמאטאָריום ווערן פארברענט די געשיקטע אויף לינקס — אויף טויט. עס איז שווער איבערצוגעבן די געוויי־נען און די יללות פון די מענטשן אין אָנבליק פון טויט.

איך האָב געזען מענטשן וועלכע האָבן זיך געוואָרפן אויף די עלעקטרישע דראָטן, כדי צו באַגיין זעלבסטמאָרד. זיי האָבן נישט געקענט אריבערטראָגן די שווערע באַדינגונגען אין אוישוויצער לאגער.

יעדן פרימאָרגן פלעגט אונדז אויפוועקן פון שלאָף א האַסטיקער קלאַנג פון לאגער־גלאָק און עס האָבן זיך באַלד דערהערט די ווילדע געשרייען פון די „שטובאָווצעס", וועלכע פלעגן שרייען: „הערויס!", „הערויס!"... „צו דער ארבעט!". דאַן פלעגן מיר זיך שנעל אָנטאָן אונדזערע לאגער־מלבושים און מיר פלעגן פארלאָזן דעם באראַק.

אין דרויסן איז נאָך געווען שטאָק־פינצטער, א ביטערע קעלט האָט אדורכ־גענומען די ביינער. מיינע דערשראָקענע בליקן זענען שטענדיק געפאַלן אויף דעם בנין פון קרעמאטאָריום און פון זיינע הויכע קוימענס האָט געזעצט א שוואַרצער רויך, מיר האָבן געוווסט, אז דאָ ברענט מען מענטשן... דאָס דאָזיקע שוידערלעכע בילד פון דעם קרעמאטאָריום וועל איך קיינמאָל נישט פארגעסן כל זמן איך וועל לעבן.

אָפּזייענדיק אין אוישוויץ עטלעכע חדשים, האָט מען מיך מיט נאָך 10 מיידלעך צוגעטיילט ארבעטן אין סקלאַדן פון קאַרטאָפל, ברוקווע און קרויט צו זויערן. אונדזער אויפזעער איז אליין אויך געווען א העפטלינג, פלעגט ער אונדז טיילמאָל אין געהיים דערלויבן קאָכן א ביסל קאַרטאָפל און דאָס פלעגט אונדז פארלייכטערן דעם הונגער.

אין דער צייט האָבן די דייטשן פארגיכערט דעם טעמפּאָ פון ליקווידירן די יידן אין אוישוויץ. די קרעמאטאָריעס האָבן געארבעט אָן אויפהער.

דעם 14טן אָקטאָבער 1944 איז פּאָרגעקומען דער אויפשטאַנד פון דער זאָנדער־קאָמאנדע אין אוישוויץ. אין די סקלאַדן האָב איך געארבעט ביז די דייטשן האָבן גענומען ארויספירן די אסירים פון לאגער. דעם 18טן יאנואר 1945 האָט מען אונדז ארויסגעשיקט פון אוישוויץ.

דער טויטן־מאַרש פון אוישוויץ

די דייטשן האָבן אונדז אויסגעשטעלט אין רייען און מען האָט אונדז געטריבן צופוס דעם גאַנצן וועג, וואָס איז געווען אינגאַנצן פארשנייט און

לענגאויס דעם וועג זענען געווען הויכע אייז־גרודעס. ווער עס האָט נישט געקענט גיין גיך, אָדער דער וואָס איז אָפּגעשטאַנען אין וועג האָט תיכף באַקומען א קויל אין קאָפּ, דעריבער איז דער גאַנצער וועג פון אוישוויץ געווען אויסגעלייגט מיט דערשאָסענע מענטשן.

די דייטשן זענען געווען שטארק נערוועז. די רוסן האָבן זיך דערנענטערט צו אוישוויץ, און זיי האָבן מורא געהאַט, אז זיי קענען אריינפאלן אין די הענט פון די רוסן. מיר זענען געגאנגען אין דער באַגלייטונג פון דייטשע קאָנוואָיען. די העכערע אָפיצירן פון דער דייטשער וואך זענען געפאָרן רייטנדיק אויף פערד און האָבן געטריבן די מענטשן אין דער קאָלאָנע. ווער עס איז געווען שטארק דורשטיק האָט געלעקט דעם שניי. דער גאַנצער וועג איז געווען פאַר־גאָסן מיט יידיש בלוט.

ווען מיר זענען אָפּגעגאַנגען א שטיק וועג, האָט מען אונדז אריינגעפירט אויף א ספאָרט־פּלאַץ, וועלכער איז געווען פול מיט שניי און אייז און יעדער איינער פון אונדז האָט זיך געמוזט אוועקזעצן אין שניי.

אזוי האָט מען אונדז געפירט 3 טעג און נעכט אָן עסן. געשלאָפן זענען מיר גייענדיק אין מארש. ענדלעך האָבן מיר זיך דערשלעפּט קיין גלייוויץ. אָבער אין גלייוויץ האָבן מיר זיך לאַנג נישט פאַרהאַלטן.

מ׳האָט אונדז אריינגעזעצט אין אָפענע וואַגאָנען פון קוילן און מ׳האָט אונדז געפירט דורך בוכענוואַלד קיין בערגען־בעלזען.

אין בערגען־בעלזען

ווען מיר זענען אָנגעקומען אין דעם גרויסן לאַגער בערגען־בעלזען, האָט מען אונדז גלייך אריינגעטריבן אין א שמוציקן באַראַק. קיין פּריטשן זענען דאָרט נישט געווען, זענען מיר געשלאָפן אויף דער שמוציקער ערד. קיין וואַסער צום וואַשן זיך איז אויך נישט געווען, האָט זיך פאַרשפּרייט אין לאַגער די טיפוס־עפּידעמיע און דיזענטעריע. די טיפוס־עפּידעמיע האָט פאַרשניטן פיל לעבנס, ווייל קיין מעדיצינישע באַהאַנדלונג און קיין מעדיצינישע פּרעפּאַראַטן זענען דאָרט אין לאַגער אויך נישט געווען. די שטערבלעכקייט אין בערגען־בעלזען האָט אָנגענומען שרעקלעכע פאָרמען.

א שטיקל צייט האָב איך געאַרבעט אין דער לאַגער־קיך צוזאַמען מיט נאָך 8־9 מיידלעך און דאָס האָט אונדז געגעבן א מעגלעכקייט נישט צו הונגערן ווי פיל אַנדערע לאַגעריקעס. אָבער זייער פיל מענטשן אין בערגען־בעלזען האָבן נישט געקענט אויסהאַלטן דעם הונגער און זענען מיט דער צייט אָפּ־געשוואַכט געוואָרן און זיך פאַרוואַנדלט אין א „מוזלמאַן״ — דאָס הייסט א מענטש וואָס נישט ער לעבט און נישט ער שטאַרבט, א מענטש, וועלכער האָט

אינגאנצן פארלאָרן זיין מענטשלעך געשטאלט. אין בערגען־בעלזען בין איך געווען עפעס מער ווי 3 חדשים.

אָנהייב אפריל 1945 האָט זיך שוין געשפירט, אז די מלחמה גייט צו ענדע און אין לאגער האָט זיך געשפירט א שטארקע באוועגונג סיי פון די דייטשן און סיי פון די לאגערניקעס. פון מויל צו מויל האָט מען זיך געשושקעט, אז די דייטשן זענען שוין אנטלאָפן פון לאגער.

די באפרייונג

דעם 15 אפריל 1945 איז צוגעקומען א טאנק מיט עטלעכע ענגלישע זעל־נער. דער דייטשער לאגערפירער האָט זיי געוואָרנט, אז אין לאגער הערשט א טיפוס־עפידעמיע. אן ענלענדער איז אריין אין לאגער רייטנדיק אויף א פערד און ער האָט געטראָפן לעבעדיקע מענטשן, אָבער די מענטשן זענען שוין געווען שאטנס פון מענטשן.

די דייטשן, וועלכע זענען פריער אנטלאָפן פון לאגער זענען געקומען צוריק מיט ווייסע אָרעמבענדער אויף די הענט אלס צייכן פון קאפיטולאציע. די ענגלענדער האָבן באלד אנטוואָפנט די דייטשן און זיי האָבן געמאָלדן, אז די מענטשן אין לאגער זענען פריי...

די דייטשן, אוקראינער און אנדערע נידערטרעכטיקע טיפן, וועלכע האָבן מיטגעארבעט מיט די דייטשן, האָט מען גענומען אין געפאנגענשאפט. אייניקע דייטשן און אוקראינער האָבן געפרווט אנטליפן, האָט מען זיי באלד געכאפט און זיי זענען אויפן אָרט דערשאָסן געוואָרן. די דייטשקעס, וועלכע זענען געווען אין לאגער זענען אנטלאָפן באצייטנס און זיי זענען נישט שוין געקומען צוריק.

אין דעם טאָג פון דער באפרייונג האָבן זיך אָפגעשפיגלט הארצרייסנדיקע סצענעס. די באפרייטע לאגערניקעס האָבן זיך נישט געקאָנט באהערשן פון פרייד. טייל האָבן געלאכט, טייל האָבן היסטעריש געוויינט און עס זענען אפילו געווען פרויען, וועלכע האָבן נישט געקענט אויסהאלטן די גרויסע שפאנונג און דער ספאנטאנער איבערגאנג פון א שקלאפן־לעבן אין לאגער און פלוצ־לינג האָבן זיי זיך געפילט פריי, האָבן זיי ממש געחלשט. עס איז געווען זייער שווער צו באהערשן זיך. ענדלעך פריי! ענדלעך א סוף צו דעם נאצישן גיהנום! ..

ספאָנטאן האָבן די מענטשן אָנגעהויבן צו זינגען און דאָס געזאנג איז אונטערגעכאפט געוואָרן דורכן גאנצן עולם. עפעס ווי א נייער גייסט האָט אלעמען באהערשט. דעם 9טן מאי 1945 האָט זיך פארענדיקט די מלחמה. די ענגלענדער האָבן געפייערט דעם טאָג פון נצחון איבער דעם נאציזם אין לאגער, ווי דאָס איז כאראקטעריסטיש פאר זעלנער, וועלכע, האָבן בייגעטראָגן

צו דעם נצחון. די באראקן אין וועלכע ס'האָבן זיך געפונען די לאגערניקעס האָט מען פארברענט און די וווינונגען פון דעם דייטשן פערסאָנאל פון דעם לאגער האָבן די ענגלענדער איבערגעגעבן די לאגערניקעס.

אין בערגען־בעלזען בין איך פארבליבן נאָך דער באפרייונג איין יאָר. אלע באפרייטע פון די לאגערן, וואָס האָבן זיך געפונען אין יענער צייט, האָבן באקומען שטיצע פון דער „אונרא". נאָכער בין איך אוועק אין דער אמעריקא־נער זאָנע צו מיין קוזינקע.

אין יאָר 1947 האָב איך חתונה געהאט מיט יצחק שווארץ פון לאָמאז און אין יאָר 1949 זענען מיר עולה געווען קיין ישראל און אין מדינת ישראל האָבן מיר אָנגעהויבן א נייעם לעבן.

לאָמאז אין די טראגישע חורבן־יאָרן 1939—1942

(פון די מאטעריאלן פונעם יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין ווארשע)

דעם 1טן סעפטעמבער 1939, פרייטיק פרי, זענען די לאָזאמער איינוווינער דערשיטערט געוואָרן פון דער ידיעה, אז דייטשלאנד האָט דערקלערט קריג פוילן און אז די דייטשע עראָפּלאנען האָבן באָמבארדירט פוילישע שטעט און מיליטערישע אָביעקטן.

די ערשטע מלחמה־טעג האָבן צעטרייסלט די לאָמאזער יידן. די פאר־נעפלטע צוקונפט האָט זיי באאומרואיקט. עס האָט לאנג נישט געדויערט און די דייטשן האָבן אין די אָקופּירטע שטעט אין פוילן אָנגעהויבן אָנצוווענדן טעראָר־אקטן קעגן די יידן.

די אנטי־יידישע געזעצגעבונג, וועלכע האָט אנטהאלטן א סך דראקאָנישע געזעצן, האָבן לעגאליזירט די פארשידענע פאָרמען פון רעכטלאָזיקייט פון די יידן. איין גזירה איז געקומען נאָך דער צווייטער.

אָט זענען א טייל פון די גזירות, וועלכע זענען אָנגעווענדעט געוואָרן אין ביאלע־פּאָדלאסקער קרייז:

— דעם 12טן אָקטאָבער 1939 האָט דער גענעראל־גוּבערנאטאָר פון די פוילישע אָקופּירטע געביטן, ארויסגעגעבן א פאראָרדענונג, אז אויפן סמך פונעם דעקרעט פון קאנצלער פון דייטשלאנד היטלער וועגן אדמיניסטרירן די אָקו־פּירטע פוילישע געביטן איז פארבאָטן דאָס באנוצן זיך מיט דער אייזנבאַן דורך יידן...

— אין נאָוועמבער 1939 האָט די געסטאפּאָ ארויפגעלייגט א געלט־קאָנטריבוציע אויף די יידן פון ביאלע פּאָדלאסקע און מעזריטש. פארשטענד־

לער, אז יעדע רויב־אקציע אין ביאלע פּאָדלאסקע האָט נישט אויסגעמיטן די לאָמאזער יידן.

— אין מערץ 1940 איז ארויס א פאראָרדענונג, אז די יידן פון ביאלער און ראדזינער קרייז, מוזן זיך רעגיסטרירן צו צוואנגס־ארבעט, און היות ווי לאָמאז געפינט זיך אין ביאלער קרייז, איז דאָס אויך חל אויף די יידן פון לאָמאז.

— דעם 25סטן סעפטעמבער 1941 איז ארויס א פרישע פאראָרדענונג, אז עס איז **פארבאָטן** די קריסטן פון ביאלער קרייז דערלויבן א יידן אריינצונעמען צו זיך אין שטוב אויף איבערצונעכטיקן, געבן אים עסן און העלפן דעם ייד אין נסיעות. יעדער ייד, וואָס וועט געכאפּט ווערן אויף דער ארישער זייט, אויף די וועגן אָדער אין באנען, אָן א געהעריקער דערלויבעניש, וועט שטרענג באשטראפט ווערן.

דאָס אלץ האָט אָפּגעשניטן די מקורות פון פרנסה, פון די יידן און פון



די היטלעריסטן האבן פארוואנדלט די גרויסע פרעכטיקע שול אין לאָמאז אין א שטאל פאר פערד.

זייערע מינימאלסטע פארדינסטן. אין לאָמאז האָבן זיך געפונען צו יענער צייט א גרויסע צאָל פליטים פון אנדערע שטעט און א גרויסע צאָל נויטבאדערפטיקע לאָמאזער יידן, אָרעמע און קראנקע.

אין יענער צייט איז אין פוילן אנטשטאנען דער „יידישער הילפס־קאָמי־טעט". אין לאָמאז איז אנטשטאנען דער „הילפס־קאָמיטעט" דעם 17טן דעצעמ־בער 1939.

די טעטיקייט פון לאָמאזער „הילפס־קאָמיטעט"

מיט דעם לאָמאזער „הילפס־קאָמיטעט" האָבן אָנגעפירט געוועזענע גע־זעלשאפטלעכע טוער פון פאר דער מלחמה. דאָס פרעזידיום פון צענטראלן „הילפס־קאָמיטעט" האָט זיך געפונען אין קראָקע.

דער לאָמאזער „הילפס־קאָמיטעט" האָט געפירט זיין טעטיקייט אין דער פארשטענדיקונג מיט דעם הילפס־קאָמיטעט אין ביאלע־פאָדלאסקע. דער צוזא־מענשטעל פון דעם לאָמאזער „הילפס־קאָמיטעט" איז באשטעטיקט געוואָרן פון דעם פרעזידיום אין קראָקע און צו אים האָבן געהערט די פאָלגנדע מענטשן:

1. ישראל אליעזר שטיינקריצער — פאָרזיצער,
2. דוד פאָלאָסעצקי — פארטרעטער פון פאָרזיצער,
3. משה שקלאָזש — מיטגליד,
4. בן־ציון האנדלמאן — מיטגליד,
5. שלמה סטרוכאזש — מיטגליד.

באפולמעכטיקונג

דער יידישער „הילפס־קאָמיטעט" אין לאָמאז באפולמעכטיקט דערמיט דעם ה׳ משה שקלאזש אלס סעקרעטאר פון קאָמיטעט און קהילה־פארוואל־טונג אין לאָמאז צו קאָנפערירן מיט די „דזשאָינט"־פארשטייער איןווארשע.

די שווערע, נויטבאדערפטיקע לאגע פון די פליטים, וואָס געפינען זיך אין לאָמאז, ווי אויך די היגע יידישע איינוווינער, וועלכע נויטיקן זיך אין שטיצע און אין אָנבליק פון דער קאטאסטראָפאלער לאגע, אין וועלכער עס געפינט זיך דער היגער „הילפס־קאָמיטעט" צוליב דעם אָפּהאלטן זיך פון דער „דזש־איאָנט"־שטיצע איז געצוווּנגען צו איבעררייסן זיין טעטיקייט דעם 14טן דיזן מאָנאט מיט א דעפיציט פון 3246.20 זלאָטעס.

ה׳ משה שקלאזש איז אויך באפולמעכטיקט צו דערהאלטן פון „דזשאָינט" די ווייטערדיקע שטיצע פארן היגן „הילפס־קאָמיטעט", געווידמעט די ווייטער־דיקע אונטערשטיצונג פון נויטבאדערפטיקע און מלחמה־געליטענע היגע איינ־ווינער.

מיר לייגן ביי אן אלגעמיינעם טעטיקייטס־באריכט פון קאָמיטעט פון 17.12.39 ביז דעם 20.2.40.


לאָמאז־פּאָדלאסקע, דעם 23סטן פעברואר 1940.

פרעזעס : ישראל אליעזר שטיינקריצער,
קאסירער : שלמה סטרוכאזש,
מאגאזינער : בן־ציון האנדלמאן.

צו דעם „דזשאינט־קאָמיטעט אין ווארשע

מיר באשטעטיקן, אז מיר האָבן באקומען פון אייך דעם 29.5.40 די סומע פון 1000 זלאָטעס אויפן חשבון פון דער באשלאָסענער סובסידיע פאר דעם לאָמאזער „הילפס־קאָמיטעט" פאר דעם חודש מאי 1940 אויף דער סומע פון 4000 זלאָטעס.

דער לאָמאזער קאָמיטעט טיילט מיט, אז נישט קוקנדיק דערויף, וואָס די דערהאלטענע סומע איז א מינימאלע אין פארגלייך מיט אונדזערע באדערפע־נישן, האָט פון דעסטוועגן דער לאָמאזער „הילפס־קאָמיטעט" לויט דעם ווונטש פון „דזשאָינט" אין הסכם מיטן צוזאָג פון דעם חשובן אינספעקטאָר פון אונדזער



די היטלעריסטן האָבן חרוב געמאכט די גרויסע לאָמאזער שול אין יאָר 1943

קרייז ה׳ קארטשעם, האָבן מיר געשאפן די פּאַלקס־קיך, וועלכע איז טעטיק און איז אויפגענומען געוואָרן פון די פּליטים מיט גרויס צופרידנקייט.

אין צוזאמענהאנג דערמיט, וואָס עס איז פאר אונדז באשלאָסן געוואָרן די סובסידיע פאר מאי 1940 די סומע פון 4000 זלאָטעס, האָבן מיר באקומען ביז איצט נישט מער ווי 1000 זלאָטעס.

אונדזער קאָמיטעט וויל נישט איבעררייסן די הילף פאר די נויטבאדערפטיקע און איז געצוווּנגען ווי ביז איצט נעמען הלוואות, ווייל טראָץ אונדזער גרעסטער אנשטרענגונג, האָבן מיר פון אָרטיקע קוועלן געשאפן נישט מער ווי 400 זלאָטעס

כדי צו דעקן אונדזערע מינימאלע אויסגאבן, איז נויטיק יעדן חודש 5000 זלאָטעס. דאָס האָט אויך באשטעטיקט דער חשובער אינספּעקטאָר. צוליב דעם געפינט זיך אונדזער קאָמיטעט אין זייער א קריטישער לאגע...

מיר ווענדן זיך צו דעם חשובן אינספּעקטאָר מיט דער ביטע צו געבן אונדז דעם ענטפער צי מיר קאָנען ווייטער פאָרזעצן אונדזער טעטיקייט, אָדער זי איבעררייסן, וואָס עס באדייט א שווערער קלאַפּ פאר 500 נויטבאדערפטיקע מענטשן.

מיר האָפן, אז דער חשובער אינספּעקטאָר וועט אונדז ראטן ווי אזוי מיר דארפן ווייטער האנדלען.

מיר דאנקען אייך פאָרויס.

אין דערוואַרטונג אויף אייער ענטפער:

פאָרזיצער: ישראל אליעזר שטיינקריצער,
קאסירער: דוד פּאַלאסעצקי,
מאגאזינער: בן־ציון האנדלמאן

לאָמאז דעם 4.6.1940

מעלדונג

לאָמאז דעם 25.7.1940

דער יידישער „הילפס־קאָמיטעט״
דוד פּאַלאסעצקי,
משה שקלאזש.

ערשט אין סוף יוני איז געשאפן געוואָרן די קיך, פון וועלכער עס האָבן גענאָסן 400 פערזאָן (פון זיי איז פאראן 350 פליטים). מיר האָבן גענומען א מינימאלן אָפּצאָל פון 10 גראָשן פאר א מיטאָג צוליב דער אָרעמקייט פון דער באפעלקערונג און פון דאָס פעלן פון יעדער קוועלע פון פארדינסט.

לויט די ידיעות, וואָס מיר האָבן דערהאלטן, האָבן מיר ארויסגעשיקט צו די מענער פון 3 צוואנגס־ארבעט־לאגערן, וועלכע געפינען זיך 7־8 קילאָמע־

טער פון לאָמאז. ווי אויך די פאמיליעס פון די ארבעטנדיקע אין די ארבעטס־לאגערן זענען אויסשליסלעך אויף דער אויסהאלטונג פון היגן „הילפס־קאָמיטעט״.

די לעצטע סובווענץ פון 1000 זלאָטעס איז געווען אויסגעצאָלט אין חודש מאי.

דער באריכט פון חודש יולי איז בייגעלייגט.

סוף 1940 האָט דער לאָמאזער „הילפס־קאָמיטעט״ באקומען א געוויסע שטיצע, באצייכנט אלס אמעריקאנער מתנות. די שטיצע איז געגעבן געוואָרן דורך דער פארוואלטונג פון „הילפס־קאָמיטעט״ אין ביאלע פאָדלאסקע.

לאָמאז האָט באקומען פאָלגנדיקע שפייז־ארטיקלען:

קאָרנמעל —	47	קגר
ווייצענע מעל —	24	קגר
אמעריקאנער טונקעלע מעל —	30	קגר
מילך־פראָשעק —	28	קגר
קאשע —	20	קגר
פעטס —	35	קגר

די אויבנדערמאָנטע פראָדוקטן איז צעטיילט געוואָרן צווישן 487 פערזאָן דעם 10.9.40. די צאָל שפייז איז לגמרי ווייניק כדי צו שטילן דעם הונגער. מענטשן האָבן נישט באקומען די עלעמענטארע צאָל־פראָדוקטן, וואָס זאָלן



די שוועסטער הדסה און מעלא (טעכטער פון לאה און שמרל מאָרגנשטערן) אין אנהויב פון דער דייטשער אקופאציע אין לאָמאז (דאָס קינד איז ווארשיינלעך פון דער עלטערער שוועסטער אסתר)

דערהאלטן דעם קיום פון דעם גוף. עס איז פֿאָרגעקומען א פּראָצעס פון א פיזישער אָפּשוואכונג און דערשעפּונג, ספּעציעל פון קינדער און יוגנטלעכע.

די דייטשע מאכט־אָרגאנען און זייערע העלפערס האָבן נישט דערלויבט, אז די יידישע אינסטיטוציעס זאָלן דערטיילן די נויטיקע הילף. דער לאָמאזער יידישער „הילפס־קאָמיטעט" האָט ארויסגעוויזן א גרויסע אקטיוויטעט און אָנשטרענגונג כדי ארויסצובאקומען מער שפּייז פאר די הונגעריקע מענטשן.

דעם 25.11.40 האָט דער לאָמאזער „הילפס־קאָמיטעט" באקומען דורך דער פארמיטלונג פון „הילפס־קאָמיטעט" אין ביאלע פּאָדלאסקע 252 קגר. ווייצענע מעל, וואָס איז צעטיילט געוואָרן צווישן 645 נויטבאדערפטיקע. אויף יעדן פּער־זאָן קומט אויס קנאפּע 40 דקגר׳.

דעם 18.7.1941 שרייבט דער לאָמאזער „הילפס־קאָמיטעט" צו דעם פּרע־זידיום אין קראָקע, אז עס איז אומבאדינגט נויטיק דאָס צושטעלן די קאָנטי־גענט־ארטיקלען, ווייל אין קורצן וועט באנייען די ארבעט די פּאָלקס־קיך פאר די נויטבאדערפטיקע.

דעם 22.7.1941, ווענדונג פון דעם לאָמאזער „הילפס־קאָמיטעט" צו דעם קרייז־לאנדווירט אין ביאלע פּאָדלאסקע מיט דער ביטע וועגן צוטיילן פאר דער קיך קארטאָפל, קאשע און מעל פאר 674 יידן, באשעפטיקטע אין לאָמאזער געביט.

דער בריוו מיט דער ווענדונג איז אקצעפּטירט געוואָרן פון נאָמינירטן לאָמאזער וואָיט ה׳ בר. זדאנאָוויטש.

דעם 4.8.1941, ווענדונג פון דעם לאָמאזער „הילפס־קאָמיטעט" צו דעם נאָמינירטן וואָיט וועגן צוטיילן פאר דער קיך דעם לאָקאל פון געוועזענעם אייגנ־טימער מ. פּיעקאזש ביי דער מארק־גאס, היות ווי דער לאָקאל איז פריי און עס געפינט זיך דאָרט דער איינגעמויערטער קעסל פון דער פריערדיקער קיך.

אין בריוו איז אונטערגעשטראָכן געוואָרן וועגן דער מינדלעכער הסכמה פון דעם וואָיט. דעם 22.8.1941 איז אוועקגעשיקט געוואָרן א בריוו פון פּרעזי־דיום אין קראָקע צו דעם „הילפס־קאָמיטעט" אין לאָמאז, וואָס באשטעטיקט די פערסאָנאלע ענדערונג פון צוזאמענשטעל אין לאָמאזער „הילפס־קאָמיטעט".

דוד פּאָלאָסעצקי — פּאָרזיצער,

בן־ציון האנדלמאן — מיטגליד,

משה שקלאזש — מיטגליד.

אין דעם בריוו איז נישט אָנגעוויזן די סיבה פון דער פּערסאָנאלער ענדע־רונג. אָנהייבנדיק פון דער אויבנדערמאָנטער דאטע ביז דעם 4.5.42 זענען אלע בריוו אונטערגעשריבן געוואָרן פון דעם פּאָרזיצער דוד פּאָלאָסעצקי.

דעם 11.9.1941 שרייבט דער לאָמאזער „הילפס־קאָמיטעט" צו דעם פּרע־

זידיום אין קראָקע, אז נאָך לאנגע באמיאונגען איז די קיך צוגעטראָטן צו דער ארבעט.

די קיך גיט ארויס 150 מיטאָגן א טאָג. דער „הילפס־קאָמיטעט" אין לאָמאז בעט פארגרעסערן די הילף, ווייל די לאָמאזער יידישע באפעלקערונג איז נישט פארמעגלער און נויטיקט זיך אין הילף. די יידן אין לאָמאז קענען נישט אויסטראָגן די אויסגאבן פון די אָרעמע יידן אין לאָמאז גופא צוזאמען מיט די פליטים, וועלכע ציילן 700 נפשות.

דער היגער יודענראט קען העלפן נאָר מיט נישט באדייטנדיקע סובווענצן.

דאָס איז געווען דער ערשטער פאל, ווו עס ווערט דערמאָנט אין א דאָקו־מענט פון יענער צייט דער יודענראט אין לאָמאז.

דעם 22.11.1941 האָט דער „הילפס־קאָמיטעט" אין לאָמאז ארויסגעשיקט א בריוו אין דער דייטשער שפראך צו דעם קרייז־לאנדווירט אין ביאלע פאָד־לאסקע וועגן צושטעלן פאר דער פאָלקס־קיך אין לאָמאז קארטאָפל און קאשע, וואָס זאָל דערמעגלעכן באשפייזן 700 ארעמע מענטשן אריינגערעכנט די פליטים.

דעם 3.12.1941 האָט דער קרייז־לאנדווירט אין ביאלע פאָדלאסקע באשטימט 3000 קגר' קארטאָפל פאר דער לאָמאזער פאָלקס־קיך.

א בריוו געשריבן פון לאָמאזער יודענראט צום „דזשאָינט", „הילפס־קאָמיטעט" אין קראָקע

צו דעם אמעריקאנער „דזשאָינט", „הילפס־קאָמיטעט", קראָקע, יוזע־פינסקא 18.

אייער ווענדונג וועגן צושטעלן דעם באריכט פון לאָמאזער „הילפס־קאָמי־טעט" פארן יאָר 1940 האָבן מיר דערהאלטן און מיר שיקן אייך פאָלגנדיקע אויפקלערונגען:

דער „הילפס־קאָמיטעט" פאר ארעמע יידן אין לאָמאז איז אָרגאניזירט געוואָרן אלס באזונדערע קערפערשאפט און איז נישט אָפהענגיק פון יודענראט.

דער פאָרזיצער פון לאָמאזער „הילפס־קאָמיטעט" איז ה' שטיינקריצער ישראל־אליעזר און סעקרעטאר איז ה' שקלאזש משה.

דער קאָמיטעט פונעם לאָמאזער „הילפס־קאָמיטעט" אינפאָרמירט אונדז נישט וועגן זיין טעטיקייט, דעריבער קענען מיר נישט שיקן צו אייך דעם באריכט.

אויב דער לאָמאזער „הילפס־קאָמיטעט" וואָלט לויט אייער פאראָרדענונג איבערגעגעבן אונדז דאָס פירן די ווירטשאפט פון לאָמאזער קאָמיטעט, אָדער צוגעצויגן דעם יודענראט צו אקטיווער מיטארבעט און אָנפירן מיט דער ווירט־שאפט פון „הילפס־קאָמיטעט", דאן וואָלטן מיר אין דער צוקונפט צוגעשיקט צו אייך די נויטיקע באריכטן.

ביי דעם שטעמפל פון לאָמאזער יודענראַט,
אונטערשריפט :
פאָרזיצער : יוסף שקלאַזש.

לאָמאַז 9.5.1941

פּראָטאָקאָל פון הילפס־קאָמיטעט, לאָמאַז 24.12.41

די זאָרג פאַר די קינדער און יוגנט אין לאָמאַז

דעם 24.12.41 איז פאָרגעקומען אַן אויסגעברייטערטע זיצונג פון דעם לאָמאַזער „הילפס־קאָמיטעט" מיט דער באַטייליקונג פון משה שקלאַזש, בן־ציון האנדלמאַן און די איינגעלאַדענע פרויען־טוערינס : ח. פרידמאַן, ד. סרעבניק, ח. נ. אייבלום. ד. פּאַלאַסעצקי און ח. פאַקולאַ.

די פאָרשטייער פון לאָמאַזער „הילפס־קאָמיטעט" האָבן אינפאָרמירט וועגן דער טעטיקייט פון קאָמיטעט און אונטערגעשטראָכן די נויטווענדיקייט פון אָרגאַניזירן הילף און אויפזיכט פאַר די קינדער און יוגנט אין לאָמאַז.

דער פאַרטרעטער פון פאָרזיצער פון „הילפס־קאָמיטעט" מ. שקלאַזש האָט איבערגעגעבן דעם אינהאַלט פון דעם בריוו, וואָס איז ארויסגעשיקט געוואָרן דעם 29.8.1941 צו דעם פרעזידיום אין קראָקע וועגן שאַפן א דערציונגס־זאַל און א נויטיקע באַשפּייזונג פאַר די קינדער און יוגנט, ווען עס וועט דערהאַלטן ווערן די נויטיקע געלט־מיטלען.

די אַלגעמיינע צאָל קינדער ביז 14 יאָר איז 314. ביז איצט האָבן די משפחות באַקומען געוויסע צוגאָב־פּראָדוקטן פאַר די קינדער.

משה שקלאַזש האָט זיך געווענדעט צו די אָנוועזנדיקע פרייוויליקע פרויען־טוערינס מיט דער פראַגע צי זיי זענען גרייט צו זיין דער פאַטראָנאַט פון דעם פּראָיעקט, וואָס דער „הילפס־קאָמיטעט" האָט באַשלאָסן צו אונטערנעמען. ער האָט זיך געווענדעט צו די פרויען מיט דער ביטע, אַז זיי זאָלן מיטארבעטן מיטן „הילפס־קאָמיטעט".

אין רעזולטאַט פון א לענגערן מיינונגס־אויסטויש פון אלע אָנוועזנדיקע אויף דער זיצונג איז אונטערגעשטראָכן געוואָרן די וויכטיקייט און צילן פון דער אקציע. די פרויען־טוערינס האָבן דערקלערט, אַז זיי זענען גרייט צו זיין דער פאַטראָנאַט און מיטארבעטן מיטן „הילפס־קאָמיטעט".

עס איז באַשלאָסן געוואָרן אלס אָנהייב צו שאַפן 2 גרופּעס פון קינדער אין עלטער פון 5 ביז 8 יאָר, צוזאַמען 70 קינדער, וועלכע וועלן זיך טרעפן 4 שעה יעדן טאָג נאָרמאַל אין א פאַסיקן זאַל. די קינדער וועלן באַקומען די נויטיקע מעדיצינישע אויפזיכט, דערציונג און א פרישטיק.

די פארזאמלטע האָבן אויסגעארבעט דעם חודש־גראפיק און דעם חודש־בודזשעט אויף דעם צוועק. עס זענען פאָרויסגעזען פאָלגנדיקע חודש־הוצאות:

אויסהאלטן דעם לאָקאל —	25 זל.
באהייצן דעם לאָקאל —	150 זל.
זייף פאר די קינדער —	75 זל.
בעדער 4 מאָל אין חודש —	50 זל.
שרייב־מאטעריאלן פאר די קינדער —	100 זל.
נישט פאָרויסגעזעענע אויסגאבן —	50 זל.
פרישטיקן —	500 זל.
צוזאמען:	950 זל.

עס איז פאָרויסגעזען, אז דער איינקונפט פון די קינדער וועט זיין בערך 150 זלאָטעס א חודש.

עס איז באשלאָסן געוואָרן, צו איבערשיקן דעם פראָטאָקאָל פון דער זיצונג קיין קראָקע צוגלייך מיט דער ביטע וועגן באשטעטיקן דעם פראָיעקט און אָנווייזן ווי אזוי צו דעקן די אויסגאבן.

ביזן באקומען דעם ענטפער פון פרעזידיום אין קראָקע, איז באשלאָסן געוואָרן גלייך צוטרעטן צו פארשידענע צוגרייטונגס־ארבעטן.

אויפן פראָטאָקאָל געפינען זיך די אונטערשריפטן פון די באטייליקטע אין דער זיצונג

פארן אָריגינאל:
דוד פאָלאָסעצקי

דער ענטפער פון פרעזידיום אין קראָקע

אין בריוו פון 13.1.1942 שרייבט דאָס פרעזידיום פון קראָקע, אז זיי זענען צופרידן פון דער לאָמאזער איניציאטיוו וועגן שאפן דעם פאטראָנאט פאר די קינדער און יוגנט אין לאָמאז, אָבער דאָס פרעזידיום אונטערשטרייכט, אז זיי האָבן נישט קיין געלט־מיטלען וועגן הילף פאר נייע אונטערנעמונגען.

דאָס פרעזידיום אין קראָקע קען שטיצן נאָר די לאָקאלע „הילפס־קאָמיטעטן", וואָס זענען געשאפן געוואָרן מיט אָרטיקע מיטלען. ווען די אינסטיטוציע וועט שוין עקזיסטירן, וועט דאָס פרעזידיום אויך העלפן מיט געוויסע סובווענצן, אָבער עס איז וויגשנסווערט זיך אויך צו ווענדן צו דער אָרטיקער מאכט דורך דער פארמיטלונג פון „הילפס־קאָמיטעט" פון ביאלע פאָדלאסקע וועגן צוטיילן שפייז־פראָדוקטן אויף דעם צוועק.

דעם 10.3.1942 שרייבט דער לאָמאזער „הילפס־קאָמיטעט", אז דער פראָ־

יעקט וועגן הילף פאר די קינדער און יוגנט איז געוואָרן אָפּגעשטעלט צוליב דער עפּידעמיע וואָס הערשט אין לאָמאז. עס זענען פאַרמאַכט געוואָרן די שולן, די תפילה־ערטער און פאַרשידענע עפנטלעכע ערטער.

פון דעם מאָמענט, ווען די לאָקאַלע מאַכט וועט עפענען די אינסטיטוציעס, וועט דער פּראָיעקט זיין אַקטועל אים צו רעאַליזירן.

דעם 21.1.1942 האָט דער לאָמאַזער „הילפס־קאָמיטעט" אַרויסגעשיקט א בריוו אין דער דייטשער שפּראַך צו דעם קרייז־לאַנדווירט אין ביאַלע וועגן צושטעלן קאַרטאָפל פאַר 700 נויטיבאַדערפטיקע יידן אין לאָמאז.

דעם 12.3.1942 שרייבט דער לאָמאַזער „הילפס־קאָמיטעט" צו דעם פּרע־זידיום אין קראָקע, אַז דער נאָמינירטער וואָיט האָט צוגעטיילט פאַר דעם יידישן „הילפס־קאָמיטעט" אין לאָמאז 6000 קגר' קאַרטאָפל.

דעם 26.3.1942 שרייבט דער קרייז־לאַנדווירט פון ביאַלע פּאָדלאַסקע, אַז עס איז צוגעטיילט געוואָרן 5000 קגר' קאַרטאָפל פאַרן לאָמאַזער „הילפס־קאָמיטעט".

פון דער קאָרעספּאָנדענץ איז קלאָר, אַז א דאַנק דער טעטיקייט פון לאָמאַ־זער „הילפס־קאָמיטעט" האָט א געוויסע צייט די פאָלקס־קיך געאַרבעט, טראָץ די אַלע שוועריקייטן פון באַזאָרגן די קיך מיט די נויטיקע פּראָדוקטן.

מעדיצינישע הילף

אין דעם בריוו פון 16.3.1942 דריקט אויס דער לאָמאַזער „הילפס־קאָמי־טעט" די גרויסע דאַנקבאַרקייט פאַר די צוגעטיילטע מעדיקאַמענטן אין יענער שווערער צייט.

אין דעם בריוו ווערט אויך אונטערגעשטראָכן, אַז די „צוגעטיילטע מעדי־קאַמענטן איז פאַר אונדז א שטראַל אין דער פינצטערניש צוליב דעם פעלן פון א יידישן דאָקטאָר. אין אונדזער געביט זענען די מעדיקאַמענטן די איינציקע מעדיצינישע הילף"...

פינאַנציעלע הילף

א וויכטיקער אָפּשניט פון דער טעטיקייט פון לאָמאַזער „הילפס־קאָמיטעט" איז געווען דאָס אָרגאַניזירן פינאַנציעלע הילף פאַר דער יידישער באַפעלקערונג אין לאָמאז.

די בריוו און דאָקומענטן פון יענער צייט באַשטעטיקן, אַז אין דער צייט פון 7.4.1941 ביז 20.3.1942 האָט דאָס פּרעזידיום אין קראָקע אַרויסגעשיקט קיין לאָמאַז 6500 זלאָטעס מיט דער אָנווייזונג, אַז דאָס געלט איז באַשטימט פאַר איינקויפן שפּייז פאַר דער פאָלקס־קיך.

עס ווערט אונטערגעשטראָכן, אז אין די ערטער ווו א פאָלקס־קיך איז נישט טעטיק, דארף מען די געקויפטע פּראָדוקטן איינטיילן צווישן די אָרעמע שיכטן פון דער יידישער באפעלקערונג.

גלייכצייטיק בעט דאָס פּרעזידיום פון קראָקע, אז די קבלות דארפן געשריבן ווערן 50% פון די דערהאַלטענע סומעס פאר דעם „זשיטאָס" * און 50% פאר דעם „דזשאָינט".



בן־ציון האנדלמאַן און זיין פרוי טעמע

דעם 4.5.1942 שרייבט משה שקלאַזש צו דעם פּרעזידיום אין קראָקע, אז דער פּאַרזיצער דוד פּאַלאָסעצקי לעבט שוין נישט מער פון 27.4.1942. אין דעם בריוו ווערט אָנגעוויזן וועגן די נויטיקע ענדערונגען אין „הילפס־קאָמיטעט" אין פולער פארשטענדיקונג מיט דעם „הילפס־קאָמיטעט" פון ביאלע פּאָדלאָסקע.

אין דעם בריוו ווערט געבעטן דאָס פּרעזידיום אין קראָקע, אז דאָס איבער־שיקן די קאָרעספּאָנדענץ און די געלטער קיין לאָמאַז, דארף זיין אויף דעם נאָמען פון ביז איצטיקן פארטרעטער פון פּאַרזיצער משה שקלאַזש.

וואַרשיינלעך, אז אין דעם דאָזיקן צוזאַמענשטעל איז דער לאָמאַזער „הילפס־קאָמיטעט" געווען טעטיק ביז זיין טראַגישן סוף. ...דעם 9.5.1942

* „זשיטאָס" — „זשידאָווסקיע טאָוואַזשיסטוואָ אָפּיעקי ספּאָלעטשנעי".

שרייבט דאָס פּרעזידיום אין קראָקע צו דעם לאָמאזער „הילפס־קאָמיטעט" וועגן זוכן א יידישן דאָקטאָר, אויב עס איז נאָר מעגלעך צו שאפן אין לאָמאז פאַרן דאָקטאָר די נויטיקע באדינגונגען פאר זיין מעדיצינישער טעטיקייט.

דער ענטפער אויף דעם דאָזיקן בריוו געפינט זיך נישט צווישן די דאָקומענטן פון יענער צייט.

דעם 10.5.1942 האָט דער לאָמאזער „הילפס־קאָמיטעט" זיך געווענדעט צו דעם נאָמינירטן וואָיט בר. זדאנאָוויטש מיט דער ביטע וועגן צושטעלן א גאָרטן פאר דער לאָמאזער יידישער באפעלקערונג מיטן ציל אליין צו באארבעטן דעם גאָרטן און פלאנצן גרינס פאר דער יידישער פאָלקס־קיך.

אין דעם בריוו ווערט געבעטן דער וואָיט, אז ער זאָל צושטעלן דעם שטח פון גאָרטן, וואָס געפינט זיך ביי דער שטוב פון א. מאנדעל ביי דער מאלאבזשעסקא גאס נר' 22.

דעם 8.7.1942 איז געווען דער לעצטער בריוו, וואָס דער לאָמאזער „הילפס־קאָמיטעט" האָט ארויסגעשיקט צום פּרעזידיום אין קראָקע.

דאָס פּרעזידיום אין קראָקע האָט ארויסגעשיקט אן ענטפער אויף דעם בריוו פון 8.7.42 קיין לאָמאז. אויף דעם קאָנווערט איז געווען אָנגעשריבן א באמערקונג פון דער פּאָסט, אז דער בריוו איז אָנגעקומען קיין לאָמאז דעם 10.11.42 און עס ווערט צוריקגעשיקט קיין קראָקע היות ווי דער אדרעס איז נישט גילטיק...

מיט דעם האָט זיך געענדיקט די אקטיווע טעטיקייט פון לאָמאזער יידישן „הילפס־קאָמיטעט" אין די חורבן־יאָר 1939—1942.

אין משך פון דער תקופה האָט דער לאָמאזער יידישער „הילפס־קאָמיטעט" אונטערגענומען א וויכטיקע און ביז גאָר פּראקטישע הילף פאר דער אָרעמער יידישער באפעלקערונג אין לאָמאז און באזונדערס פאר די פּליטים, קינדער און יוגנט. און כאָטש דער לאָמאזער „הילפס־קאָמיטעט" האָט זיך טאָג־טעגלעך געראנגלט מיט ריזיקע שוועריקייטן און האָט באקומען קנאפּע שטיצע פון דעם פּרעזידיום אין קראָקע, האָט דער „הילפס־קאָמיטעט" מיט זיינע באשיידענע מיטלען געזאָרגט צו פארלייכטערן די שווערע עקאָנאָמישע לאגע פון די יידן אין לאָמאז. און ווי עס ווייזן די דאָקומענטן האָט דער לאָמאזער „הילפס־קאָמיטעט" נישט אויפגעהערט זיין טעטיקייט ביז זיין טראגישן סוף, ווען די לאָמאזער קהילה איז חרוב געוואָרן.

דאָס אלץ איז צו פארדאנקען די איבערגעגעבענע געזעלשאפטלעכע טוער אין לאָמאז, וועלכע האָבן מצליח געווען צו פירן זייער געבענטשטע טעטיקייט אין שאָטן פון טויט.

לאָמאַז נאָכן חורבן

דער פּראָצעס פון די נאַצישע פאַרברעכערס, וואָס האָבן געפּייניקט און דערמאָרדעט די יידן אין לאָמאַז*

דער מוח פון דעם גרויסן נאַציסטישן פאַרברעכן אין לאָמאַז איז געווען דער באַטאַליאָן פון נאָרד־זייט, דיסטריקט לובלין.

די פאַרניכטונגס־אַקציע פון די יידן אין לאָמאַז איז איבערגעגעבן געוואָרן דער צווייטער קאָמפּאַניע מיט איר שטאַב אין ביאַלע פּאָדאַלסקע אונטער דער אָנפירונג פון דעם באַקאַנטן יידן־מערדער, אָבערלויטענאַנט **גנאַדע**.

דער צווייטער כוח איז געווען אונטער דער אָנפירונג פון דעם אָנגעקלאָגטן לויטענאַנט **קורט דרייער** פון דער שוצפּאָליציי רעזערווע מיטן אַקטיוון אָנטייל פון א טייל פון די אָפיצירן פון דער צווייטער קאָמפּאַניע.

דער דריטער כוח איז אָנגעפירט געוואָרן פון דעם אָנגעקלאָגטן **הענריך בעקער**, וועלכער איז אוועקגעשטעלט געוואָרן מיט זיין איינהייט אויף דעם פּלאַץ פון דער „פּאָווסעכנע״־שולע אין לאָמאַז.

די הויפּט־אָנפירער פון דער פאַרניכטונגס־אַקציע אין לאָמאַז זענען געווען:

1. די ס. ד.־דינסטשטעלע אין ביאַלע פּאָדלאַסקע.
2. אָבערשטורמפירער פון ס. ס., וואָס האָט צוזאַמען מיטן אָבערלויטענאַנט **גנאַדע** אָנגעפירט מיט דער פאַרניכטונגס־אַקציע פון די יידן אין לאָמאַז.

כדי צו פאַרשטאַרקן די שוצפּאָליציי איז מאָביליזירט געוואָרן אַן איינהייט „היוויס״ (הילפס־כוח פון ליטווינער, לעטישע און אוקראַינישע נאַציסטן אין דער צאָל פון 40—50 מאַן).

דער שטח ווו עס איז פאָרגעקומען די מאַסן־הריגה איז געווען דער פּלאַץ ביי די טויט־גריבער.

די „היוויס״ האָבן באַקומען די מיליטערישע צוגרייטונג אין דעם טויט־לאַגער טו־אַווניקי. צוליב זייער ברוטאַלקייט האָט מען זיי באַצייכנט אלס „טראַווניקעס״. די קאָמפּאַניע פון „היוויס״ האָבן געטראָגן דייטשע מונדירן מיט שוואַרצע קאָלנער־שפּיגל.

---

* דער פּראָצעס איז פאָרגעקומען אין האַמבורג אין 1967/68. דער מאַטעריאַל איז געשטיצט אויף דעם פּראָטאָקאָל פון לאַנדגעריכט (איבערגעזעצט פון דייטש).

אין אָנהייב פון דער אקציע האָט אָבערלויטענאנט **גנאדע** אויסגעשטעלט די קאָמפּאניע און האָט פאָרגעשטעלט פאר זיי די צילן און די פונקציעס פון דעם כוח וואָס האָט געדאַרפט אויספירן די אקציע. **גנאדע** האָט דערקלערט: „דער ציל און די אויפגאבע איז פארניכטן די לאָמאזער יידן!"...

די אקציע איז באשטימט געוואָרן אויף דעם 18.8.1942. אין דעם טאָג זענען צוזאמענגעטריבן געוואָרן אלע יידן פון לאָמאז אויף דעם הריגה־פּלאַץ אונדזערע טייערסטע: טאטעס, מאמעס, זיידעס, באָבעס, ברידער און שוועסטער, קינדער אין פארשיידענעם עלטער און יונגע מאמעס מיט זייערע קליינע קינדערלעך אויף די הענט. אויף זיי אלע איז באשטימט געוואָרן דער טויט־אורטייל.

אויבערלויטענאנט **גנאדע** און דער ס. ד.־אָפיציר האָבן פארטיילט די פונקציעס און אָפּגעגעבן די באפעלן.

די צווייטע קאָמפּאניע האָט באקומען די אויפגאבע צו פארמאכן דעם יידישן ראיאָן פון דרויסן און אינערלעך דורכפירן די „רייניקונג" פון דעם יידישן ראיאָן: אלטע, קראנקע און קליינע קינדערלעך דארפן דערשאָסן ווערן אויפן אָרט...

דער עדות האלטער האָט אין זיין עדות־דערקלערונג דערציילט, אז זיין אויפגאבע איז געווען צו זוכן אויף די בוידעמער און קעלערן און אין די הייזער באהאלטענע יידן. האלטער האָט מיט זיינע אייגענע אויגן געזען אין עטלעכע הייזער 15 דערשאָסענע יידן.

נאָך 2 שעה גריטלעכע זוכונגען, זענען די יידן ארויסגעטריבן געוואָרן פון זייערע הייזער און זיי זענען צוזאמענגעטריבן געוואָרן אויף דעם פּלאַץ פון דער „פּאָושעכנע"־שולע אין לאָמאז.

דאָ האָט מען פאנאנדערגעטיילט מענער באזונדער און פרויען באזונדער. לאנגע שעה'ן האָבן די אומגליקלעכע יידן זיך געפונען אונטער דער ברענענ־דיקער זון.

פון דער מאסע יידן זענען אָפּגעקליבן געוואָרן 50 יידן און אונטער א שטארקער באוואכונג זענען זיי אָפּגעפירט געוואָרן צו דעם הריגה־פּלאַץ אין וואלד צו גראָבן גריבער, נישט ווייט פון לאָמאז.

נאָך דעם ווי די „רייניקונג" אין די הייזער איז פארענדיקט געוואָרן, האָט די צווייטע קאָמפּאניע איבערגענומען די וואך איבער די צונויפגעזאמלטע יידן אויף דעם שול־פּלאַץ. שפּעטער האָבן זיי די אלע יידן אוועקגעפירט צו דעם זאמלפונקט ביי דעם וואלד־ראנד האלי.

גרופּעס יידן צו 50—100 מאן זענען אוועקגעפירט געוואָרן אונטער א שטארקער וואך פון דער שוצפּאָליציי אין וואלד אריין.

דער וועג צו דעם וואלד איז געווען באוואכט און איז געווען אָפּגעשלאָסן.

דער גאנצער הריגה־פלאץ איז געווען ארומגעשטעלט מיט וואכפאָסטנס.

נאָך דעם ווי די מערהייט יידן זענען שוין אוועקגעטריבן געוואָרן צו די דערשיסונגס־גרובן, איז נאָך איבערגעבליבן א גרויסע גרופע פון 200 יידן אויף דעם שול־פלאץ. די שוצפּאָליציאנטן האָבן ברוטאל ארומגעצוימט די יידן מיט שטריק און זיי געטריבן אין וואלד אריין.

די צוזאמענגעשטופּטע יידן האָבן אין דער שטריק־פארצוימונג נישט געקאָנט גיין מיט דער שנעלקייט, וואָס די שוצפּאָליציי האָט געוואָלט.

דער אָנגעקלאָגטער **הענריך בעקער** האָט געזען, אז די יידן קאָנען נישט פארגיכערן זייער גאנג, האָט ער באלד באפוילן אָפּצולאָזן די שטריק־פארצוימונג און די יידן זענען געטריבן געוואָרן צו דעם וואלד אונטער א האָגל פון קלעפּ פון די קאָלבעס פון די ביקסן, נאהייקעס און בייטשן. די שוואכע און קראנקע, וואָס האָבן נישט געקענט נאָכגיין דעם שנעלן טעמפּאָ, זענען באלד דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט.

דער נייער זאמלפונקט פון די צוזאמענגעטריבענע יידן איז באשטימט געוואָרן דער וואלד־שטח אוןביימער, וואָס איז געווען ווייט א 40—50 מעטער פון די שחיטה־גריבער.

די עקזעקוציע

די בלוטדורשטיקע מערדערס האָבן באפוילן די יידן זיך לייגן מיטן פּנים אראָפּ צו דער ערד, מענער באזונדער און פרויען באזונדער. די שיסער־גרופּע, וואָס האָט געדארפט אויספילן דעם טויט־באפעל, האָט זיך פארמאסקירט אין דעם שאָטן פון געדיכטע ביימער.

אין דער זעלבער צייט האָט מען געבראכט א יידישע ארבעטס־קאָמאנדע פון 80—85 מענער, וועלכע האָבן זיך געפונען צו יענער צייט אין א באראק פון דעם לאגער „שענעיקא" אלס שמוץ־ריייניקערס.

די גרופּע מענער זענען געבראכט געוואָרן צו דעם זאמלפלאץ ווו עס, איז געשטאנען די קאָמפּאניע אונטער דער קאָמאנדע פון דעם אָנגעקלאגטן **הענריך בעקער.**

נאָך דעם, ווען אלע טויט־פארמשפּטע זענען שוין געווען צוזאמענגעטריבן אויפן זאמלפלאץ, האָט מען זיי באפוילן זיך אויסטאָן ביז די אונטערוועש.

פאר דער צעשיסונג האָבן די טויט־פארמשפּטע געמוזט דורכגיין א קאָנטראָל. אין די מינוטן צווישן טויט און לעבן, האָט מען ביי די יידן געזוכט ווערט־זאכן: געלט, גאָלד און ווערט־זאכן וואָס מען האָט געדארפט אריינלייגן אין א קעסטל.

די קאָנטראָל האָט דורכגעפירט די שוצפּאָליציי אונטער דער אָנפירונג פון

גרופן־פירער **בערגמאן**. די רויבערס האָבן נישט רעזיגנירט פון דער מינדסטער זאך, וואָס האָבן זיך געפונען אין די קעשענעס פון די פריער שוין פולשטענדיק־בארויבטע קרבנות.

ווען אלע צוגרייטונגען זענען שוין געווען פארענדיקט, האָבן די ליטווישע „היוויס" פארנומען זייער באשטימטן פלאַץ ביי די גריבער און דער גרויזאמער מאסן־מאָרד איבער די לאָמאזער יידן האָט זיך אָנגעהויבן.

די מלאכי־חבלה זענען צוגעטראָטן צו זייער פארברעכערישער „ארבעט". מיט א סאדיסטישער הנאה האָבן זיי ווי ווילדע חיות זיך געוואָרפן אויף די אויסגעמוטשעטע פון הונגער און דורשט לאָמאזער יידן.

די קרבנות האָט מען געטריבן צו 10 מענטשן צו דער שחיטה־גרוב, שלאָגנ־דיק אויף רעכטס און אויף לינקס מיט נאהייקעס איבער די נאקעטע לייבער פון די טויט־פארמשפטע, זידלענדיק און שילטנדיק זיי מיט די ערגסטע ווערטער.

דער קאָמפאניע־פירער **גנאדע** צוזאמען מיט דעם ס.ד. אָפיציר, וועלכע זענען געווען אין א ספעציעל־געהויבענער שטימונג אונטער דער ווירקונג פון אלקאָהאָל, זענען באלד צוגעטראָטן אויסצופירן דעם טויט־אורטייל. **גנאדע** האָט אָנגעפירט מיט דער עקזעקוציע.

שטייענדיק ביי דער גרוב, האָט ער באפוילן: „יידן מיט בערד זאָלן זיך לייגן מיטן פנים צו דער ערד און אויפן בויך זיך שארן צו דער גרוב". יעדן איינעם, וואָס האָט זיך קוים געשארט צום גרוב, האָט ער געשלאָגן מיט זיין שטעקן איבערן נאקעטן לייב. דאָס זעלבע האָט ער באפוילן צו טאָן די טויט־מחבלים פון דער „היוויס"־קאָמפאניע און פון דער שוצפאָליציי, וואָס האָבן געטריבן די קרבנות אין טויט־גרוב אריין.

די קרבנות האָבן זיך געמוזט אויסלייגן אין דער טויט־גרוב און די אויס־פירערס פון דער עקזעקוציע האָבן פון אויבן זיי דערשאָסן מיט זייער מאשין־געווער. און אזוי יעדע גרופע קרבנות: טויטע און פארווונדעטע, שיכט אויף שיכט.

די שיסער־קאָמפאניע איז געשטאנען אויףביידע זייטן פון די ערד־וואָלן, וואָס זענען אויסגעגראָבן געוואָרן פון די גריבער און זיי האָבן געשאָסן די פרישע קרבנות, וואָס האָבן זיך צוגעשארט צום טויט־גרוב.

אין דער זעלבער צייט האָט זיך די טויט־גרוב אָנגעפילט מיט וואסער פון באָדן אויף דער הויך פון א האלבן מעטער. דאָס וואסער איז געוואָרן רויט פון דעם בלוט פון די צעשאָסענע קרבנות. די פארווונדעטע קרבנות אין גרוב זענען דערטרונקען געוואָרן אין זייער אייגענעם בלוט.

די ליטווינער פון „היוויס" האָבן פאר און נאָך זייער מאָרד־ארבעט געטרונ־קען אלקאָהאָל און זיך משמח געווען. זיי האָבן געשאָסן מיט א בעסטיאלישער רציחה אזוי, אז די שוצפאָליציי, וואָס זענען געשטאנען אין דער נאָענט, האָבן

מורא געהאט, אז זיי וועלן געטראָפן ווערן פון די קוילן פון די „היוויס״-שיסערס.

ווען די מערדערס פון „היוויס״ זענען מיד געוואָרן פון זייער בלוטיקער מאָרד-ארבעט, זענען געשיקט געוואָרן 3 שוץ-פּאָליציאנטן צו פארענדיקן די מאָסן-עקידה פון די לאָמאזער יידן.

דער יידישער ארבעטס-קאָמאנדע האָט מען באפוילן צו פארשיטן די גריבער און נאָכן פארענדיקן די ארבעט האָט מען אויך זיי אליין דערשאָסן און פאר־שאָטן מיט ערד.

אזוי האָט זיך פארענדיקט די מארטיראָלאָגיע פון די לאָמאזער קדושים, וועלכע זענען אומגעקומען על קידוש השם אין דעם לאָמאזער וואלד.

אזוי האָט זיך אויך פארענדיקט דאָס רומפול קאפיטל פון דער לאָמאזער יידישער קהילה.

די עקסהומאציע פון די לאָמאזער קדושים

די צווייטע וועלט-מלחמה האָט זיך געענדיקט און מיט דעם גרויסן רעפּאַט־ריאציע-שטראָם פון די פוילישע יידן פון ראטנפארבאנד זענען קיין פוילן אויך אָנגעקומען א געוויסע צאָל לאָמאזער יידן אין די יאָרן 1946—1949.

אָנקומענדיק קיין פוילן האָבן זיי צוערשט באזוכט לאָמאז און זיי האָבן פעסטגעשטעלט אז אלע יידן, וואָס האָבן זיך געפונען אין לאָמאז אין די שוידער־לעכע טעג פון 18־19טן אויגוסט 1942 זענען אויף א בארבארישן אופן אומגע־בראכט געוואָרן.

די קרבנות זענען אריינגעוואָרפן געוואָרן אין 2 גרויסע גריבער, וועלכע זענען אויסגעגראָבן געוואָרן אין וואלד „האלי״ הינטער דער שטאָט.

די צאָל פון די אומגעבראכטע לאָמאזער יידן איז געווען בערך 2300 און צווישן זיי 1800 פרויען און קינדער.

די מאסן-קברים זענען פארוואָקסן געוואָרן מיט ווילדגראָז. קיינער האָט די קברים נישט ארומגעצאמט און פערד מיט בהמות האָבן געטראָטן איבער זיי. און אזוי איז פארשוועכט געוואָרן דער כבוד פון די לאָמאזער קדושים.

קיין שום אויפשריפט אויף די מאסן-קברים איז נישט געווען, וואָס וואָלט דערמאָנט, אז דאָ ליגן באגראָבן לאָמאזער יידן, וועלכע זענען דערמאָרדעט געוואָרן דורך די דייטשע מערדערס.

מיר האָבן נישט געקענט משלים זיין מיטן געדאנק, אז אונדזערע לאָמא־זער קדושים זאָלן ליגן אין די מאסן-קברים אנאָנים, און אויף אונדז — אויף די לעבעדיקע לאָמאזער שארית-הפליטה ליגט די הייליקע פליכט אדורכצופירן

די עקסהומאציע, עפענען די גריבער און אריבערפירן די קדושים אויפן יידישן בית־עולם אין לאָמאז צו זייער אייביקער רו.

אין וואָרצלאוו האָבן זיך צונויפגעקליבן א גרופע לאָמאזער יידן און האָבן



פוילישע פאָליציאנטן היטן די לאָמאזער שארית־הפליטה בעת דער עקסהומאציע פון די עצמות פון די לאָמאזער קדושים אין 1949. פון רעכטס צו לינקס: משה־נחום בערמאן, אפרים עפלבוים, יעקב בערמאן



משה־נחום בערמאן און אפרים עפלבוים ביים עפענען די ברודער־קברים פון די לאָמאזער קדושים אין וועלדל „האלי" לעבן לאָמאז 1949

באשלאָסן גלייך צוטרעטן צו דער עקסהומאציע און איינאָרדענען א לוויה לויט דער יידישער טראדיציע און דין ישראל.

אין דער איניציאַטיוו־גרופע זענען געווען: יעקב בערמאַן, משה־נחום בער־מאַן, אפרים עפלבוים, שמחה עפלבוים, חיים שווארצלעדער.

אדורכצופירן די עקסהומאציע איז געווען זייער שווער און קאָמפּליצירט. קודם־כל האָט מען געדארפט זיך ווענדן צו דער צענטראַלער פּוילישער מאכט אין ווארשע כדי׳ צו באקומען די דערלויבעניש אדורכצופירן די עקסהומאציע. מ׳האָט געדארפט עפענען די מאסן־קברים און דאָס איז געווען פארבונדן מיט געוויסע שוועריקייטן, גלייכצייטיק מיטן באקומען די דערלויבעניש פון דער צענטראַלער פּוילישער מאכט, האָבן מיר זיך געדארפט ווענדן צו דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון די פּוילישע יידן אין ווארשע, כדי דער צענטראַל־קאָמיטעט זאָל צוטיילן די געהעריקע מאַטעריעלע הילף, וואָס זענען פארבונדן מיטן אדורכ־צופירן די עקסהומאציע.

דער קאָמיטעט פון די לאָמאזער יידן אין וואָרצלאַוו האָט באשלאָסן צו דעלעגירן שמחה עפלבוים קיין ווארשע כדי ער זאָל אין נאָמען פון לאָמאזער קאָמיטעט אין פּוילן דערליידיקן די נויטיקע פאָרמאַליטעטן.

מיין אָפּוועזנהייט פון דער ארבעט האָט ארויסגערופן געוויסע שוועריקייטן, אָבער איך האָב געפונען א פולשטענדיקע פארשטענדיקונג און אונטערשטיצונג ביי מיינע מיטארבעטער און באזונדערסביים פאָרזיצער יהודה פלאץ, וועלכער האָט פארשטאַנען די הייליקע מיסיע.

איך האָב זיך געטראָפן אין ווארשע מיט די פירער פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די פּוילישע יידן און איך האָב רעפערירט פאר זיי וועגן דעם באשלוס פון דעם לאָמאזער קאָמיטעט אין פּוילן כדי אדורכצופירן די עקסהומאציע פון די לאָמאזער קדושים. צוערשט איז געקומען פון זיי א נעגאַטיווער ענטפער און זיי האָבן זיך קאַטעגאָריש ארויסגעזאָגט קעגן אונדזער ווענדונג און זיי האָבן פון אונדז פארלאַנגט, אז מיר זאָלן רעזיגנירן פון דער עקסהומאציע.

די אָנפירער פון צענטראַל־קאָמיטעט פון יידן אין פּוילן האָבן פאָרמולירט דעם אָפּזאָג מיטן מאָטיוו, אז עס זענען דאָ זייער וויכטיקע סיבות און די הויפּט־סיבה איז, אז דאָס אדורכפירן די עקסהומאציע קען ארויסרופן שווערע קאָנ־סעקווענצן ביי׳ דער אָרטיקער פּוילישער באפעלקערונג.

און דאָס זענען געווען זייערע מאָטיוון:

— עס זענען פאראן פיל געפארן און שטארקע אנטיסעמיטישע שטימונגען ביי א טייל פּאָליאַקן, וואָס עס האָט זיך אויסגעדריקט אין מאָרדן יידן אין פאר־שיידענע ערטער אין פּוילן און דער הויכפּונקט איז געווען דער קעלצער פּאָגראָם.

— אויך אין דער געגנט פון לאָמאז זענען געווען פאלן פון דערמאָרדן יידן.

אפילו אין דער פוילישער פּאָליציי זענען פאַראַן אַנטיסעמיטישע עלעמענטן, וועלכע אונטערשטיצן די מערדער פון די יידן...

— די אַרטיקע מאַכט וועט נישט דערלויבן צו עפענען די מאַסן־קברים, היות ווי דאָס קאָן אַרויסרופן אַן עפּידעמיע צווישן דער אַרטיקער באַפעלקערונג, און דאָס קאָן נאָך מער אונטערהעצן די אַנטיסעמיטישע געפילן ביי דער פוילישער באַפעלקערונג אין לאָמאַז און זיי וועלן זיכער פּראָטעסטירן קעגן אַדורכפירן די עקסהומאַציע.

מיר האָבן אָבער נישט רעזיגנירט. מיר האָבן קאַטעגאָריש פאַרלאַנגט, אַז די לאָמאַזער קרבנות פון דעם דייטשן נאַציזם דאַרפן געפינען זייער אייביקע רו אויפן יידישן בית־עולם אין לאָמאַז. דאָס איז דער חוב פון דער לאָמאַזער שארית־הפליטה כלפי זייערע טייערסטע. די פאַרוואָרלאָזטע גריבער — די מאַסן־קברים אין לאָמאַזער וואַלד איז אַ פאַרשוועכונג פון דעם הייליקן אָנדענק פון די לאָמאַזער קדושים.

מיר האָבן קאַטעגאָריש געפאָדערט, אַז בעתן אַדורכפירן די עקסהומאַציע זאָל מען אַרום די קברים אַוועקשטעלן פעסער מיט כלאָר און די פוילישע פּאָליציי זאָל אָפּהיטן די זיכערקייט פון די יידן בעת דער עקסהומאַציע.

די פּאָליציי דאַרף זיין באַוואָפנט מיט מאַשין־געווער און דאָס קאָן צוימען די פינצטערע עלעמענטן, וועלכע וועלן וואָגן אַרויסרופן אַן אַנטיסעמיטישע העצע קעגן די יידן און אָנווענדן טעראָר־אַקטן.



שמחה עפלבוים און יעקב בערמאַן, פאַר־שיטן דעם ברודער־קבר אויפן לאָמאַזער בית־הקברות אין 1949



די איינציקע אלטערטימלעכע מצבה וואָס איז איבערגעבליבן אויפן חרובן בית־הקברות אין לאָמאַז. שטייען פון רעכטס צו לינקס: חיים שווארצלעדער, יעקב בערמאַן, שמחה עפלבוים, אפרים עפלבוים. 1949

איך האָב קאטעגאָריש דערקלערט, אז די לאָמאזער יידן וועלן בשום אופן נישט רעזיגנירן פון דער עקסהומאציע. דער צענטראל־קאָמיטעט פון די יידן אין פוילן האָט גענומען אין אכט אונדזערע מאָטיוון און צום סוף באשלאָסן צוצו־טיילן אונדז יעדע מעגלעכע הילף ביים אדורכפירן די עקסהומאציע.

די לאָמאזער אין אמעריקע האָבן צוגעטראָגן א וויכטיקןביישטייער און מאטעריעלע הילף, וואָס איז געווען פארבונדן מיט די הוצאות פון דער עקס־הומאציע. דאָס זעלבע אויך די לאָמאזער יידן אין ארגענטינע האָבן געגעבן זייער מאָראלישע און מאטעריעלע אונטערשטיצונג.

איך בין געקומען קיין לאָמאז מיט א געוויסער פארלייכטערונג און סאטיס־פאקציע, אז ענדלעך וועלן מיר אויסלייזן דעם כבוד פון אונדזערע קדושים. איצט האָט מען אָבער געדארפט צוטרעטן צו דער פראקטישער ארבעט.

קומענדיק צו די גריבער אין וואלד, זענען זיי שוין געווען אָפן. די חברים יעקב בערמאן, משה־נחום בערמאן, אפרים עפלבוים און חיים שווארצלעדער האָבן שוין אדורכגעפירט די זייער שווערע און פאראנטווארטלעכע פיזישע ארבעט.

די עקסהומאציע איז אדורכגעפירט געוואָרן אויך מיט דער הילף פון עטלעכע קריסטלעכע ארבעטער. די פורמאנעס האָבן אריבערגעפירט די עצמות פון די קדושים אין וועגענער אויפן יידישן בית־עולם אין לאָמאז. און מיר — די פאריתומטע יידן — דאָס קליינע הייפעלע שארית־הפליטה פון דער לאָמאזער רומפולער קהילה האָבן באגלייט די עצמות פון אונדזערע קדושים צו זייער אייביקער רו אויפן יידישן בית־עולם אין לאָמאז.

אין די 2 גריבער האָבן זיך געפונען קרבנות פון לאָדזש, ראָסאָש, סעראָצק, ווישניאָוואגורא, סוואלק, דאָמאטשעוואָ, סלאָוויטיטשע, פּאָדוואָזשע, ווארשע, אָטוואָצק און די יידן פון די שכנותדיקע לאגערן.

מיט דער הילף פון לאָמאזער קריסטן איז אויך געפונען געוואָרן א ברודער־קבר פון 30 יידן, וואָס זענען דערמאָרדעט געוואָרן אין שענעיקא און נאָך עטלעכע ברודער־קברים. די אלע קרבנות זענען אויך אריבערגעפירט געוואָרן אין די צוויי מאסן־קברים אויפן יידישן בית־עולם אין לאָמאז.

דעם 18טן אויגוסט 1946 איז פאָרגעקומען די צערעמאָניע ביי דער קבורה פון די לאָמאזער קדושים. דער חזן, אָנגעטאָן אין א טלית האָט אדורכגעפירט די הזכרה לויטן יידישן דת־ודין.

מיט פארכאפטע הערצער האָבן מיר געהערט דעם ניגון, וואָס האָט אָפּגע־הילכט אין דער לופט — א ניגון, וועלכן מ׳האָט שוין לאנג נישט געהערט.

די אלע אָנוועזנדע יידן האָבן געזאָגט קדיש בציבור און האָבן זיך מתייחד געווען מיט די טייערסטע קרבנות.

טראָץ דעם, וואָס א גאנצן טאָג האָט גערעגנט, זענען געקומען א סך אַרטיקע איינוווינער און שול־קינדער מיט די לערערס. אויף די מאסן־קברים האָט מען אוועקגעלייגט קרענץ מיט בלומען און אויף זיי די געהעריקע אויפשריפטן.

ביים מאסן־קבר אויפן בית־עולם האָבן גערעדט די פאָרשטייער פון דער אָרטיקער מאכט און פון די געזעלשאפטלעכע אָרגאניזאציעס, דער ספעציעלער דעלעגאט פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין ווארשע און דער פאָרשטייער פון לאָמאזער קאָמיטעט אין וואָרצלאוו.

די אָרטיקע מאכט האָט זיך פארפליכטעט אָפצוהיטן דעם גאנצן שטח פון דעם יידישן בית־הקברות אין לאָמאז. איצט איז פארבליבן דרינגנד אוועקצו־שטעלן א מצבה אויפן מאסן־קבר און ארומצאמען דעם גאנצן שטח פון יידיטן בית־הקברות אין לאָמאז מיט א געמויערטן פלויט.

אין אָנדענק פון די לאָמאזער קדושים, וואָס זענען אומגעקומען אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה 1939—1945

עס איז אין דעם טראדיציאָנעלן יידישן גייסט, אז בשעת מען פייערט גרויסע יידישע יום־טובים — אי נאציאָנאלע, אי אזעלכע, וואָס טראָגן א לאָקאלן כאראקטער, פון א געמיינדע יידן, פון אן אָרגאניזאציע אָדער אפילו ביי א גרויסער שמחה פון יחידים, אז עס זאָלן דערמאָנט ווערן די אלע, וואָס זענען פון אונדז אוועקגעריסן געוואָרן.

דערפאר איז וויכטיק, אז מיר זאָלן ביי אונדזער גרויסער פייערונג פון דעם 60־יאָריקן יובילייאום פון דער עקסיסטענץ פון אונדזער לאָמאזער סאָסיעטי ווידמען א ספעציעלן טרויער־בלאט אין אָנדענק פון די לאָמאזער קדושים, וועלכע זענען אומגעבראכט געוואָרן דורך די נאציס ימח שמם וזכרם, צוזאמען מיט די זעקס מיליאָן פון אונדזערע ברידער און שוועסטער אין אייראָפע.

און אזוי ווי יידן האָבן קיין מאָל נישט פארגעסן די עמלקים אין משך פון הונדערטער דורות און זאָגן נאָך היינט צו טאָג „זכור את אשר עשה לך עמלק", אזוי דארפן מיר, יידן, אָנהאלטן יענע טראדיציע און זאָגן: „געדענקט די יידישע טראגעדיע פון דעם צוואנציקסטן יאָרהונדערט, מיר וועלן די נאציס נישט פאר־געסן און נישט פארגעבן".

מענדל בערמאַן

פאָרזיצער פון דעם מעמאָריאַל־קאָמיטעט

יובילעאום־זשורנאל אין צוזאמענהאנג פון דער 60־יאָריקער עקזיסטענץ פון דער לאָמאזער סאָסייטי אין אמעריקע.

לאָמאזער שארית־הפליטה אין פוילן נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה

די שארית־הפליטה פון די לאָמאזער יידן האָבן זיך מערסטנטייל געראַטעוועט אין ראטנפארבאנד. אָנהייבנדיק פון יאָר 1946 (אין הסכם פון דעם רעפּאַטריאציע־אָפּמאַך צווישן פוילן און דעם ראטנפארבאנד), זענען געקומען פון ראטנפארבאנד קיין פוילן מיטן רעפּאַטריאציע־שטראָם אויך לאָמאזער יידן און זיי האָבן זיך באזעצט בעיקר אין נידערשלעזיע.

אין די גרעסערע שטעט אין פוילן, ווי וואָרצלאַוו, שטשעטשין און אנדערע שטעט, האָבן זיך געשאפן וואָיעוואָדישע „יידישע קאָמיטעטן" און דער גרעסטער פון זיי איז געווען אין וואָרצלאַוו. בראש פון אלע קאָמיטעטן איז געשטאַנען דער צענטראל־קאָמיטעט פון די יידן אין פוילן, וועלכער האָט קאָאָרדינירט די טעטיקייט פון אלע יידישע קאָמיטעטן אין פוילן.

די יידישע וואָיעוואָדישע קאָמיטעטן האָבן געפירט זייער געזעלשאפטלעכע טעטיקייט אין שווערע באדינגונגען און מיט באשיידענע מעגלעכקייטן. די ניצול געוואָרענע יידן, הן די, וואָס זענען געקומען פון ראטנפארבאנד און



א גרופּע לאָמאזער מיטארבעטער מיטן לאָמאזער קאָמיטעט אין נידערשלעזיע. שטייען פון רעכטס צו לינקס: יעקב בערמאן, זיסקע טייטלבוים, אפרים עפּלבוים, משה בערמאן, אפרים בערמאן. זיצן פון רעכטס צו לינקס: חיים שווארצלעדער, שמחה עפּלבוים, אברהם לערנער, יעקב גאָלדשמיד

הן די, וואָס זענען געקומען פון די לאַגערן, אָדער פון די וועלדער, האָבן זיך גענויטיקט אין באַלדיקער הילף.

די אַלגעמיינע לאַגע אויף די באַפרייטע געביטן פון פוילן איז געווען אַ שווערע: די אינדוסטריע אַ פאַרניכטעטע, דער מלוכה־אַפּאַראַט אַ נישט אָרגאַניזירטער און די זיכערקייט פון די אָנגעקומענע יידן קיין פוילן איז געווען אַ באַדראָטע אויף יעדן שריט און טריט.

אין פוילן האָבן זיך אָנגעהויבן אינערלעכע קאַמפן צווישן פאַרשיידענע פּאָליטישע גרופּירונגען, אַ טייל פון זיי זענען געווען צעפּרעסן פון אַנטיסעמיטיזם און האָבן באַדראָט דאָס לעבן פון די אָנגעקומענע יידן קיין פוילן.

אין די יידישע וואָיעוואָדישע קאָמיטעטן זענען געווען פאַרטראָטן אַלע פּאַרטייען, וועלכע זענען געווען טעטיק אין פוילן אין דער יידישער סביבה, דאָרט ווו עס איז געווען אַ גרעסערע קאָנצענטראַציע פון יידישע רעפּאַטריאַנטן.

צווישן די פאַרשיידענע אָפּטיילונגען פון די יידישע קאָמיטעטן, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיט באַפרידיקן די פּילזייטיקע באַדערפענישן פון דער יידישער באַפעלקערונג, איז אויך געווען טעטיק אַן אָפּטיילונג פאַר לאַנדסמאַנשאַפטן.

די לאָמאַזער לאַנדסמאַנשאַפט איז אַנטשטאַנען ביי דעם וואָיעוואָדישן קאָמיטעט אין וורָאָצלאַוו אין סעפּטעמבער 1946. די רעגיסטראַציע פון דער לאָמאַזער לאַנדסמאַנשאַפט איז באַשטעטיקט געוואָרן דורך דעם גענעראַל־סעקרעטאַר יצחק טורקאָוו און דעם רעפערענט מארבאך.

לויט די רשימות פון יענער צייט האָבן זיך געפונען אין נידערשלעזיע אַ 80 לאָמאַזער יידן צוזאַמען מיט זייערע פאַמיליעס. די אַקטיווע טוער אין וואָרצלאַווער קאָמיטעט זענען געווען: בערמאַן יעקב, לערנער אברהם, ראָזענבלום פייגע, עפּלבוים אפרים, בערמאַן משה־נחום, שוואַרצלעדער חיים און שמחה עפּלבוים — פאָרזיצער פון לאָמאַזער קאָמיטעט אין נידערשלעזיע.

דער לאָמאַזער קאָמיטעט אין שטשעטשין איז אויך אַנטשטאַנען אין סעפּטעמבער 1946 און די אַנטשטייונג האָבן באַשטעטיקט דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון די יידן אין פוילן און דער רעפערענט שוואַלבענדראָף.

לויט די רשימות פון יענער צייט זענען געווען רעגיסטרירט אין שטשעטשין 55 לאָמאַזער יידן מיט זייערע פאַמיליעס.

די אַקטיווע טוער אין שטשעטשינער קאָמיטעט זענען געווען: זימעלמאַן יהושע (פאָרזיצער) ליבמאַן מרדכי, קאָרמאַן חיים, בעלא חיים, גאָלדשמיד יעקב.

די לאָמאַזער לאַנדסמאַנשאַפט אין פוילן אין די יאָרן 1946—1948 האָט באַקומען אַ באַדייטנדיקע געלט־שטיצע: שפּייז־פּראָדוקטן און קליידונג. אין

דעם צייט־אָפּשניט האָט די הילפס־ארבעט לטובת דער שארית־הפליטה זיך שנעל אנטוויקלט. עס זענען געווען טעטיק אין פוילן דער „דזשאָינט", „אָרט", און „טאָז". די לאָמאזער יידן האָבן גענאָסן פון דער הילף פון „דזשאָינט" אין אמעריקע.

די לאָמאזער אין אמעריקע האָבן געאיילט מיט הילף און האָבן געגעבן א שיינעם ביישפּיל פון זאָרג פאר זייערע משפחות און פאר דער שארית הפליטה פון לאָמאז...

אויך די ארגענטינער לאנדסלייט האָבן זיך איינגעשפּאנט אין דער הילפס־אקציע פאר די לאָמאזער יידן געקומענע קיין פוילן נאָך דער מלחמה, כדי וואָס שנעלער צו פארהיילן זייערע שווערע ווונדן פון דער מלחמה.

די לאגע פון די לאָמאזער רעפּאטריאנטן, פּונקט ווי אלע אנדערע רעפּאַט־ריאנטן געקומענע פון ראטנפארבאנד איז געווען א שווערע, דעריבער האָט זיך פארשטארקט די קעגנזייטיקע פריינדשאפט. מען פלעגט זיך אָפט באגע־גענען, מ'האָט זיך געטיילט מיט אינפאָרמאציעס וועגן קרובים און באקאנטע, וועלכע געפינען זיך אין פוילן און אין אויסלאנד.

די לאָמאזער שארית־הפליטה אין נאָכמלחמהדיקן פוילן, האָבן זיך גע־האלטן ווי איין משפחה. זיי האָט פארקניפּט און געבונדן די פארגאנגענהייט, די בעסטע טראדיציעס, וואָס זיי האָבן געירשנט פון זייערע היימען אין זייער אלטער היים אין לאָמאז און זיי האָבן דערפילט א געמיינזאמען חוב צו האלטן זיך ביים לאָמאזער שטאם. יעדער איינער לאָמאזער האָט געזוכט אן אָנשפּאר, א נאָענטקייט אין די ראמען פון דער לאָמאזער לאנדסמאנשאפט אין פוילן.

לאָמאזער יידן אָנטיילנעמער אין דעם פּראָדוציר־קאָאָפּעראטיוו אין נידערשלעזיע

ביי די וואָיעוואָדישע יידישע קאָמיטעטן זענען געווען אָפּטיילונגען פאר פּראָדוקטיוויזאציע. עס איז געווען דרינגלעך נויטיק צו שאפן ארבעטספּלעצער פאר די ניי אָנגעקומענע רעפּאטריאנטן פון רוסלאנד. די זאָרג איז געווען, וואָס גיכער צו שאפן ארבעטספּלעצער פאר די ניי אָנגעקומענע רעפּאטריאנטן צוליב פארשיידענע סיבות און דאָס סאמע וויכטיקסטע סיבה איז געווען די באזונדערס פיינטלעכע אטמאָספער קעגן יידן ביי געוויסע טיילן פון פוילישע מיטארבעטער.

אין דער צייט האָט דער „דזשאָינט" פון אמעריקע באשטימט בודזשעטן פאר פּראָדוקטיוויזאציע. אויך אנדערע יידישע ישובים אין דער וועלט האָבן באשטימט בודזשעטן פאר דעם דאָזיקן צוועק. דער „אָרט" האָט אנטוויקלט א

ברייט־פארצווייגטע טעטיקייט אויפן געביט פון פאך־בילדונג. פאר די יונגע און פאך־דערגאנצונג פאר דערוואקסענע.

אלע פאקטאָרן האָבן געשטרעבט, אז די געלטער, וועלכע זענען צו דעם צוועק באשטימט געוואָרן זאָלן פארווענדעט ווערן פראָדוקטיוו און זאָלן ברענגען א נוצן. די זאָרג איז געווען, אז די מענטשן זאָלן זיך קענען זעלבסט אויסהאלטן און נאָכן אדורכגיין פאכמענישע צוגרייטונג, זאָלן זיי באקומען א פאך כדי זיי זאָלן שפעטער זיך קענען אָנשליסן אין קאָאָפעראטיוון און ארבעטן דאָרט אלס פאכמענער.

צו דעם צוועק זענען אנטשטאנען קאָאָפעראטיוון, וואָס האָבן באשעפטיקט א קורצע צייט א גרעסערע צאָל מענטשן. אזוי איז אנטשטאנען דער שניידער קאָאָפעראטיוו „זגאָדא" אין וורא‍צלאוו.

צווישן די לעבנגעבליבענע שניידער זענען געווען גוטע פאכמענער, וועלכע האָבן פאר דער מלחמה זיך אויסגעצייכנט מיט זייער הויכן קוואליטעט. נעבן די דאָזיקע פאכמענער האָבן באקומען באשעפטיקונג מענטשן מיט קלענערע קוואליפיקאציעס. דאָס האָט אויסגעברייטערט דעם קרייז פון די באשעפטיקטע שניידער אין דעם קאָאָפעראטיוו „זגאָדא". אזוי האָבן אויך אדורכגעפירט א וויכטיקע ארבעט די לאָמאזער אין „זגאָדא" שווארצלעדער חיים. גאָלדוואסער בנימין און יאבלאָנקא יעקב. פון זיי האָבן זיך קוואליפיצירט די פיל באַ־שעפטיקטע שוואך־קוואליפיצירטע יונגע ארבעטער. צווישן די געקומענע קיין פוילן פון ראטנפארבאנד זענען אויך געווען טוער פון דער פראָפעסיאָנעלער באוועגונג אין ווארשע, לאָדזש און אנדערע שטעט. דאָס זענען געווען הויך־קוואליפיצירטע פאכלייט, מענטשן מיט א לאנגן סטאזש ארבעט. אין משך פון יאָרן האָבן זיי געארבעט ביי דעם פאך און אין דער פרייער צייט האָבן זיי געווידמעט זייער פרייוויליקע טעטיקייט כדי צו פארבעסערן די לעבנס־באדינ־גונגען פון די ארבעטער.

זיי זענען געווען די פאסיקע מענטשן אין פוילן נאָך דער מלחמה אלס די אָנפירער פון די קאָאָפעראטיוון. אויך דאָ האָט זיך געצייטיקט א סך קענטעניש, אַ סך פרייוויליקייט און א סך איבערגעגעבנקייט אָבער צום גרויסן באדויערן איז זייער צאָל געווען זייער א קליינע.

אזוי איז אויך געווען אין דעם שניידער־קאָאָפעראטיוו „זגאָדא". דער גורל האָט געוואָלט ווידער צוזאמענטרעפן מיך מיט יהודה פלאָץ און געצל שווארצ־בערג אין דעם 3 פערזאָניקן פרעזידיום פון קאָאָפעראטיוו „זגאָדא".

יהודה פלאָץ איז געווען דער פאָרזיצער פון „זגאָדא".

געצל שווארצבערג — פאראנטוואָרטלעכער פאר די אָפטיילונגען פון

באשטעלטע ארבעט, שמחה עפלבוים — טעכנישער לייטער און פאראנטוואָרט־לעכער פאר דער פראָדוקציע.

מיט די 2 מענטשן האָב איך זיך געטראָפן און מיטגעארבעט פיל יאָרן פאר דער מלחמה, אין שניידער־פאראיין אין ווארשע. יהודה פלאץ איז געקומען אין קאָאָפּעראטיוו „זגאָדא" מיט א רייכער דערפארונג אלס אָנפירער און גוטער זאכקענער פון יעדער אָפּצווייג אין דער באקליידונג־אינדוסטריע. קיינער האָט זיך נישט געקענט פארגלייכן מיט אים אין זיין ארבעטסזאמקייט, אין דער צאָל פרייוויליקע ארבעט־שעה׳ן, וואָס י. פלאץ האָט געווידמעט דעם קאָאָפּעראטיוו.

זעלבסטפארשטענדלעך, אז עס זענען געווען צו הילף גוטע פאכלייט, פעאיקע מענטשן, וואָס האָבן פיל בייגעשטייערט פאר דער אנטוויקלונג פון „זגאָדא".

דער קאָאָפּעראטיוו האָט געפירט א ברייט־פארצווייגטע טעטיקייט. ער האָט אָנגעהויבן מיט 20־30 מענטשן אין 1946 און אין פארלויף פון עטלעכע יאָרן, איז שוין „זגאָדא" אויסגעוואקסן בערך ביז 300 מענטשן, מערסטנס יידן, וואָס זענען געווען באשעפטיקט ביי דער באקליידונג־פראָדוקציע פאר מענער, פרויען און קינדער.

דער קאָאָפּעראטיוו „זגאָדא" האָט אויך געפירט א ברייט־פארצווייגטע קולטור־טעיקייט. אין דעם בנין פון דעם קאָאָפּעראטיוו איז געווען א גרויסער זאָל וואָס איז געווען אויסגעשטאט מיט די נויטיקע אוויזאָרן צו פירן א קולטור־טעטיקייט. עס איז דאָרט געווען א טריבונע פאר ארטיסטן און שרייבער. דאָ האָט מען פארשפרייט די פרעסע און דעם יידישן בוך און די ביולעטינען פון דעם יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט.

ביים קאָאָפּעראטיוו „זגאָדא" איז אויך געווען אַ כאָר, א דראמאטישער קרייז ווו די שניידער און שניידערינס זענען געקומען אויף רעפעטיציעס און צוגעגרייט פאָפּולערע פראָגראמען אונטער דער רעזשי פון פראָפעסיאָנעלע ארטיסטן. די קאָנצערטן זענען אדורכגעגאנגען מיט גרויס דערפאָלג. דער כאָר און דער דראמאטישער קרייז פלעגן אָפט ארויספאָרן אויף קאָנקורסן אין פאר־שיידענע שטעט אין פוילן.

מען דארף פארשטיין, אז אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה זענען די פליטים געווען צעוואָרפן איבער פארשיידענע שטעט און שטעטלעך אין דעם גרויסן ראטנפארבאנד און א גרויסער טייל פון זיי זענען געווען אין די מוסלמענישע רעפובליקן.

די יידן האָבן געלעכצט נאָך א יידיש וואָרט, נאָך א יידיש ליד, נאָך אַ יידישע פאָרשטעלונג, זיי זענען געווען אָפּגעריסן פון דער יידישער קולטור. פון יידישע צייטונגען. די יידישע פליטים, וועלכע זענען געווען איינגעטונקט

אין דער יידישער קולטור האָבן איצט, ווען עס זענען באנייט געוואָרן די קונסט־אמאטאָרן קרייזן אין פוילן, זענען זיי אויפגענומען געוואָרן פון דעם יידישע ישוב אין פוילן מיט גרויס צופרידנהייט און מיט פול סימפאטיע און אנער־קענונג. די קולטור־טעטיקייט אין „זגאָדא״ האָט אויסגעפילט א וויכטיקע קול־טור־מיסיע.

לאָמאזער באשעפטיקטע אין פארשיידענע קאָאָפעראטיוון אין פוילן

אפרים עפלבוים האָט געארבעט אלס סטאָלער אין פארלויף פון 5־6 יאָר אין דעם בוי־קאָאָפעראטיוו „סטאָלמעס״ אין ווראָצלאוו. ער האָט אויסגעפירט פארשיידענע בוי־ארבעטן אין ניי־געבויטע הייזער. עס זענען אין דעם קאָאָפע־ראטיוו געווען א 100 באשעפטיקטע און צווישן זיי 50 יידן.

אויך די פארוואלטונג איז דאָרט געווען א געמישטע. די יידישע חברים זענען דאָרט געווען אין דער אָנפירונג ווי צום ביישפיל: פאָרזיצער פאָלאק, מיטגלידער פון דער פארוואלטונג: עפלבוים און וואכנאכער.

דער צווייטער ארבעטס־פלאץ אין פארלויף פון 2.5 יאָר איז געווען דער קאָאָפעראטיוו „איזאָלאציע און בוי״ אין ווראָצלאוו. עס זענען דאָרט געווען באשעפטיקט בערך 130—150 ארבעטער און צווישן זיי 10% יידן. די אנדערע זענען געווען קריסטן און דייטשן.

אין דער פארוואלטונג זענען געווען מערסטן קריסטן, אָבער דער פאָרזי־צער איז געווען אפרים עפלבוים. אין דער זעלבער צייט איז ער אוועק זיך לערנען און דער קאָאָפעראטיוו. האָט אים אויסגעצאָלט דעם נאָרמאלן חודש־לוין. נאָכן פארענדיקן די לערע אלס בויטעכניקער, האָט ער געארבעט א קורצע צייט אין דעם זעלבן קאָאָפעראטיוו.

אין 1957 פארלאָזט ער פוילן און איז געקומען קיין ישראל. מיטן פארלאָזן פוילן פון אפרים עפלבוים איז נישט פארבליבן מער קיין לאָמאזער אין פוילן.

משה־נחום בערמאן האָט געארבעט 6 יאָר אין א גרויסן קאָאָפעראטיוו „עלעקטראָמעטאל״ אין ליגניץ. דער קאָאָפעראטיוו האָט פראָדוצירט נייע קינדער־וועגלעך פאר גאנץ פוילן. אין דעם דאָזיקן קאָאָפעראטיוו זענען געווען באשעפטיקט מערסטנס פוילישע ארבעטער.

דער „עלעקטראָ־מעטאל״ קאָאָפעראטיוו האָט געהאט אָפטיילונגען פאר פארשיידענע מעכאנישע און עלעקטרישע ארבעטן פון טאָגטעגלעכן געברויך. אין דער פארוואלטונג זענען געווען מערסטנס קריסטן און 2 יידן. משה־נחום איז אויסגעוויילט געוואָרן אלס פאָרזיצער פון פאבריק־קאָמיטעט און האָט פרייוויליק געווידמעט פיל צייט די סאָציאלע באדערפענישן פון די ארבעטער.

אין ליגניץ האָט זיך געבויט א גרויסע פאבריק פון אייזנגוס און דאָרט האָט געארבעט אלס טעסלער יעקב בערמאן. ער איז געווען פון די אויסגעצייכנטע ארבעטערס און איז געווען דאָרט אָנגעזען אלס ערנסטער און פעאיקער פאכ־מאן. יעקב בערמאן האָט זאָגאר אויך באקומען פרעמיעס פאר זיין גוטע ארבעט. ער האָט פארנומען א וויכטיקע פאָזיציע אין דער פאבריק.

לויט די ליסטעס פון וואָיעוואָדישן קאָמיטעט אין נידערשלעזיע, האָבן לאָמאזער יידן געוווינט און געארבעט אין פאָלגנדיקע שטעט: וואָרצלאוו, ליגניץ, דזשערזשאָניוו, וואלבזשיך, ביעלאווא, זיעמביצע, זאָמבקאָוויצע, סוויע־באָדזשיצע, ווי אויך אין שטשעטשין. אין די אויבן אויסגערעכנטע שטעט זענען געווען קאָאָפעראטיוון ווו לאָמאזער האָבן געארבעט.

אויף די כוואַליעס פון סימפאטיע פאר ישראל

נאָכן אונטערשרייבן דעם רעפאטריאציע־אָפמאך צווישן פוילן און דעם ראטנפארבאנד, האָט א ריזיקער שטראָם יידישע רעפאטריאנטן פארלאָזט דעם ראטנפארבאנד און זענען געפאָרן קיין פוילן מיטן ציל צו פאָרן קיין ארץ־ישראל.



א גרופע לאָמאזער יידן אין דייטשלאנד פארן עולה זיין קיין ישראל בעת דער אזכרה נאָך די לאָמאזער קדושים. אויבערשטע שורה, שטייען פון רעכטס צו לינקס: ליטמאן רובינשטיין, ברוך גאָלדשער, אברהם ספאָקאָיני, אריה פאָלאסעצקי, אברהם שטראקס: מיטלסטע שורה, זיצן פון רעכטס צו לינקס: פעשע רובינשטיין, לאה ראָזענבלום, פרץ קאופמאן, שלמה גאָלדשער, שלום צוקערמאן, רייזל ראָזענבלום. אונטערשטע שורה, פון רעכטס: יוסף פלעשל, יצחק כץ.

שוין אין די באנען, וואָס האָבן געפירט די יידישע רעפאטריאנטן קיין פוילן איז געקומען צום אויסדרוק דער שטארקער דראנג פון גרויסע טיילן פון די יידישע רעפאטריאנטן וואָס זענען געפאָרן פון רוסלאנד קיין פוילן כדי צו פאראייניקן זיך מיט זייערע קרובים אין ארץ־ישראל.

אויף א ספאָנטאנישן אופן האָבן זיך אָרגאניזירט גרופן יידן, וועלכע זענען געווען דעצידירט טראָץ אלע שוועריקייטן אריבערשמוקלען אומלעגאל גרענעצן און לענדער, נישט קוקנדיק אויף די גרויסע געפארן כדי צו דערקלייבן זיך צו די גרענעצן פון ארץ־ישראל.

אין פוילן און אין פארשיידענע אנדערע לענדער אין אייראָפּע און באזונ־דערס אין עסטרייך, דייטשלאנד און איטאליע זענען אנטשטאנען קיבוצים, וואָס האָבן די מאסן־באוועגונג פון דער שארית־הפליטה ארייגענומען אין זייערע רייען און האָבן זיי אינטעגרירט אין זייערע אָרגאניזאציאָנאלע ראמען.

דאָס זענען געווען די צייטן פון דער „בריחה״ אין פוילן און אין אייראָפּע, וואָס האָט אָרגאניזירט די טראנספאָרטן, וועלכע זענען געפירט געוואָרן דורך



א גרעסערע גרופע פון דער לאָמאזער שארית־הפליטה אין דייטשלאנד פאר זייער עליה קיין ישראל נאָך דער אזכרה פון די לאָמאזער קדושים. שטייען פון רעכטס צו לינקס: רייזל ראָזנבלום, די דריטע: חיה ווילנער (לעדערמאן), דער אכטער: ליטמאן רובינשטיין, נעבן אים רעכטס: אביגדור לייזערזאָן (פון ראָסאָש), פערל ווונדערבוים, יוסף פלעשל, לאה ראָזענבלום, שלמה גאָלדשער, רבקה שווארץ (ווונדערבוים), ברוך גאָלדשער, ישעיה זימעלמאן, פראדל ספּאָקאָיני, אברהם ספּאָקאָיני, בעלא זימעלמאן, שרה סרעבניק. זיצן פון רעכטס צו לינקס: אשר טענענבוים, דער דריטער: חיים ספּאָקאָיני, די פערטע: טובה לעדערמאן, שלום צוקערמאן, גאָדל טענענבוים.

פעאיקע אויסגעשולטע מענטשן, ווען ס'איז געלונגען אויסצומיידן פיל ליידן און אויך קרבנות.

דורך דעם שליאך זענען אוועק פון פוילן אין פארשיידענע צייטן אויך א גרעסערע צאָל לאָמאזער יידן. זיי זענען צוערשט אָנגעקומען אויף דער אמע־ריקאנער זאָנע אין דייטשלאנד, וואָס איז געווען די צווישנסטאנציע אויפן וועג קיין ישראל.

נאָכן פראָקלאמירן די אנטשטייונג פון מדינת ישראל, איז דער ענטוזיאזם צווישן די יידן ווי זיי האָבן זיך נאָר געפונען געווען זייער גרויס. א ריזיקער שטראָם פון הייסן פאטריאָטיזם האָט ארומגענומען די שארית־הפליטה. און ווען די אראבישע לענדער זענען אָנגעפאלן אויף דער יונגער יידישער מדינה אויף מאָרגן נאָך איר פראָקלאמירן איר אומאָפהענגיקייט, האָבן יונגע מענטשן געשטראָמט קיין ישראל דורך פארשיידענע וועגן און אומוועגן כדי זיך איינ־שליסן אין די רייען פון צבא הגנה לישראל און צוזאמען העלפן צו אָפשלאָגן די אטאקעס אויף דער יידישער מדינה, וועלכע איז געווען ארומגערינגלט פון 7 אראבישע מדינות.

אויך אין די קאָאָפעראטיוון אין פוילן, ווו עס האָבן געארבעט פיל יידישע ארבעטער איז געווען שטארק די סאָלידאריטעט און סימפאטיע פאר ישראל. דאָס פרעזידיום פון דעם קאָאָפעראטיוו „זגאָדא" האָט באשלאָסן צו בא־שטייערן זיך מיט א חודש געהאלט פאר ישראל און גערופן אלעמען צו נאָכטאָן דעםביישפיל. עס איז דאן געשאפן געוואָרן 500.000 זלאָטעס. דאָס איז געווען די גרעסטע סומע געלט, וואָס אן אינסטיטוציע אין פוילן האָט ווען עס איז געשאפן.

דער קלאָנג, אז דער קאָאָפעראטיוו „זגאָדא" האָט זיך באשטייערט מיט אזא גרויסע סומע געלט פאר ישראל, האָט זיך פארשפרייט אין אלע קאָאָפע־ראטיוון אין פוילן און דאָס האָט מיטגעריסן און פארשטארקט די שטרעבונג און ווילן פון די יידן צו קומען אין אייגענעם יידישן לאנד.

די אנטהילונג פון דעם דענקמאָל און געמויערטן פלויט אין לאָמאז

פרייטיק דעם 5טן מאי 1989 איז געווען זייער א דערהויבענער טאָג פאר די לאָמאזער לאנדסלייט. אין דעם טאָג איז פאָרגעקומען די אנטהי־לונג פון דעם דענקמאָל נאָך די אומגעקומענע לאָמאזער יידן אין דער צייט פון

דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע. צוזאַמען מיטן אַנטהילונג דעם דענקמאָל איז אויך אַנטהילט געוואָרן דער פּלויט אַרום דעם לאָמאַזער בית־עולם אין דער לענג פון 455 לויפיקע מעטער, וואָס האָט אַרומגעצוימט דעם בית־עולם פון אַלע זייטן.

צו דער פייערונג זענען געקומען קיין פּוילן די לאָמאַזער לאַנדסלייט פון די פאַראייניקטע שטאַטן אין באַשטאַנד פון דעם פּאַרזיצער פון דער לאָמאַזער לאַנדסמאַנשאַפט אין אַמעריקע מענדל בערמאַן, זיין פרוי פרומע ז״ל, שלום צוקערמאַן, זיין פרוי פּאָלע, גרשון מאַנדעל, זיין ברודער אברהם ז״ל.

פון ישראל זענען געקומען קיין לאָמאַז שרה מאַנדעל און אפרים עפּלבוים. צוזאַמען 8 אָפּשטאַמיקע פון לאָמאַז.

אויף דער פייערלעכקייט פון אַנטהילן דעם דענקמאָל האָבן אָנטייל גענומען אויך פאָרשטייער פון דער מאַכט פון ביאַלע פּאָדלאַסקע און אויך פון לאָמאַז. דער גייסטלעכער פון דער לאָמאַזער קירך האָט רעפּרעזענטירט די לאָמאַזער פּאַראַפיע. אויף דער פייערונג זענען געשיקט געוואָרן שילער פון אַ קינדער־שולע צוזאַמען מיט זייערע לערערס. חוץ זיי אַלע האָבן אָנטייל גענומען אין דער פייערונג אויך פיל אָרטיקע איינוווינער פון לאָמאַז, צוזאַמען בערך אַ 100 מענטשן.

נאָך דער אָפיציעלער אַנטהילונג פון דעם דענקמאָל האָבן די דעלעגאַציעס געלייגט קרענץ בלומען מיט אַנטשפּרעכנדיקע אויפשריפטן און צום סוף האָבן די פאַרזאַמלטע לאָמאַזער יידן געזאָגט קדיש בציבור און אָפּגעריכט אַן „אל־מלא־רחמים״.


ביי דער אַנטהילונג פון דעם דענקמאָל איז אויך בייגעווען אַ קאָרעספּאָנ־דענט פון דער יידישער צייטונג אין פּוילן „פאָלקס־שטימע״, וועלכער האָט אָנ־געשריבן אַ גרויסן אַרטיקל וועגן דער פייערונג פון אַנטהילן דעם לאָמאַזער דענקמאָל.

אַרום דעם פּלויט האָט די לאָמאַזער שטאָט־פאַרוואַלטונג פאַרפלאַנצט ביי־מער. די פאַרזאַמלטע פאָרשטייער פון די לאָמאַזער לאַנדסמאַנשאַפטן פון ישראל און אַמעריקע האָבן אויסגעדריקט גרויס אָנערקענונג פאַר די אויספירער פון דעם פּראָיעקט און געדאַנקט די בויער פון דענקמאָל און פּלויט.

אברהם מאַנדעל ז״ל האָט נאָך באַוויזן פאַר זיין לעבן צו רעאַליזירן זיין ווונטש צו אָפּגעבן כבוד זיין אומגעקומענער משפּחה און אַלע לאָמאַזער קדו־שים און ער האָט זוכה געווען צו שטיין אויף דעם הייליקן אָרט ביי דער מצבה פון די לאָמאַזער קדושים.



א גרופע לאָמאזער ייִדן אין דייטשלאנד נאָך דער אזכרה פון די לאָמאזער קדושים פאר זייער עולה זיין קיין ישראל. שטייען פון רעכטס צו לינקס: שלום צוקערמאן, גרשון מאנדעל, אשר טענענבוים, לאה ראָזנבלום, יצחק כץ, גאדל טענענבוים, אברהם ספאָקאָיני, אריה פאָלאסעצקי, חיים ספאָקאָיני, ליטמאן רובינשטיין, חיים קארמאן, דוד טענענבוים, מינטשע כץ, חסיה ספאָקאָיני, פעשע רובינשטיין, לעצטע: מיכלע בלושטיין. אונטערשטע שורה: די קינדער פון חסיה ספאָקאָיני — רבקה און דני



דער טויער פון דעם נייעם פלויט וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין 1989 און דער צעמענטירטער וועג וואָס פירט צו דעם דענקמאָל נאָך די לאָמאזער קדושים אויפן לאָמאזער בית־הקברות

רעדע פון פאָרשטייער פון לאָמאזער לאנדסמנשאפט אין ישראל אפרים עפלבוים

חשובע פאָרשטייער פון דער ביאלע פאָדלאסקער וואָיעוואָדסטווא,
שטאָט־פארוואלטונג פון לאָמאז און אומגעגנט,
פארבאנד פון די רעליגיעזע קהילות אין פוילן,
חשובע פארזאמלטע!

מיט 47 יאָר צוריק, אין די טעג פון 19־18טן אויגוסט 1942 האָבן די היטלע־ריסטן באפוילן, אז אלע יידן, וואָס געפינען זיך אין לאָמאז: מענער, פרויען, קינדער און אלטע מענטשן מוזן זיך צושטעלן אויף דעם באשטימטן אָרט.

די היטלעריסטן האָבן די צענויפגעטריבענע יידן אין דער צאָל פון איבער 2000 מענטשן געטריבן אויף א בעסטיאלישן אופן עטלעכע קילאָמעטער הינטער דער שטאָט אין וועלדל „האלי". דאָרט האָט מען אויסגעגראָבן 2 גרויסע גריבער און אויף זיי ארויפגעלייגט ברעטער.

די היטלעריסטישע רוצחים האָבן די אומגליקלעכע יידן געטריבן אויף די ברעטער און אין זיי געשאָסן. א טייל מענטשן זענען בלויז פארווונדעט געוואָרן, אָבער זיי זענען אויך ארייגעפאלן לעבעדיקע אין די גריבער צוזאמען מיט די טויטע קערפערס.

די לעצטע גרופע האָט פארשאָטן די גריבער און נאָכער האָט מען אויך זיי דערשאָסן און ארייגעוואָרפן אין דעם ברודער־קבר.

בלויז איין מענטש האָט זיך אָפגעראטעוועט פון דער גרויזאמער שחיטה און אים איז געלונגען צו אנטלויפן פון דעם עקזעקוציע־אָרט און ער איז דער איינציקער עדות פון דער טראגעדיע פון די לאָמאזער יידן און ער האָט אונדז דערציילט וואָס איז דאָרט ווירקלעך פאָרגעקומען.

די אָרטיקע איינוווינער האָבן דערציילט, אז די ערד האָט זיך געטרייסלט פון דעם אויבערשטן שיכט קרבנות, וועלכע האָבן נאָך געלעבט און זיך געראנגלט א געוויסע צייט ביז זיי זענען פארשטומט געוואָרן און זיי האָבן אויסגעהויכט זייערע נשמות. אזוי האָט זיך טראגיש פארענדיקט דאָס לעבן פון די לאָמאזער יידן.

מיר האָבן געפונען אין די ארכיוון היסטאָרישע מאטעריאלן, אז יידן האָבן געלעבט אין לאָמאז שוין מיט 500 יאָרן צוריק. אויך דער בית־הקברות אויף וועלכן מיר שטייען דאָ איז ווארשיינלעך אלט 500 יאָר.

אין אלע צייטן פון דעם קיום פון דעם לאָמאזער יידישן ישוב האָבן די יידן

זיך פאַרנומען מיט מלאכה און קליינהאנדל. די יידן אין לאָמאז זענען געווען פראָדוקטיווע מענטשן. זיי זענען געווען, א פראָדוקטיווער עלעמענט אין שטאָט און זיי האָבן בייגעשטייערט צו דער עקאָנאָמישער אנטוויקלונג פון לאָמאז.

די גרעסטע צאָל פון די לאָמאזער יידן זענען געווען אויסגעשולטע פאכ־מענער: שניידערס, שוסטערס, שמידן, טעסלער און אנדערע פאכלייט און האָבן באדינט דער יידישער ווי דער קריסטלעכער באפעלקערונג סיי אין שטאָט גופא און סיי דער אַרומיקער באפעלקערונג.

די יידן אין לאָמאז האָבן געהאט זייערע רעליגיעזע און וועלטלעכע אינס־טיטוציעס און דאָס געזעלשאפטלעכע קולטור־לעבן ביי די יידן אין שטאָט איז געווען זייער גוט אנטוויקלט.

אין לאָמאז האָבן די יידן געהאט א גרויסן בית־כנסת אין צענטער פון שטאָט, ווו די יידן האָבן געדאוונט. די יידישע קהילה אין לאָמאז האָט אָנגעפירט מיטן גייסטיקן און רעליגיעזן לעבן אין שטאָט און האָט אנטוויקלט א ברייטע נעץ פון רעליגיעזע אינסטיטוציעס.

א גרופע לאָמאזער יידן, וועלכע האָבן זיך געראטעוועט אין די מלחמה־יאָרן אין ראטנפארבאנד, האָבן זיך צוריקגעקערט קיין פוילן אין 1946 און האָבן זיך דערוווּסט וועגן טראגישן סוף פון אונדזערע משפחות.

מיר האָבן באשלאָסן אדורכצופירן די עקסהומאציע פון די דערמאָרדעטע יידן און אריבערפירן די עצמות פון די איבער 2000 קרבנות, וואָס זענען געווען באגראָבן אין די ברודער־קברים און ברענגען זיי צו קבורה אויפן יידישן בית־הקברות אין לאָמאז.

די פוילישע מאכט־אָרגאנען האָבן אונדז געגעבן גרויסע הילף ביים רעאלי־זירן די שווערע און פאר אונדז הייליקע אויפגאבע, וואָס איז אויסגעפירט געוואָרן אין יאָר 1949. מיר האָבן אונדזער חוב פאר אונדזערע פארשניטענע לאָמאזער יידן אויסגעפילט, אָבער אויף דעם אייביקן רו־אָרט אויפן לאָמאזער בית־הקברות איז נישט געווען קיין מצבה, קיין דענקמאָל און דער גאנצער שטח פון דעם בית־הקברות איז נישט געווען ארומגעצאמט און איז געווען אין משך פון יאָרן פארוואָרלאָזט.

עס זענען שוין אדורך פיל יאָרן נאָכן חורבן און אונדזער געוויסן האָט אונדז נישט געלאָזט רוען. מיר, דאָס הייפעלע לעבנגעבליבענע לאָמאזער יידן, וואָס זענען צעשפרייט איבער דער גאנצער וועלט האָבן באשלאָסן אוועקשטעלן א ווירדיקן דענקמאָל פאר די אומגעקומענע לאָמאזער יידן אין דער צייט פון דער היטלעריסטישער אָקופאציע און אויך ארומצאמען דעם גאנצן שטח פון יידישן בית־הקברות אין לאָמאז מיט א געמויערטן פלויט און מיר ווילן האָפן, אז דער הייליקער אָרט וועט אָפגעהיט ווערן.

היינט, נאָך 47 יאָר האָבן מיר רעאַליזירט אונדזער ציל. אונדזער טרוים איז מיט געמיינזאמע כוחות פארווירקלעכט געוואָרן. און מיר גיבן אָפּ כבוד אונדזערע קרבנות.



די אנטהילונג פון דעם דענקמאָל און פלויט אויפן לאָמאזער בית־הקברות 5.5.89 עס שטייען צווישן אנדערע: מענדל בערמאן (אמעריקע), אפרים עפלבוים (ישראל), פאָלע צוקערמאן (אמעריקע)

עס איז וויכטיק פאר יידן און פאָליאקן, אז דער יונגער דור פון דער פוילי־שער באפעלקערונג אין לאָמאז זאָל וויסן, אז דאָ האָבן געלעבט און געשאפן יידן אין משך פון לאנגע דורות און דאָ האָבן זיי געפונען זייער ביטערן סוף. די יידן זענען דאָ פארניכטעט געוואָרן דורך די בלוטדורשטיקע נאצישע מער־דערס בלויז דערפאר, ווייל זיי זענען געווען יידן.

כבוד זייער הייליקן אָנדענק!

מיר, די אָפּשטאמיקע פון לאָמאז דאנקען די מאכט־אָרגאנען פון ביאלע פאָדלאסקער וואָיעוווּדסטוואָ פאר זייער פינאנסיעלער און פילזייטיקער הילף ביים רעאַליזירן דעם פראָיעקט. מיר דאנקען אויך די לאָמאזער שטאָטישע מאכט־אָרגאנען פאר זייער הילף און פאָזיטיווער באציונג און מיטארבעט.

אייך אַלעמען אונדזער הארציקן דאנק!

לאָמאזער יידן אין רוסלאנד

אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, זענען א געוויסע צאָל לאָמאזער יידן אריבער וווינען אין די גרעסערע שטעט פון רוסלאנד, מחמת לאָמאז האָט זיך געפונען אונטער דער הערשאפט פון צארישן רוסלאנד, האָט די צארישע מאכט כלל נישט געשטערט די איבערוואנדערונג פון די יידן.

די הויפט־סיבה איז אָבער געווען די מלחמה צווישן רוסלאנד און דייטש־לאנד און דער ווילן זיך וואָס ווייטער זיך דערווייטערן פון דעם אויסנאם־צו־שטאנד, אין וועלכן גאנץ פּאָדלאסיע האָט זיך געפונען.

עס זענען אויך געווען פאלן פון נאָענטע משפחה־פארבינדונגען צווישן די לאָמאזער יידן מיט זייערע קרובים, וועלכע האָבן דאן געוווינט אלס סטאבילע איינוווינער פון די רוסישע שטעט אין רוסלאנד. אין דער צייט צווישן דער ערשטער וועלט־מלחמה און דער צווייטער, איז דער קאָנטאקט צווישן די לאָמא־זער יידן וואָס האָבן געלעבט אין ראטנפארבאנד מיט די לאָמאזער יידן אין פוילן איבערגעריסן געוואָרן.

ווען די דייטשע ארמיי איז אין יוני 1941 באפאלן דעם ראטנפארבאנד און איז גאָר אין גיך אריבער די סאָוועטישע גרענעץ, האָט זי גלייך אָקופּירט די ווייסרוסישע און אוקראַינישע געביטן, ווו עס האָבן געוווינט די לאָמאזער יידן. אנטלאָפן זענען אָבער נאָר געציילטע, נאָר די, וועלכע האָבן געהאט א מעגלעכ־קייט צו אנטלויפן, אָבער די מערהייט לאָמאזער יידן זענען פארבליבן אויף זייערע ערטער.

א חוץ דעם, האָט קיינער נישט געגלויבט, אז די דייטשע אָקופּאציע וועט לאנג דויערן. יידן האָבן גערעכנט, אז פריער אָדער שפעטער וועט די רויטע ארמיי צעקלאַפּן די נאַציִשע האָרדעס און די מלחמה וועט זיך ענדיקן, איז דערי־בער נישט כדאי צו וואלגערן זיך אין דער פרעמד. קיינער האָט אָבער נישט געוואָלט צולאָזן דעם געדאנק, אז זיי דראָט א טאָטאלע פארניכטונג. אָבער ליידער האָבן די לאָמאזער יידן זיך שטארק טועה געווען: דער דייטשער חלף האָט זיך אראָפּגעלאָזט איבער זייערע קעפּ און זיי זענען דערמאָרדעט געוואָרן. מיר ווייסן זייער גוט, אז קיין צוהעלפער צו אויסמאָרדן די יידן האָבן די דייטשן נישט געפעלט.

אין דער מלחמה קעגן היטלער־דייטשלאנד, האָבן אויך אָנטייל גענומען לאָמאזער יידן און זייערע קינדער, וועלכע האָבן געלעבט פארן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה אין רוסלאנד. זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט אלס מוטיקע קעמפער אויף די שלאַכטפעלדער אלס זעלנער און אָפיצירן אין בא־

שטאנד פון דער רויטער ארמיי און א טייל פון זיי זענען געפאלן אין שלאכט אויפן פראָנט.

צווישן דעם הייפל לעבן געבליבענע לאָמאזער יידן פון רוסלאנד, זענען א טייל פון זיי מלחמה־אינוואלידן, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט אין קאמף קעגן דעם בלוטיקן נאצישן שונא און זיי זענען אויסגעצייכנט געוואָרן מיט קריגס־מעדאלן און אויסצייכענונגען פון דער רויטער ארמיי.

מיט דעם נייעם שטראָם עלייה פון רוסלאנד זענען אייניקע לאָמאזער יידן עולה געווען קיין ישראל „ווי פויגלען, וועלכע האָבן זיך אומגעקערט צו זייערע נעסט"...



דריי ברידער שטראקס געבוירענע אין לאָמאז. זיצט פון לינקס צו רעכטס: יואל שטראקס שטייט פון לינקס צו רעכטס: יעקב שטראקס, דריטער: ברוך שטראקס.
די קינדער פון נחום שטראקס: הינדע, יואל, ברוך, יעקב, געבוירענע אין לאָמאז האָבן געלעבט מיט זייערע משפחות אין רוסלאנד צענדליקער יאָרן.

קהילת ראָסאָש
אין לעבן
און אין חורבן

מרדכי געבירטיג

אונדזער שטעטל ברענט

ס׳ברענט! ברידערלעך, ס׳ברענט!
אוי, אונדזער אָרעם שטעטל נעבעך ברענט!
בייזע ווינטן מיט ירגזון
רייסן, ברעכן און צעבלאָזן
שטאַרקער נאָך די פלאַמען,
אַלץ אַרום שוין ברענט.

און איר שטייט און קוקט אזוי זיך —
מיט פאַרלייגטע הענט
און איר שטייט און קוקט אזוי זיך
אונדזער שטעטל ברענט...

ס׳ברענט! ברידערלעך, ס׳ברענט!
אוי, אונדזער אָרעם שטעטל נעבעך ברענט!
ס׳האָבן שוין די פייער־צונגען
דאָס גאַנצע שטעטל איינגעשלונגען —
און די בייזע ווינטן הוזשען
אונדזער שטעטל ברענט!
און איר שטייט און קוקט אזוי זיך
מיט פאַרלייגטע הענט
און איר שטייט און קוקט אזוי זיך
אונדזער שטעטל ברענט...

ס׳ברענט! ברידערלעך, ס׳ברענט!
אוי, עס קען חלילה קומען דער מאָמענט:
אונדזער שטאָט מיט אונדז צוזאמען

זאָל אויף אש אוועק אין פלאמען,
בלייבן זאָל — ווי נאָר א שלאכט,
נאָר פוסטע, שווארצע ווענט!

און איר שטייט און קוקט אזוי זיך —
מיט פארלייגטע הענט
און איר שטייט און קוקט אזוי זיך —
אונדזער שטעטל ברענט...

ס'ברענט! ברידערלעך, ס'ברענט!
די הילף איז נאָר אין אייך אליין געווענדט.
און אויב דאָס שטעטל איז אייך טייער,
נעמט די כלים, לעשט דאָס פייער,
לעשט מיט אייער אייגן בלוט,
באווייזט, אז איר דאָס קענט.

שטייט ניט, ברידער, אָט אזוי זיך
מיט פארלייגטע הענט.
שטייט ניט, ברידער, לעשט דאָס פייער —
אונדזער שטעטל ברענט!

בונים זילבערשטיין

דאָס פנים פון שטעטל ראָסאָש

ראָסאָש איז קליין און ארעם. דער ברוק אויף די פאָר שמאָלע גאסן איז געווען קרום און לאָם. אין די נאסע צייטן פון יאָר, אין פרילינג און אין הארבסט איז דאָס שטעטל געווען באדעקט מיט א געדיכטער בלאָטע. די מערסטע הייזער זענען געווען אָפּגעריסן און פארוואָרלאָזט און אויף די יידן פון שטעטל — אָרעמע הענדלערס, פארהאָרעוועטע בעלי־מלאכות און בעלי־עגלות איז געלעגן אַ פארזאָרגטקייט און א שווערע ערנסטקייט. ראָסאָש איז געווען א שטעטל אין

וועלכער כמעט אלע יידן האָבן געלעבט אין דחקות און דאגות פון פרנסה.

דאָס שטעטל האָט געלעבט ווי איין משפחה: יעדערער האָט געוווּסט וועגן יעדנס לײַדן און פרײַדן. פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן אין ראָסאָש געלעבט א 80 יידישע משפחות בערך. און אלע האָבן געוווינט אין איין גאַס.

די יידן אין שטעטל האָבן זיך באשעפטיקט בעיקר מיט פּראָדוצירן ערדענע טעפּ און דעריבער האָט מען די ראָסאָשער יידן גערופן אין די ארומיקע שטעט־לעך „ראָסאָשער טעפּער"... יעדן זונטיק, גאַנץ פרי פלעגט מען די ערדענע טעפּ אָנלאָדן אויף א וועגעלע און אוועקפירן זיי אין די דערפער און זיי אויסבייטן פאַר א ביסל שמאַטעס אָדער אלטע אייזן. א גאַנצע וואָך האָבן די יידן פון דאָסאָש זיך אָפּגעוואָלגערט אין די דערפער פון דער סביבה און פרייטיק אויף שבת פלעגט מען זיך אומקערן פון דאָרף אין שטעטל.

די לעצטע צייט האָט זיך דער אנטיסעמיטיזם אין פוילן שטאַרק פאַר־שטאַרקט און די פויערים אין די דערפער האָבן אויסגעדריקט זייערע אנטי־יידישע געפילן ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן. דאָס האָבן גוט אָפּגעפילט די יידן, וועלכע זענען געפאָרן אין די דערפער אויסבייטן אין פאַרקויפן זייערע אויסאַרבעטונגען.

עס זענען געווען נישט ווייניק פאַלן, ווען די ראָסאָשער הענדלער פלעגן באַפאַלן ווערן פון די דאָרפישע קינדער מיט שטיינער און שטעקנס און די יידישע דאָרפס־הענדלער פלעגן זיך אומקערן אהיים מיט פאַרבאַנדאַזשירטע קעפּ.

די געמיטערס פון די אונטערגעהעצטע פויערים זענען געווען צעהיצט און דאָס האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם פיינטלעכן קבלת־פנים, ווען די יידן זענען געקומען אין דאָרף. אָבער די יידישע ראָסאָשער דאָרפס־הענדלער האָבן נישט געהאַט קיין אויסוועג און טראָגן דער פיינטלעכער אטמאָספער און שלעכטער באציונג מצד די פויערים, האָבן זיי פאַרגעזעצט זייער מסחר אין דאָרף, זיי האָבן דאָך געמוזט באשפייזן זייערע משפחות, וועלכע זענען געווען געבענטשט מיט פיל קינדערלעך.

די מערהייט יידן אין ראָסאָש האָבן חוץ די טעפּערס זיך פאַרנומען מיט פאַרשיידענע מלאכות: שניידערס, שוסטערס, סטאָליאַרעס, ס'זענען געווען אין שטעטל עטלעכע קרעמלעך און 2 קצבים. איינעם האָט מען גערופן „מאָטעלע דער קצב" און דעם צווייטן „איסר דער קצב". מאָטעלע איז געווען א ייד, א תלמיד־חכם און אויך א גרויסער וויצלער. שטענדיק פריילעך, א שמח בחלקו. ווען ער פלעגט קומען אין בית־המדרש מתפלל זיין, פלעגט ער נוהג זיין אוועק־לייגן דאָס תפילין־זעקעלע אויפן שטענדער און ארומלויפן עטלעכע מאָל ארום דעם בית־המדרש...

ווען מ׳האָט מאָטעלען געפרעגט: ר׳ מאָטעלע, ווי אזוי ענדיקסטו אזוי שנעל דעם דאווענען? האָט ער באלד געענטפערט: „אויפן ווונק, מען דארף צו דעם רבונו של עולם נישט רעדן פיל, ער פארשטייט אויפן ווונק וואָס מען וויל פון אים״...

אין ראָסאָש זענען געווען 2 בעלי־עגלות, דאָס זענען געווען די ברידער יאבלאָנקע. גערופן האָט מען זיי: „לייזער מאָטעס״ און „משה מאָטעס״, ווייל דער טאטע האָט זיך גערופן מרדכי. אין שטעטל האָט יעדער איינער געהאט א צונאָמען, אָדער נאָכן טאטן אָדער נאָך דער מאמען, אָדער סתם א צונאָמען...

צום ביישפיל: די משפחה „חייקונעס״, האָט מען גערופן „חייקונעס״. ווייל דער זיידע האָט געהייסן חיים.

אונדזער משפחה האָבן די גויים גערופן וואָלטשוק, ווייל דער עלטערזיידע האָט געהייסן וואָלף. די ברידער משה און לייזער מאטעס פלעגן ארויס אין גאס גאנץ פרי און שטיין אין גאס ביז זיי האָבן געקראָגן א פור צו פאָרן קיין ביאלע. אויף דעם וואָגן פלעגן זיי ארויפליייגן א פאָר זעקלעך תבואה, און אויך מיטנעמען א פאָר פאסאזשירן קיין ביאלע און צוריקברענגען פון ביאלע סחורה פאר די ראָסאָשער קרעמער.

אין ראָסאָש איז געווען א רב און א שוחט. דעם רב האָט מען גערופן ר׳ אליעזר פרידמאן. דער ראָסאָשער רב האָט געלעבט אין דחקות פונקט ווי אלע יידן אין שטעטל. חוץ דעם רב און שוחט זענען אין ראָסאָש אויך געווען עטלעכע דרדקי מלמדים, וואָס פלעגן לערנען מיט די קינדער חומש, תנ״ך און גמרא.

דער רבי ר׳ זלמנקע

דער ערשטער דרדקי מלמד אין ראָסאָש, וואָס האָט געלערנט די קליינע קינדער דעם אלף־בית און אויך די תפילות האָט געהייסן ר׳ זלמנקע. ער איז געווען א שטרענגער רבי און זייער א בייזער ייד. ר׳ זלמנקע פלעגט מיט זיין בייזן בליק ארויפוואַרפן א שרעק אויף זיינע תלמידים און חוץ דעם האָט ער נישט ארויסגעלאָזט דעם קאַנטשיק פון זיינע הענט און נישט איין תלמיד האָט באקומען פון אים נישט ווייניק שמיץ פון זיין קאַנטשיק. די קינדער האָבן פאר אים מורא געהאט פחד מות...

ראָסאָשער לעבנסשטייגער

ראָסאָש איז געווען א שטעטל פון פאַרהאָרעוועטע און פאַרדאַגהטע טאטעס און מאמעס, וועלכע האָבן זיך תמיד געראַנגלט מיט דאגות פרנסה, מיט אויס־האָדעווען קינדער און זאָרגן, אז זיי זאָלן אויסוואַקסן לייטישע מענטשן און לערנען זיי א פאַך, כדי זיי זאָלן קענען העלפן דער משפחה.

די קינדער זענען אויסגעוואקסן, טייל פון זיי האָבן פאַרלאָזט ראַסאָש און האָבן עמיגרירט אין פאַרשיידענע לענדער אין דער וועלט און מאמעס מיט בענקשאפט און דאגות פאַר די קינדער, פלעגן מיט א פאַרכאַפּטן אָטעם גיין אויף דער פּאָסט נאָך אן אויסגעבענקטן בריוול פון אמעריקע אין וועלכן ס׳האָט זיך אַמאָל אויך געפונען א פּאָר דאָלער אויף יום־טוב.

די ראַסאָשער יידן, מיט ווינט און וועטער געקאַרבטע פּנימער, מיט מאָזאָליעסדיקע הענט און מיט א געזונטן פּאָלקישן וויץ און שטעטלדיקן הומאָר, האָבן געפירט אן אייגנאַרטיק יידישן עמך־לעבן. זיי האָבן טיילמאָל גערעדט מיט דער שפּראַך פון זייערע מלאכות אָדער מיטן ספּעציפישן פּאָלקלאָריסטישן נוסח, ווען זיי האָבן זיך געפונען אויף די וועגן. פלעגן פאָרן אין די דערפער האַנדלען מיט די פּויערים. דאָס איז געווען א שפּראַך פון האַמערן פּאָדקאָוועס, אייזנס, שלעפּן קלעצער און שווערע משאות.

אין ראַסאָזש זענען געווען צוויי מינים קבצנים: די וואָס האָבן יאָ און נישט געהאַט א בהמה און א שטיקל גאָרטן. און די וואָס האָבן עס יאָ געהאַט זענען פאַררעכנט געוואָרן פאַר „גבירים״...

אויף ווינטער האָט מען זיך געדאַרפט באַזאָרגן מיט האָלץ, קאַרטאָפל, קרויט און אוגערקעס, וועלכע מ׳פלעגט פאַרזייערן אין פעסלער און שטעלן זיי אין קעלער אויף ווינטער.

אין ראַסאָש איז געווען א סדר מיט איינגעפונדעוועטע מידות, טראַדיציעס און מנהגים. די געמיינזאַמע טראַדיציעס האָבן געשאַפן דעם שטעטלדיקן פּאָלקלאָר. אָט די פּאָלקישע היימישקייט האָט אויף די ראַסאָשער יידן געהאַט א פּילפּאַכיקע ווירקונג.

פון דעם מאַרקפּלאַץ האָבן זיך געצויגן זייטיקע געסלעך, זיי זענען געווען ווייניק און דאָרט האָבן געוווינט די בעלי־עגלות, קאַראַבעלניקעס, דאָרפגייערס, שוסטערס, שניידערס, בלעכערס, בעקערס, עטלעכע שמידן און אַנדערע בעלי־מלאכות. דאָרט האָבן זיך קאָנצענטרירט די עמך־מענטשן. ס׳זענען אויך געווען אין ראַסאָש א פּאָר שפּייז־קרעמלעך, עטלעכע אייזן־קראָמען און שניטקראָמען. דאָס זענען געווען די מסחר־מענטשן.

איין מאָל אין וואָך איז געווען א מאַרקטאָג, וועלכער האָט אויפגעלעבט דאָס גאַנצע שטעטל. אין מאַרקטאָג פלעגן זיך אויסשטעלן פילע רייען מיט פּויערישע פורלעך, וועלכע זענען געווען פול מיט הינער, גענדז, קעזן און אַנדערע לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן, וועלכע זיי פלעגן פאַרקויפן די ראַסאָשער איינוווינער.

נאָכן טומלדיקן מאַרקטאָג פלעגן די פּויערים איינקויפן אין די יידישע קרעמלעך די נויטיקסטע סחורות. דער רוב יידן, סיי די קליינהענדלער און סיי

די בעלי־מלאכות האָבן געצויגן חיונה פון דעם מאַרקטאָג אויף א גאַנצער וואָך.

פון פאַרנט האָבן די שטעטלדיקע הייזקעס פאַרגעשטעלט מיט זיך א געוויינ־לעך בילד פון א קליין יידיש שטעטל. הינטער די הייזקעס — די ציגן, בהמות, הינער, געגנדז און קאַטשקעס וועלכע האָבן זיך געפּונען אין די צוגעבויטע שטאַלן און עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון א דערפל.

עס דערמאָנט זיך דאָס טרעשטשען פון מיט תבואות אָנגעלאָדענע וועגענער פון די פּויערים, וועלכע זענען געפאָרן צום מאַרקטאָג. דער הייזעריקער „וויאָ!" פון די פורמאַנעס, די פונקען אויפן שטיינערנעם ברוק פון די פערדישע פּאָד־קאָוועס און דער שאַרפער קנאַק פון די בייטשן...

איך זע נאָך איצט פאַר מיינע אויגן די לאַנגע ווינטער־אָוונטן אין שטעטל. דער שימער פון דעם קעראָסין־לאָמפּ אויף די ווייסע פּאַראייזיקטע שויבן פון די פענצטערס. און ביז היינט הער איך דעם סקריפּנדיקן טראָט אויפן פאַר־פראָרענעם שניי...

ראָסאָש אין די חנוכה־טעג און פסח

עס דערמאָנען זיך אויך די דרשות פון די מגידים, וועלכע פלעגן פון צייט צו צייט אריינפאָרן אין שטעטל און צווישן מנחה און מעריב האָבן זיי געדרשנט אין דעם שטילן, האַלב־טונקלדיקן בית־המדרש. און די פיל מתפללים פלעגן מיט גרויס אינטערעס אויסהערן זייערע דרשות און באַוואונדערן זייער אָראַ־טאָרישן קונסט...

אין די חנוכה־טעג האָט פון יעדן פענצטער פון די יידישע הייזער שימי־רירט די חנוכה־ליכטלעך און צעגליט די פאַרקאָוועטע פון שניי שויבן. די ליכ־טעלעך האָבן דערציילט וועגן דעם שטאָלץ פון די חשמונאים, וועלכע האָבן אויפגעהויבן דעם בונט קעגן די באַצווינגער פון דער יידישער רעליגיע.

איך געדענק דעם טאַטנס בענטשן די חנוכה־ליכטלעך, וועלכע זענען געשטאַנען אויף א ציגל און זיין ניגון מיטן טראָפּ אויפן „בימים ההם" און דאָס זינגען דעם „מעוז צור" בצוותא קלינגט נאָך אַלץ אין מיינע אויערן.

אמערסטן האָבן מיר ליב געהאַט די קאַרטאָפל־לאַטקעס, וועלכע מ'האָט געטונקט אין טעפּ פון געגנדזענעם שמאַלץ און דאָס שפּילן אין דריידלעך אויפן טיש, וואָס איז געווען באַדעקט מיט א שניי־ווייסן טישטעך.

די קינדער האָבן מיט שווייגנדיקער וואַרטעניש און גרויס אומגעדולד געוואַרט אויף די חנוכה־געלט, וואָס דער טאַטע האָט געטיילט מיט א באַזונ־דערער הנאה און שטאָלץ. עס איז אויך געווען אָנגענומען אין ראָסאָזש, אז אין די חנוכה־טעג האָט מען געשפּילט אין „דאַמקע",

דער ערב פסח האָט אָנגעזאָגט דעם אָנקום פון פרילינג, דאָס קראַכן פון די אַפּגייענדיקע קריעס אייז אויפן טייך. און אָנגעהויבן האָט זיך עס באלד נאָך שושן־פורים. נאָך דעם ווי די יינגלעך האָבן „געקלאפט״ המנן און נאָכן אויס־בייטן זיך פון די פורמדיקע שלח־מנות׳ן.

די ערב־פסחדיקע איבערקערעניש אין די יידישע הייזער, דער כּאַדאַראַם אין שטעטל מיטן כשרן די כלים, דאָס סקראָבען, קראצן און וואשן יעדן שפּעלטל פון שטויב און חמץ. די ערנסטקייט ביים פרעגן די פיר קשיות, ביים ציילן פרעה׳ס מכות, ביים „שפוך חמתך״, ביים עפענען די טיר פאר אליהו הנביא; די שמחה און געלעכטערס ביים אנטדעקן דעם אפיקומן. יעדער קאפיטל פון דער הגדה האָט געהאט איר באזונדערן ניגון.

די געזאנגען האָבן זיך געטראָגן פון אלע יידישע הייזער אין שטעטל. ראָסאָש האָט געפייערט דעם יום־טוב פסח.

ראָסאָש ערב שבת און שבת

אָרעם זענען די אויסדריקן כדי צו שילדערן די געפילן און זכרונות, וואָס בעטן זיך צו פארשרייבן און צו שילדערן די געפילן און אטמאָספער ביי די ראָסאָשער יידן ערב שבת און שבת אין שטעטל.

א גאנצע וואָך זענען די יידן אין ראָסאָש געוועזן פארדאגה׳ט פון זוכן פרנסה, אָבער דאָנערשטיק האָבן זיך שוין אָנגעהויבן די צוגרייטונגען צו שבת.

פרויען זענען געגאנגען אין די באקאליי־קרעמלעך צו איינקויפן דאָס נוי־טיקסטע צום שבת. אָפטמאָל האָט מען געקויפט אויף „באָרג״, ס׳איז נישט געווען קיין מזומענע געלט מיט וואָס צו באצאָלן. פון יום־טוב צו יום־טוב האָט מען געוואָרט אויף א בריוול פון א קרוב פון אמעריקע מיט עטלעכע דאלער און דאן האָט מען אזיך צעצאָלט מיט די חובות.

קודם־כל האָט מען געקויפט קאָרנמעל צו באקן ברויט אויף א גאנצער וואָך. אין יעדן הויז איז געווען אן אויוון און די מאמעס האָבן געבאקן ברויט און חלות אויף שבת, געקאָכט שבתדיקע מאכלים, צוגעגרייט א טשאָלנט און געשטעלט עס אין אויוון אויף שבת.

די באלעבאָסטעס האָבן געקויפט א פונט פלייש, מער פארמעגלעכע האָבן געקויפט 2 פונט און א ביסל קליינע פישעלעך ביי לייבקען, וועלכע ער האָט געבראכט פון וואָלאָדאַווע.

דאנערשטיק פארטאָג פלעגן אונדזערע מאמעס אויפשטיין און אָנהויבן צוגרייטן דעם שבת. די געשמאקע ריחות האָבן גערייצט די נאָזלעכער. עס האָט געשמעקט מיט פרישן ברויט און חלות, מיט פלייש און בשמים.

פרייטיק נאָכמיטאָג, ווען די יידן וואָס האָבן געארבעט און די וואָס האָבן זיך שוין צוריקגעקערט פון די דערפער, האָבן אראָפּגעוואָרפן פון זיך די וואָכע־דיקע שמוציקע קליידער און מ׳איז אוועק אין באָד צו אָפּוואשן דעם שמוץ פון א גאנצער וואָך. די באָד האָט זיך געפונען אויף דער לאָנקע נעבן קליינעם טייכל, וואָס האָט דורכגעפלאָסן דורך ראָסאָש.

פרייטיק איז שוין נישט געווען קיין געוויינלעכער וואָכנטאָג. עפּעס פון שבת־קודש האָט שוין געהערשט אין שטוב גלייך נאָכמיטאָג. יעדן ערב שבת פארנאכט זענען אין שטעטל געווען מינוטן ווי די וואָכעדיקייט פון דער וואָך האָט פארשווינדט און געווארט מיט אומגעדולד אויף דעם ליכט־בענטשן פון דער מאמען, וואָס האָט אָנגעזאָגט דאָס אָנקומען פון שבת.

די לעצטע זענען געווען די פאַרהאָרעוועטע יידן, וועלכע האָבן זיך גע־איילט צו אָפּרייניקן די בלאָטע פון די שטיוול און מען איז געגאנגען קויפן ביי משולמען דעם קרעמער אָדער ביי יאָסל מיכלס א שמירעכטס פאר 3 גראָשן און אויסגעשמירט די שטיוול לכבוד שבת...

פרומע יידן האָבן לכבוד שבת אָנגעטאָן די שבתדיקע קאפּאָטעס, וועלכע מ׳האָט נאָך געהאט פון דער חתונה. כמעט אלע יידן אין שטעטל זענען געגאנ־גען אין בית־המדרש מקבל שבת זיין.

דער רב און דער בעל־מלאכה, דער גביר און דער קבצן, יעדערער לויט זיין שטאנד, איז פרייטיק צונאכטס געגאנגען אין שול, וואָס איז געווען דער צענטער און טרעפונגס־פלאץ פון די ראָסאָשער יידן.

די מער פארמעגלעכע יידן האָבן נישט פארגעסן צו מיטנעמען אן אורח אויף שבת, א ייד, וואָס איז פארבליבן אין שטעטל אויף שבת, כדי צו מקיים זיין די מצוה פון „הכנסת אורחים".

נאָכן דאַווענען פלעגט מען גיין לאנגזאם און געלאסן באגלייטן איינער דעם צווייטן אהיים און אונטערוועגס ארומריידן אלע פּראָבלעמען פון שטעטל, פון דער פוילישער מדינה און פון דער וועלט...

קומענדיק פון בית־המדרש פלעגט די גאנצע משפחה זיך אויסזעצן ביים שבתדיקן טיש און עסן די שבתדיקע סעודה. אויפן שבתדיקן טיש האָבן אַרויס־געשיינט די שבת־ליכט אין די בלישטשענדיקע לייכטער, וועלכע די מאמע האָט געבענטשט פארשטעלנדיק איר פנים מיט די הענט אין א שלייער, לאָזנדיק דערביי א טרער. עפּעס א שבת־שכינה האָט געשוועבט אין אלע ווינקעלער פון שטוב.

אין די זומערדיקע פרייטיק פארנאכטן איז די גאנצע יוגנט ארויס פון שטעטל מיט א פריילעכן געפילדער, ביז עס פלעגט שוין אָנהויבן צו טאָגן און

ערשט דאן איז מען זיך פאנאנדערגעגאנגען מיט דער האָפענונג זיך ווידער צו טרעפן אויף מאָרגן שבת נאָכן טשאָלנט עסן.

שבת פרי זענען די שטעטלדיקע יידן ווידער געגאנגען אין בית־המדרש צו זאָגן תהילים פארן דאווענען, אָדער מעביר זיין די סדרה פון דער וואָך און לערנען א שטיקל מדרש, אָדער א בלאט גמרא.

זומער, שבת נאָכמיטאָג האָבן זיך די שטעטלדיקע יידן ווידער ארויסגע־לאָזט אויפן שויס פון דער נאטור און גאנצע משפחות פלעגן זיצן אונטערן שאָטן פון די שמעקנדיקעביימער. אין דער לופט האָט זיך געהערט די קלינגנ־דיקע קולות און הילכיקן געלעכטער פון די שפּילנדיקע קינדער.

אזוי האָבן די יידן אין ראָסאָש פארבראכט דעם שבת אָן דאגות פון פרנסה און באפרייט זיך פון דעם שווערן עול, וואָס האָט געדריקט אויפן געמיט די יידן א גאנצע וואָך.

דער ראָסאָשער בית־המדרש

דער הייליקסטער אָרט אין ראָסאָש איז געווען דער אלטער בית־המדרש, וואָס איז געווען פול מיט ארונות ספרים ש״ס, חומשים, סידורים, ספרי־תהילים, משניות און אנדערע ספרי־קודש, איינגעבונדענע אין פארמעט, וועלכע זענען געווען אויסגעלייגט ארום די ווענט. טייל הייליקע ספרים זענען איבערגעגאנגען פון דור צו דור.

דער ארון־הקודש, אזוי ווי די בימה אין מיטן דעם בית־המדרש זענען געווען מאיעסטעטיש און צויבערדיק. צוויי לאנגע טישן זענען געשטאנען ביים ארייגאנג פון בית־המדרש: איינער ביי דער דרום־וואנט פאר די גמרא־למד־נים, און א צווייטער פאר בעלי־מלאכות, קאראבעלניקעס און אנדערע עמך מענטשן.

עטלעכע מנינים פלעגן זיך צונויפקלייבן 3 מאָל אין טאָג און האָבן געדאוונט בציבור. אין די שבתים און ימים־טובים איז דער בית־המדרש געווען איבערפולט מיט מתפללים.

מיט גרויס דרך־ארץ און יראת־הכבוד האָבן די ראָסאָשער יידן זיך באצויגן צום רב פון שטעטל הרב ר׳ אליעזר פרידמאן, וואָס איז געווען א גרויסער למדן און האָט געהאט זיין שטענדיקן אָרט ביי דער מזרח־וואנט אין אלטן בית־המדרש.

שמחות אין ראָסאָש

יעדע 7 יאָר נאָכן סיום ש״ס האָבן די ראָסאָשער יידן איינגעאָרדנט א גרויסע סעודה כיד המלך. די טישן האָבן זיך געבראָכן פון געבראָטענע גענדז, פיש, הערינג, חלות, און פארשיידענע זיסע געבעקס און פרוכטן.

ראָסאָשער יידן האָבן זיך משמח געווען און דערביי אויסגעהערט די דרשות פון רב פון שטעטל הרב פרידמאַן און די דרשה פון דעם גבאי. א לאַנגע צייט האָט מען נישט געקענט פאַרגעסן די שמחה פון סיום הש״ס.

אונדזער יערלעכער קאַרנאַוואַל זענען געווען די שמחת־תורה׳ס הקפות: שמחת־תורה האָט גאַנץ ראָסאָש זיך משמח געווען. ערנסטע, סטאַטעטשנע יידן פון א גאַנץ יאָר, האָבן געטאַנצט און געזונגען מיט התלהבות אַרום דעם בית־המדרש באַלעמער; אין זייערע אָרעמס ספר־תורה׳ס מיט באַגילדעטע סאַמע־טענע מענטעלעך. זקנים מיט ווייסע בערד טאָפּטשענדיק אָפּט מיט א שווערע ספר־תורה און מיט טרערן אין די אויגן האָבן אָפּגעשטויסן פון זיך דעם אַרומיקן עולם מאַכנדיק פריי דעם וועג.

די שטופעניש פון די אַרומיקע דערוואַקסענע יידן צו כאַפּן א ספר־תורה האָבן געקושט דעם מענטעלע פון דער ספר תורה ווי מען קושט א הייליקע רעליקוויע. קינדער האָבן געפילדעוועט מיט זייערע פענדלעך אַרום זייערע עלטערן.

די ראָסאָשער הקפות האָבן געהאַט א שם אין דער געגנט. די מתפללים האָבן מאַסנווייז זיך געלאָזט משמח זיין און די תפילות און די געזאַנגען האָבן זיך געטראָגן אין דער לופט און ס׳האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז גאַנץ ראָסאָש איז פול מיט שמחת־תורה.

אין ראָסאָש אַזוי ווי אין אַנדערע שטעט און שטעטלעך אין פוילן האָט מען אָפּגעריכט פאַרשיידענע אַנדערע שמחות: חתונות, בר־מצוות, ברית־מילה א. א. יעדער איינער לויט זיינע מעגלעכקייטן האָט געפּראַוועט א שמחה, אָבער יעדע שמחה האָט איבערגעלאָזט ביי די ראָסאָשער יידן א גייסטיקן פאַרגעניגן.

ראָסאָש בעתן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה

אין משך פון זומער 1939 האָבן זיך אָנגעצויגן שוואַרצע פּאָליטישע וואָלקנס אויפן פוילישן הימל. אין שטעטל האָט מען שטאַרק גערעדט, אַז די מלחמה צווישן פוילן און דייטשלאַנד איז אומפאַרמיידלעך.

פון די צייטונגען האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז דייטשלאַנד האָט געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיטן ראַטנפאַרבאַנד וועגן א נישט אָנגריף־פּאַקט דעם 23סטן אויגוסט 1939 אין קרעמעל, אין מאָסקווע. פון דעם האָט מען פאַרשטאַנען, אַז דער גורל פון פוילן אַלס מלוכה איז געחתמעט: זי וועט צעטיילט ווערן דורך דייטשלאַנד און דעם ראַטנפאַרבאַנד אַזוי, אַז דער מערבדיקער טייל פון פוילן וועט אָקופּירט ווערן דורך דייטשלאַנד און דער מזרחדיקער טייל דורך דעם ראַטנ־פאַרבאַנד.

די לאַגע אין פוילן איז געווען זייער אָנגעשטרענגט און די פוילישע רעגירונג

האָט דערקלערט א מאָביליזאציע פון די רעזערוויסטן פון פוילישן מיליטער. אויך פון ראָסאָש האָט מען מאָבליזירט אין מיליטער אייניקע געוועזענע פוילישע זעלנער.

דעם 1טן סעפטעמבער 1939 האָבן דייטשע עראָפּלאנען געוואָרפן די ערשטע באָמבעס אויף פוילן. די דייטשע ארמיי האָט מיט א גרויסן כוח מארשירט אויף דער פוילישער טעריטאָריע און האָט פארנומען פיל שטעט און שטעטלעך און געזייט חורבן אויף דער אָקופּירטער טעריטאָריע.

די יידן פון די דאָזיקע שטעט און שטעטלעך זענען אין גרויס פּחד געלאָפן אויף מזרח און א ריזיקער שטראָם פון יידישע פּליטים האָט פארפלייצט די מזרח־געביטן פון פוילן. א סך פּליטים זענען אויך אָנגעקומען קיין לאָמאז און אין ראָסאָש.

עטלעכע טעג נאָכן אויסברוך פון דער מלחמה האָבן זיך באוויזן אין אונד־זערע שטעטלעך ראָסאָש, לאָמאז און ווישניץ עטלעכע דייטשע טאנקן, אָבער זיי האָבן זיך לאנג דאָרט נישט פארהאלטן. נאָך עטלעכע שעה האָבן זיי פאר־לאָזט די שטעטלעך און אויף צומאָרגנס האָט ארייננעמארשירט די רויט ארמיי.

פארשטענדלעך, אז די יידישע באפעלקערונג האָט אויפגענומען די רויטע ארמיי מיט פרייד און דער קבלת־פּנים איז געווען א ווארעמער. אָבער פון די רייד פון די רויט־ארמייער האָבן מיר פארשטאנען, אז די רויטע ארמיי וועט ווארשיינלעך אָפּטרעטן צוריק און מיט גרויס ציטער האָבן מיר נאָכגעפאָלגט די פּאָליטישע ענדערונגען וועלכע האָבן אונדז נישט אָנגעזאָגט קיין גוטס.

און ווירקלעך : דער סאָוויעטישער פעריאָד אין ראָסאָש איז געווען א קור־צער און נאָך עטלעכע וואָכן האָבן זיי פארלאָזט ראָסאָש און אנדערע שטעטלעך.

איידער די רויטע ארמיי האָט פארלאָזט ראָסאָש, האָט די סאָוויעטישע מאכט דערקלערט, אז ווער עס וויל מיטפאָרן מיט זיי איז עס דערלויבט. פיל יונגטלעכע וועלכע האָבן נישט געהאט קיין גרויסע משפּחות, האָבן פארלאָזט די שטעטלעך און זענען מיטגעפאָרן מיט דער רויטער ארמיי. פארלאָזנדיק די שטעטלעך האָט זיך קיינער אָבער נישט פאָרגעשטעלט, אז מען פארלאָזט זיי אויף אייביק און מער וועט מען שוין די משפּחות נישט זען. ווער האָט זיך דאַן געקענט פאָר־שטעלן, אז די דייטשע רוצחים וועלן אויסמאָרדן אלע יידן אין די שטעט און שטעטלעך, וועלכע זענען ארונטערגעפאלן אונטער דער דייטשער אָקופּאציע. ראָסאָש איז פארבליבן אָן א מאכט און אָן א שוץ.

די יידן האָבן געלעבט אין פּחד, נישט וויסנדיק וואָס דער מאָרגן וועט זיי ברענגען. איך האָב אין יענער צייט געלעבט אין ווישניץ. דאָס איז א קליין שטעטל 10 ק״מ פון ראָסאָש. די פינצטערע עלעמענטן פון דער פוילישער באפעלקערונג האָבן אויסגענוצט די געשאפענע לאגע, וואָס די רוסן זענען אָפּגעטראָטן און

די דייטשן זענען נאָך נישט אריין, האָבן אויסגענוצט די צייט כדי צו ראבירן דאָס יידישע האָב און גוטס. אין שטעטל איז געווען א שרעקלעכער כאַאָס, עס איז נישטאָ קיין מאכט און ס׳איז נישטאָ צו וועמען זיך צו ווענדן נאָך שוץ.

די יידן האָבן אָרגאניזירט א זעלבשוץ פון יידישע פיזיש־שטארקע יונגעלייט, וואָס האָבן פאטרולירט איבער די גאסן און אָפּגעהיט די יידן פון כוליגאנישע איבערפאלן. שפעטער האָבן מיר באקומען א ידיעה, אז די פוילישע כוליגאנעס גרייטן זיך צו פארברענען די יידישע הייזער, אָבער די יידן זעלבשוץ איז געשטאַ־נען אויף דער וואך.

די דייטשע אָקופּאציע אין ראָסאָש

אין א געוויסער נאכט, ווען מיר האָבן געהיט דאָס שטעטל פון כוליגאנישע איבערפאלן, זענען אריינגעקומען פיל גויים, אונטערוועלטניקעס און סתם גנבים און רוצחים, באוואָפנטע מיט הייס געווער און האָבן געעפנט א העפטיקע שיסעריי אויף די יידישע הייזער. די יידישע זעלבשוץ איז נישט געווען בכוח זיך אנט־קעשטעלן די באוואָפנטע באנדעס און מ׳האָט אָנגעהויבן צו אנטלויפן, אָבער די באנדיטן איז געלונגען צו פארהאלטן 3 יידן פון אונדזער גרופע און זיי האָבן געוואָלט זיי דערשיסן.

אין דעם מאָמענט איז אָנגעקומען א מיליטערישער אויטאָ מיט דייטשן, וועלכע זענען אָנגעקומען פון ביאלע. די דייטשן האָבן פארהאלטן די 3 יידן און האָבן זיי אויסגעפאָרשט וואָס איז דאָ פאָרגעקומען.

נאָך עטלעכע שעה זענען אין דער זעלבער נאכט אָנגעקומען דייטשע מילי־טער און געסטאפּאָ, זיי האָבן ארומגערינגלט דאָס גאנצע שטעטל פון אלע זייטן און האָבן אדורכגעפירט רעוויזיעס ביי יידן און קריסטן.

די דייטשן האָבן צונויפגענומען אלע מענער פון שטעטל: יידן און נישט יידן און מ׳האָט זיי אוועקגעפירט אין דער געגנט פון קאָשציאָל. ביי דעם קאָשציאָל האָבן זיי ווידער רעווידירט די פארהאלטענע מענטשן און נאָך א שטרענגער רעוויזיע האָבן זיי אלעמען אריינגעטריבן אין קאָשציאָל. מ׳האָט די פארהאל־טענע מענער געהאלטן א גאנצע נאכט און א גאנצן טאָג אונטער א פארשטארק־טער שמירה. ערשט פארנאכט אויפן מאָרגנדיקן טאָג האָט מען אויפגעעפנט די טירן און מ׳האָט זיי באפוילן צו קאָנצענטרירן זיך אויף דער מארקפלאַץ, וואָס איז געווען נישט ווייט פון קאָשציאָל.

אויפן מארקפלאץ האָט מען די אלע מענער אויסגעשטעלט צו 3־4 מענער אין א שורה. ארום דעם מארק האָבן די דייטשן אוועקגעשטעלט וואכפּאָסטנס מיט אויטאָמאטיש געווער. קיינער האָט נישט געקענט אריין און ארויס.

אָפּהאלטנדיק די פארהאלטענע מענער עטלעכע שעה אויפן מארקפלאַץ,

האָבן די דייטשן געבראכט דעם בירגערמייסטער פון שטעטל, וועלכן מ׳האָט פאַר־בונדן די אויגן און די הענט אויף הינטן. איינער פון די געסטאַפּאָ־לייט, א הויכער אָפיציר האָט איבערגעלייענט דעם פסק־דין: „היות ווי מ׳האָט ביי אים געפונען געווער, קומט אים טויטשטראָף״. מ׳האָט דעם בירגערמייסטער אוועקגעשטעלט ביי דער זייט פון קאָשציאָל און זיי האָבן אים דאָרט דערשאָסן.

שפּעטער האָבן די דייטשן ארויסגענומען 10 יידן און 10 פּאָליאַקן פון די אויסגעשטעלטע שורות און מ׳האָט זיי אָפּגעשטעלט אין דער זייט. איך האָב זיך געפונען צווישן די 10 יידן פון אונדזער שטעטל.

א געסטאַפּאָ־אָפיציר האָט געהאַלטן פאַר אונדז א רעדע און ער האָט אונדז שטרענג געוואָרנט, אז אויב עס וועט נאָך עפּעס פּאַרקומען אין שטעטל, וועט עס באטראכט ווערן פון דער דייטשער מאכט אלס פאַרברעכן און ס׳וועלן די 20 מענטשן דערשאָסן ווערן.

מ׳האָט אונדז אריינגעזעצט אין דייטשע אויטאָס, און מ׳האָט אונדז אוועק־געפירט קיין ביאַלע פּאָדלאַסקע, אריינגעטריבן אין די געוועזענע פּוילישע קאַ־שארן און מ׳האָט אוועקגעשטעלט א שטאַרקע שמירה.

יעדן טאָג האָבן די דייטשן ארויסגענומען די 10 יידן אויף ארבעט. די קריסטן האָבן זיי נישט גענומען אויף ארבעט. אזוי איז אריבער 5 וואָכן, ווען מיר האָבן זיך געריכט יעדן טאָג אויפן טויט.

אין א געוויסן טאָג איז אדורך א שמועה, אז די דייטשן וועלן אונדז וואַר־שיינלעך באַפרייען, כאָטש מיר האָבן נישט געוווּסט גענוי וואָס די דייטשן וועלן טאָן מיט אונדז. און ווירקלעך: מ׳האָט אונדז די 10 יידן אויסגעשטעלט אין א שורה און א געסטאַפּאָ־אָפיציר האָט איבערגעלייענט פאַר אונדז א באַפעל און געמאָלדן: „איך וואָרן אייך, אז אויב ס׳וועט נאָך עפּעס פּאַרקומען אין שטעטל, וועט איר גלייך דערשאָסן ווערן״...

דייטשן פאַרברענען ספרי־תורה אין ראָסאָש

יעדן טאָג האָט מען געכאַפּט יידן אויף ארבעט און דער וואָס האָט די ארבעט נישט דורכגעפירט בשלמות, האָט מען אים געשלאָגן מכות־רצח. אין ראָסאָש האָט זיך אָנגעהויבן פילן די נויט פון דער אָרעמער באַפעלקערונג, וואָס האָט געאַרבעט און געהונגערט.

אזוי האָט זיך די ראָסאָשער יידישע באַפעלקערונג געראַנגלט אין איר טאָג־טעגלעכן לעבן. די יידן זענען יעדן טאָג אַלץ מער פאַריאושט געוואָרן, פיזיש און מאָראַליש צעבראָכן פון טאָג־טעגלעכע שווערע ארבעט און נישט זיכערן מאָרגן.

אין איינעם א שבת, דאָס איז געווען אין דעצעמבער 1939, בין איך געזעסן

אין שטוב פארדאגהט. פלוצלינג האָבן זיך אין שטוב אריינגעריסן עטלעכע דייטשן און אונדז באפוילן ארויסגיין אין גאס. ווען מיר זענען ארויס פון שטוב, האָבן מיר געזען פיל פארזאמלטע יידן פון ראָסאָש שטייען פארדאגה׳ט און ציטערן.

מ׳האָט אונדז אוועקגעפירט צום בנין פון דער פוילישער גמינע, ווו עס איז געווען דער זאמלפלאץ פאר די יידן. די דייטשן האָבן אוועקגעשטעלט א שטארקע וואך ארום אונדז און מ׳האָט אונדז ארומגערינגלט פון אלע זייטן.

ס׳איז ארויס איינער א געסטאפאָ־אָפיציר און מיט א ווילדן חיה׳שן קול אויסגערופן: „איר פערפלוכטע יודען, איר האָט ארויסגעריסן דעם האקנקרייץ״...

מיר האָבן זיך ארומגעקוקט צווישן זיך און מיר האָבן פארשטאנען, אז די דייטשן גרייטן עפעס פאר אונדז א פראָוואָקאציע, א בלבול: ווער פון אונדז האָט געוואגט ארויסרייסן דעם האקנקרייץ? פארשטייט זיך, אז דאָס איז געווען אן אומזיסטע באשולדיקונג און א פארשטעלטער פרעטעקסט, כדי צו באשולדיקן די יידן אין סאבאָטאָזש.

ס׳האָט זיך ארויסגעוויזן, אז די דייטשן אליין האָבן אויפגעהאָנגען א פלא־קאט און אראָפגעריסן דעם האקנקרייץ, כדי צו באשולדיקן די יידן אין סאבאָ־טאזש קעגן דער דייטשער מאכט. הערשל יאָשעס האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און רופט זיך אן: „ליבער הער, מיר יידן האָבן דאָס נישט געטאָן!״...

דאָס האָט שטארק אויפגערעגט דעם הויכן געסטאפאָ־אָפיציר און ער האָט הערשלען געגעבן עטלעכע שמיץ מיט זיין שפיצרוט פאר דער „חוצפה״. און א שטארק אויפגערעגטער האָט ער אויסגעריטשעט: „שווייג, דו שמוציקער, פאר־פלוכטער יודע!״...

די דייטשן האָבן דאן ארויסגענומען 20 יידן פון דעם פארזאמלטן עולם און האָבן אויסגערופן: „איך אלע קריגט געשמיסן, ווייל איר ווילט נישט זאָגן ווער ס׳האָט אראָפגעריסן דעם האקנקרייץ״...

איינער א דייטש האָט מיט כוח אריינגענומען דעם קאָפּ פון דעם געשלאָ־גענעם יידן צווישן זיינע פיס. 2 דייטשן האָבן אים צוגעהאלטן, אז ער זאָל זיך נישט קענען רירן און יעדער איינער פון זיי האָט אים געשמיסן 10 שמיץ מיטן שפיצרוט...

ווען די דייטשן האָבן געשמיסן די יידן, האָט זיך צווישן די געשמיסענע יידן געפונען דער שטומער גרשון האליזורניקס. זיינע שטילע קרעכצן אונטער די קלעפּ פון די נאצישע סאדיסטן האָט נאָך מער וויי געטאָן ווי מ׳האָט אליין געקראָגן געשמיסן...

נאכער זענען די דייטשן אריין אין בית־המקדש, ארויסגענומען פון ארון־הקודש די ספרי־תורה, אויסגעשפרייט זיי אויפן ברוק און האָבן באפוילן די יידן

זיי זאָלן טרעטן אויף די ספרי־תורה. די דייטשן האָבן געוווּסט ווי הייליק ביי יידן זענען אונדזערע ספרי־תורה, דעריבער האָבן זיי געוואָלט טרעפן אין די סאמע הייליקסטע געפילן פון די יידן. עס איז שווער געווען זיך צו צוקוקן ווי די דייטשע בעסטיעס קוקן מיט א סאדיסטישער הנאה ווי די יידן טרעטן אויף זייערע הייליקה ספרים. שווערע מינוטן האָבן מיר איבערגעלעבט צוקוקנדיק זיך ווי די דייטשע רוצחים שענדען אונדזערע הייליקטימער.

שפעטער האָבן די דייטשן אָנגעצונדן א שטויס מיט האָלץ און האָבן אריינ־געוואָרפן די ספרי־תורה און אנדערע כתבי־קודש אין שייטער און זיי פארברענט.

ראָסאָשער יידן אויף זייער לעצטן וועג קיין טרעבלינקע

אזוי האָט זיך די ראָסאָשער יידישע באפעלקערונג געראנגלט אין איר טאָג־טעגלעכן לעבן. יעדן טאָג, יעדע וואָך און מאָנאט איז אלץ שווערער געוואָרן און דער מצב פון די יידן אין שטעטל איז געוואָרן אומדערטרעגלעך. די שווערע ארבעטס־טעג, די טרויעריקע בשורות וועגן די שחיטות אין די שטעט און שטעט־לעך. אין אונדזער געגנט, האָט אלץ מער געפרעסט אונדזערע הערצער. וואָס א טאָג ווייטער זענען די יידן אלץ פיזיש שוואכער געוואָרן. מענטשן פלעגן אויספארקויפן פון שטוב אלץ פאר א ביסל מעל, קאשע א. א.

אביגדור לייזערזאָן איז דער איינציקער לעבנגעבליבענער ראָסאָשער עדות, וואָס האָט דערציילט וועגן דעם לעצטן וועג פון די ראָסאָשער יידן קיין טרעב־לינקע. ער איז אויך דער איינציקער, וואָס קען איבערגעבן וועגן די גרוילעכע יסורים און פיין און וועגן די רציחות, וואָס די דייטשן צוזאמען מיט פוילישע פינצטערע עלעמענטן און אנדערע רוצחים האָבן אָפגעטאָן מיט די ראָסאָשער יידן אויף זייער לעצטן וועג אויף אומקום קיין טרעבלינקע.

מיין ערשטער צוזאמענטרעף מיט אביגדורן איז פאָרגעקומען אין לאָדזש אָנהייב 1945. איך בין נאָך דאמאָלסט געווען אין דער פוילישער ארמיי, וועלכע האָט זיך געגרינדעט אין ראטנפארבאנד. אונדזער מיליטערישע אָפטיילונג איז מיט שווערע קאמפן אריינגעטראָטן אויף דער פוילישער טעריטאָריע ערשט אין סעפטעמבער 1944 און זי האָט סטאציאָנירט עטלעכע וואָכן אין לובלינער געגנט. צוערשט אין מיידאנעק, לובארטאָוו, זאמאָשץ און אין אנדערע שטעט און שטעטלעך פון דער באפרייטער פוילישער טעריטאָריע.

נאָך דער לעצטער אָפענסיווע פון דער רויטער ארמיי אויף דער פוילישער טעריטאָריע איז אונדזער מיליטערישע אָפטיילונג אריין קיין לאָדזש און דאָרט האָב איך זיך באפרייט פון פוילישן מיליטער ערשט נאָכן סוף פון דער מלחמה.

א שטיקל צייט בין איך פארבליבן אין לאָדזש און נאָכער בין איך אוועק־געפאָרן אין לובלינער געגנט, ווו עס האָבן זיך קאָנצענטרירט די שארית־הפליטה.

אין לובלין האָבן זיך געגרינדעט יידישע קאָמיטעטן און די יידן האָבן אָנגעהויבן צו בויען א נייעם לעבן אין קאָמוניסטישן פוילן.

גלייך נאָך דעם ווי מיינע פיס זענען ארויפגעטראָטן אויף דער פוילישער טעריטאָריע, האָב איך געוואָלט שטארק זיך דערוויסן וועגן גורל פון מיין משפחה, ווי זיי זענען אומגעקומען.

איך האָב גלייך אָנגעשריבן א בריוו צו אונדזער פוילישן שכן מיט וועמען איך האָב געהאט גוטע באציונגען פאר דער מלחמה. איך האָב אים געבעטן, אז ער זאָל מיר אָנשרייבן אויספירלעך אויב ער ווייס עפעס ווי אזוי מיין משפחה איז אומגעקומען און צי אימעצער פון מיין משפחה איז געבליבן לעבן.

אביגדור לייזערזאָן, וואָס איז שוין דאמאָלסט באפרייט געוואָרן פון זיין לעבעדיקן קבר, האָט זיך געפונען אין ביאַליסטאָק. ער האָט זיך דערוווּסט פון מיין בריוו צו מיין פוילישן שכן, אז איך לעב און געפין זיך אין לאָדזש.

אביגדור איז באלד געקומען קיין לאָדזש און ער האָט מיך דאָרט אָפּגע־זוכט. אונדזער באגעגעניש איז געווען א הארציקע און צוגלייך אן אויפטרייס־לענדיקע, וואָס איך וועל דאָס קיינמאָל נישט פארגעסן.

פארשטייט זיך, אז האָבנדיק פאר זיך אזא עדות, האָב איך אים געבעטן ער זאָל מיר אויספירלעך דערציילן וועגן לעצטן עטאפ פון די ראָסאָשער יידן. אביגדור האָט מיר אויספירלעך דערציילט וועגן די רציחות און מאָרדן פון אונדזערע נאָענטסטע און טייערסטע, וועלכע זענען אומגעקומען על קידוש־השם פון די הענט פון די נאצישע רוצחים.

אביגדור האָט מיר אויך איבערגעגעבן גענויע פרטים ווי אזוי און ווען די דייטשן האָבן דערמאָרדעט מיין מאמע העניעלע ז״ל. ער האָט מיר אויך דער־ציילט, אז דעם זעלבן טאָג ווען די מערדער האָבן דערמאָרדעט מיין מאמען, האָבן זיי אויך דערמאָרדעט די מאמע פון בונים מאָטעלס־גיטעלע ז״ל.

און אָט וואָס אביגדור האָט מיר דערציילט:

...„דאָס איז געווען פסח 1942. די דייטשן זענען אריינגעקומען אין אונדזער שטוב און האָבן געזוכט מיין ברודער יונה ז״ל און זיי האָבן גלייך געפרעגט מיין מאמע: „ווו איז דיין זון יונה!״...

...מיין מאמע האָט זיי געענטפערט, אז זי ווייסט נישט ווו איר זון געפינט זיך. די דייטשן זענען אויפגערעגט געוואָרן פון אזא חוצפהדיקן ענטפער און האָבן אין איר אריינגעשאָסן עטלעכע קוילן און זי שטארק פארוווּנדעט.

...א שווער גוססדיקע איז זי געלעגן אין גסיסה־קראמפן עטלעכע שעה אויף דער ערד און די רוצחים האָבן נישט דערלויבט מ׳זאָל איר געבן א טרונק וואסער, און אזוי האָט זי אויסגעהויכט איר ריינע נשמה״.

...דעם זעלבן טאָג, ווען די דייטשן האָבן דערשאָסן מיין מאמע, האָט זיך מיר געחלומט א שווערער חלום, אז מיין מאמע איז געשטאָרבן. איך האָב זיך דאן געפונען אין קאזאכסטאן און געארבעט אין א קאָלכאָז.

...איך מיט מיין קוזין פנחס ניישטיין זענען געגאנגען קיין טאשקענט, וואָס איז געווען ווייט פון מיין קאָלכאָז א 120 ק״מ. גייענדיק אויפן לאנגן וועג, האָבן מיר געגעכטיקט אין דרויסן. איך בין געווען שטארק מיד און בין איינגעשלאָפן. אין חלום האָב איך געוויינט, געשריען מיט ווילדע קולות און זיך געוואָרפן אין האליצונאציעס. א קאלטער שווייס האָט באדעקט מיין גאנצן קערפער.

מיין גאנצער קערפער האָט זיך געציטערט פון נערוועזיטעט און אויפרעגונג. מיין קוזין האָט מיך א פרעג געטאָן: בונים, וואָס ווייסטו עפעס איז מיט דיר נישט אין אָרדענונג? איך האָב אים געענטפערט, אז איך האָב געחלומט א שווערן חלום, אז מיין מאמע איז געשטאָרבן.

דאָס איז געווען דער זעלבער טאָג, ווען אביגדור האָט מיר איבערגעגעבן די שרעקלעכע בשורה, אז מיין מאמע לעבט שוין נישט...

די דייטשן האָבן אויך דערמאָרדעט מיין קלענערן ברודער שמעון, וואָס איז אלט געווען 15 יאָר. ער האָט זיך אויסבאהאלטן ביי א פויער, נאָך דעם ווי מ׳האָט אלע ראָסאָשער יידן און די יידן פון דער ראָסאָשער געגנט דערמאָרדעט.

די ראָסאָשער שקצים האָבן אים געפונען אין זיין באהעלטעניש און זיי האָבן אים באלד איבערגעגעבן צו די דייטשן. נאָך א גרינטלעכער אויספאָרשונג האָבן זיי אים דערשאָסן.

דאָס זענען געווען די ערשטע ידיעות וועגן דעם אומקום פון מיין משפחה, דערציילט פון א באגלויבטן עדות אביגדור׳.

וועגן זיך און וועגן זיין סכנותפולן וועג אין דער צייט פון דער שואה און ווי אזוי ער האָט זיך געראטעוועט פון טויט, האָט מיר אביגדור דערציילט אויס־פירלעך בעת אונדזער באגעגעניש אין לאָדזש און אָט וואָס ער האָט מיר דערציילט:

...„דאָס איז געווען סוף 1942. די דייטשן האָבן גענומען קאָנצענטרירן די אלע לעבנגעבליבענע יידן פון אונדזער געגנט אין מעזריטשער געטאָ און צווישן זיי אויך די לעצטע יידן פון ראָסאָש.

...די דייטשן האָבן זיך גוט צוגעגרייט צו דער אויסראָטונג־אקציע. זיי האָבן באצייטנס מאָביליזירט די פוילישע פויערים פון די דערפער און יעדן פויער האָבן זיי באפוילן ער זאָל זיך צושטעלן מיט זיין פערד און וואָגן אויפן באשטימטן זאמלפלאץ.

...ווען די דייטשן האָבן שוין קאָנצענטרירט אלע יידן, איז געקומען א באפעל,

אז דער גאנצער אַבאַז מיט די יידן זאָל אָפּפאָרן קיין מעזריטש און זיי איבער־לאָזן אין מעזריטשער געטאָ.

...אויף דעם וואָגן האָבן זיך געפונען מיין טאטע און מיין שוועגערין מלכה מיט אירע 4 קינדער. פלוצלינג האָט זיך צעבראָכן א ראָד. די דייטשן האָבן באפוילן די יידן אראָפּגיין פונעם וואָגן און זיי האָבן באלד אויפן אָרט זיי דער־שאָסן. דער אָרט פון זייער מאָרד איז געווען נישט ווייט פון ביאלע״.

אין 1944, נאָך דער באפרייונג, ווען אביגדור מיט נאָך עטלעכע אָפּגעראַ־טעוועטע פון דעם חורבן — יידן פון ביאלע און פון דער ביאלער געגנט, האָבן זיך אומגעקערט קיין ביאלע, האָבן זיי זיך דערוווּסט פון די פויערים וועגן דער צעשיסונג פון די יידן און ווו זיי זענען באגראָבן געוואָרן.

זיי האָבן אויפגעגראָבן דעם ברודער־קבר און אדורכגעפירט אן עקסהומא־ציע פון זייערע ביינער און זיי געבראכט צו קבורה אויפן ביאלער בית־עולם.

אביגדור האָט מיר אויך איבערגעגעבן גענויע פרטים וועגן זיין שפּרינגען פון דעם צוג, וואָס האָט געפירט די יידן אויף טויט קיין טרעבלינקע.

...„ווען פיל יידן זענען שוין געווען קאָנצענטרירט אין מעזריטשער געטאָ, איז דאָרט די ענגשאפט געווען זייער גרויס, ווייל די מערדער האָבן דאָרט צונויפ־געטריבן טויזנטער יידן פון דער ארומיקער געגנט, כדי אָפּצוטראנספּאָרטירן זיי קיין טרעבלינקע.

...די דייטשן האָבן ארויסגעטריבן די יידן פון מעזריטשער געטאָ, אריינגע־זעצט זיי אין לאסט־וואגאנען, אין וועלכע מ׳האָט אויסגעשאָטן וואפנע. די וואפנע האָט געגעסן די לונגען, די אויגן, עס איז נישט געווען קיין לופט. מענטשן האָבן זיך אָנגעהויבן צו שטיקן, עס איז נישט געווען קיין טראָפּן וואסער מיט וואָס צו באנעצן די ליפּן, דער דורשט האָט געמאטערט אומברחמנותדיק. פיל יידן, שוין אויסגעמוטשעטע פון אלע ליידן, זענען געשטאָרבן אין וואגאָן פון פעלן לופט און וואסער״...

...אויך אביגדור מיט זיין פרוי פייגע און זייערע קינדער האָבן זיך געפונען אין דעם לאסט־וואגאָן. פאר קיינעם איז נישט געווען קיין ספק, אז מען פירט די יידן אויף טויט, אָבער מ׳האָט זיך געפונען ווי אין א שטייג. עס איז קיין שום מעגלעכקייט נישט געווען צו אנטלויפן.

...עס איז אדורך א קלאנג אין צוג, אז מען פירט אלע יידן קיין טרעבלינקע און וואָס טרעבלינקע האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט, האָבן שוין די יידן געוווּסט. די קינדער און באזונדערס די קלענערע פון זיי האָבן זיך געשטיקט פון פעלן לופט און וואסער. דער דורשט האָט געדריקט נאָך מער שווערער ווי דער הונגער. די קינדער האָבן געוויינט, געקלאפּט מיט זייערע הענטלעך אין די ווענט פון

וואגאָן, געשריען, געיאָמערט, געבעטן וואסער, אָבער ווו נעמט מען וואסער אין א לאסט־וואגאָן ?

נישט קענענדיק זיך צוקוקן צו די יסורים פון זיינע קינדער און פון זיין פרוי, האָט ער באשלאָסן צו שפרינגען פון דעם לויפנדיקן צוג. ער האָט אויפגעריסן דאָס פענצטערל פון לאסט־וואגאָן. ער האָט זיך אויפגעהויבן אויבן צו דעם פענצטער מיט דער הילף פון נאָך יידן אין וואגאָן, ער האָט ארויסגעשטעקט זיין קערפּער פון דעם פענצטערל און איז געשפּרונגען פון דעם לויפנדיקן צוג.

צום גליק האָט ער זיך לייכט צעקלאפּט און ער איז געבליבן ליגן אָן אָנמאכט אויף דער ערד. ליגנדיק האָט ער אָבסערווירט ווי דער צוג דערווייטערט זיך שנעל אין זיין לויף, פירנדיק טויזנטער יידן צום טויט קיין טרעבלינקע.

ווען ער איז געקומען צו זיך, האָט ער נאָר געפילט שטארקע ווייטאָגן אין קאָפּ און אין גאנצן קערפּער. אָבער ער האָט נישט געוווּסט ווו ער געפינט זיך. און אזוי ליגנדיק האָט ער מורא געהאט, אז ווער פון די מענטשן פון דער סביבה וועט אים באמערקן און אים באלד איבערגעבן צו די דייטשן. אזוי ליגנדיק אויף דער ערד, האָט ער געזען פון ווייטן א פויער אין פעלד. ער האָט זיך געשלאָגן מיט דער דעה : וואָס טוט מען ? ער וועט דאָ אויסגיין פון הונגער און פון דורשט. און ער האָט באשלאָסן זיך ווענדן צום פויער, ער זאָל אים ארויסהעלפן פון זיין נויט.

דער פויער האָט אויף אים געמאכט א גוטן איינדרוק, יעדנפאלס האָט ער אין אים נישט געזען קיין מערדער, אָבער קיין אנדערע ברירה האָט ער נישט געהאט. אפשר פון דעם פויער וועט קומען זיין ישועה. אפשר איז נאָך די וועלט נישט אזוי מערדעריש.

ער האָט דעם פויער דערציילט וועגן זיינע איבערלעבונגען און באזונדערס וועגן זיין דעציזיע צו שפרינגען פון צוג. ער איז געווען שטארק פארצווייפלט און ער האָט געזען אין דעם פויער די איינציקע האָפענונג.

דער פויער איז, ווייזט אויס, נישט געווען צעפרעסן פון דעם אנטיסעמיטישן גיפט. ער האָט אים אויפמערקזאם אויסגעהערט, און א געפיל פון רחמנות האָט זיך ביי אים דערוועקט צו אביגדורן. ער האָט ארויסגענומען פון דער טאָרבע א שטיקל ברויט און געגעבן אביגדורן וואסער צו טרינקען.

דער פויער האָט אביגדורן געזאָגט, אז ער געפינט זיך נישט ווייט פון שעד־לעץ, און אז אויף די פעלדער דרייען זיך ארום נישט ווייניק באנדיטן, און אויב זיי וועלן אים דאָ געפינען וועט מען איך גלייך דערמאָרדן.

דער פויער האָט אים געראטן, אז ער זאָל זיך וואָס שנעלער דערווייטערן פון דאנען, אומעטום שווימבלט מיט דייטשן און באזונדערס היטן זיי די אייזנבאַן־וועג, ווייל זיי האָבן מורא פאר פארטיזאנישע דיווערסיע־אקטן.

אביגדור האָט נישט געהאַט קיין ברירה און ער איז אוועק אין דעם נאָענטן וואלד און א מידער איז ער געפאַלן אויף דער ערד. זיין קערפּער האָט אים ווי גע־טאָן פון די ווונדן ווען ער איז געפאַלן אויף דער ערד פון דעם לויפנדיקן צוג. און אזוי א מידער איז ער איינגעשלאָפן אין א טיפן שלאָף.

ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און ער האָט זיך אביסל אויס־גערוט, האָט ער פאַרשטאַנען, אז לאנג זיין אין וואלד איז נישט קיין תכלית. סוף־כל־סוף וועלן אים די פויערים אָדער דייטשן כאַפּן דאָ. און ווי לאַנג קען מען ליגן אין וואלד אָן עסן און אָן וואסער? ער האָט באַשלאָסן, וואָס עס זאָל נישט זיין זאָל זיין, און ער מוז זיך וואָס שנעלער דערווייטערן פון דאַנען און נעמען דעם וועג קיין ראַסאַש, דאָרט ווו אַלע קריסטן קענען אים, און אפשר וועלן זיי אים העלפן אין זיין שווערער לאַגע. די דאָזיקע פויערים פלעגן דאָך פאַר דער מלחמה קומען צו אים מאַכן בוימל און רייניקן וואָל. אביגדור האָט געהאָפט, אז אפשר וועט זיך אָפּרופן אין זיי דאָס מענטשלעכע געפיל, זיך מרחם זיין אויף אים און אים אויסבאַהאַלטן ביז די רוסן וועלן קומען אהער.

און אזוי פאַרטראַכטנדיק זיך טיף אין זיין אומגליקלעכער לאַגע, האָט ער געוואַנדערט דורך וועגן, פעלדער און וועלדער, דערנערנדיק זיך מיט געוויקסן אין וואלד. יעדעס שאָרך פון א מענטש האָט אים אויפגעעציטערט. טייל מאָל האָט ער געזען פון דער ווייטנס גייען פויערים און דייטשן. דאַן איז ער צוגעפאַלן צו דער ערד, געלעגן שטיל און נישט ארויסגעגעבן קיין שום סימנים פון א לעבע־דיקן מענטשן.

ער איז געווען זייער מיד, אָפּגעשלאָפט, דער הונגער האָט אים געמאַטערט און ער האָט קוים געשלעפּט די פיס. און אזוי האָט ער זיך מיט אַלע כוחות דער־שלעפּט קיין ראַסאַש. דאָס איז געווען חנוכה־צייט. אין דרויסן איז געפאַלן א שניי און דער פראָסט האָט געברענט.

דאָס אָנקומען ביינאכט קיין ראַסאַש האָט ביי אים ארויסגערופן פילע זכרו־נות, אַסאָציאַציעס. די ערשטע פראַגע איז ביי אים געווען: צו וועמען אריינגיין? צו וועמען אָנקלאַפּן אין טיר? צי וועט מען אים עפענען און אריינלאָזן אין א שטוב. און אויב יאָ, צי וועט זיך געפינען ווער פון זיינע פוילישע פריינד וועלכע וועלן מסכים זיין אים אויסבאַהאַלטן? אביגדור האָט מורא געהאַט פאַר יעדן שאָטן, אפשר וועט מען אים ווער באַמערקן, ווען ער האָט זיך באַוויזן אין שטעטל. און ביי גויים איז דאָך נישטאָ קיין סודות. וועגן זיין קומען אין ראַסאַש וועט זיך דערוויסן די פּאָליציי און דאַן איז דער טויט אומפאַרמיידלעך...

אָבער ער האָט דאָך געהאָפט, אז דאָ אין ראַסאַש ווו ער האָט געלעבט א גאַנצן לעבן און אַלע קענען אים וועט זיך אפשר געפינען אַן אויסנאַם, א גוי און וועט אים אויסשטרעקן א האַנט און אים ארויסהעלפן אין זיין נויט.

צווערשט האָט ער באַשלאָסן צו קומען אין זיין שטוב, אפשר וועט ער דאָרט געפינען א שטיקל ברויט. ער איז שפּעט ביינאַכט צוגעקומען צו זיין שטוב און א קוואַל פון טרערן האָבן געפלייצט פון זיינע אויגן. דאָס הויז איז פוסט און וויסט. די פּאַליאַקן האָבן אַלץ צעראַבירט...

אביגדור באַשליסט, אַז ער מוז וואָס פריער אַוועקגיין פון זיין שטוב, איידער ס׳וועט אָנהייבן צו טאָגן. ער איז אַרויס אויפן וועג וואָס פירט קיין ווישניץ. פאַר־בייגייענדיק דאָס שטעטל איז ער צוגעגאַנגען צום יידישן בית־עולם און ער איז דאָרט פאַרבליבן ליגן א גאַנצן טאָג נעבן א קבר. אָבער ווי לאַנג קען מען ליגן אָן עסן און אָן וואַסער? דער הונגער האָט אים שטאַרק געמאַטערט און חוץ דעם איז דאָך ווינטער און ער איז אָנגעטאָן אין א לייכטן בגד, וועט ער פאַרפרוירן ווערן. די נעכט זענען באַזונדערס געווען זייער קאַלטע. ער האָט זיך אָנגעהויבן צו באַוועגן כדי נישט פאַרפרוירן צו ווערן.

אביגדור האָט געטראַכט, אַז א יידישער בית־עולם ציט נישט צו קיין פאַר־בייגייער. דאָ איז שטיל, אָבער דאָ וועט ער אויסגיין פון הונגער, און ער האָט זיך געלאָזט אין וועג.

ווען ס׳איז גוט פינצטער געוואָרן, האָט ער דערזען פון דערווייטנס ליכט אין א פויערישער כאַטע. ער האָט זיך דערנענטערט צו דער שטוב, וואָס האָט זיך געפונען נישט ווייט פון וואַלד און ער האָט פאָרזיכטיק און אומזיכער אָנגעקלאַפּט אין פענצטער.

א פויער האָט געעפנט די טיר און דערזעענדיק אביגדורן א פּאַרוואַקסענעם און א שמוציקן, האָט ער ספּאָנטאַן אויסגעשריען: „אוי, א זשיד!״...

אביגדור האָט אים דערקענט און ער האָט ספּאָנטאַן אויסגערופן: „יאַנעק, איך בין אביגדור — דו דערקענסט מיך נישט?״...

יאַנעק האָט זיך דערנענטערט צו אים און ער האָט אים באַלד דערקענט.

— דו ביסט אביגדור?

— יאָ, איך בין אביגדור — האָט ער זיך אָנגערופן.

— קום אַריין אין שטוב און וואַרעם זיך אָן, דו וועסט דאָך פאַרפרוירן ווערן אין דרויסן, האָט יאַנעק געזאָגט.

אין שטוב איז געווען וואַרעם און ליכטיק. אויפן טיש זענען נאָך געשטאַנען פאַרשיידענע מאכלים, וואָס זענען איבערגעבליבן פון דעם אָוונטברויט. יאַנעק האָט צוגערופן זיין פרוי און ער האָט זי געבעטן אַוועקשטעלן אויפן טיש בראָנפן, פלייש, געבעקס. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז געווען די נאַכט פון קריסטלעכן „קאַלענדע״ — א גרויסער קריסטלעכער יום־טוב.

יאַנעק האָט אים מכבד געווען מכל טוב. צוזאַמען האָבן זיי אויסגעטרונקען עטלעכע כוסות בראָנפן. אביגדור האָט געגעסן און געגעסן און נישט געקענט

זיך אָנזעטיקן. אביגדור האָט יאנעקן דערציילט וועגן זיינע לעצטע איבערלע־בונגען און דער עיקר ווי אזוי ער איז אנטלאָפן פון דעם לויפנדיקן צוג, וואָס האָט געפירט די יידן צום טויט קיין טרעבלינקע און צווישן זיי אויך זיין משפחה.

יאנעק האָט אויסגעהערט אביגדורס דערציילטע פעריפעטיעס מיט גרויס אינטערעס. דאָ און דאָרט האָט ער געשטעלט פראגן וועגן דעם גורל פון די ראָסאָשער יידן און פון אנדערע באקאנטע. אָבער אביגדור האָט נישט געהאט קיין גרויסן צוטרוי צו יאנעקן, ווייל פון זיין בימערער דערפארונג האָט ער געוווּסט, אז ווען א פויער גיט א שטיקל ברויט א יידן, הייסט ער אים פארלאָזן תיכף זיין שטוב, כדי קיינער זאָל נישט באמערקן, אז ער האָט געגעבן א שטיקל ברויט א יידן. די דייטשן האָבן שטרענג געוואָרנט די פויערים, אז אויב זיי וועלן זיך דערוויסן, אז א פויער האָט אריינגעלאָזט א יידן אין זיין שטוב, וועט ער באלד דערשאָסן ווערן צוזאמען מיט זיין משפחה.

נאָכן אָפעסן דעם אָוונטברויט און נאָכן אויסרוען זיך, האָט אביגדור אים הארצלעך באדאנקט פאר זיין גוטן קבלת־פנים און ער האָט זיך געלאָזט צום ארויסגאנג. יאנעק האָט אים אָבער באלד פארהאלטן און געזאָגט:

— ווהין וועסטו גיין אין אזא פינצטערער נאכט, דו וועסט דאָך פארפרוירן ווערן... בלייב ביי מיר אין שטוב און איך וועל זען וואָס איך קען טאָן פאר דיר.

יאנעק האָט אביגדורן איבערגעלאָזט ביי זיך אין שטוב און ער האָט געבעטן זיין פרוי זי זאָל אויסבעטן א געלעגער פאר אביגדורן.

ליגנדיק אויפן געלעגער האָט אביגדור פאָרגעזעצט זיין דערציילן וועגן גורל פון די ראָסאָשער יידן, וועלכע יאנעק האָט אלעמען אָן אויסנאם געקענט. ער איז שטארק געווען גערירט פון אביגדורס דערציילן און ער האָט פארשטאנען, אז אויב ער וועט אביגדורן נישט ראטעווען, איז זיין גורל געחתמעט, ער וועט אומקומען. יאנעק האָט זיך גוט אָפגעגעבן א דין וחשבון וואָס אים דערוואַרט, אויב די דייטשן וועלן זיך דערוויסן, אז ער באהאַלט א יידן אין זיין שטוב. ער איז געווען אין א שווערער דילעמע: ער האָט געוואָלט פאר יעדן פרייז ראטע־ווען אביגדורן פון אומקום אָבער די סכנה וואָס איז מיט דעם פארבונדן איז גרויס. ער האָט זיך באראטן מיט זיין פרוי און זי איז מסכים געווען. באקומענדיק איר הסכמה, האָט יאנעק אוועקגעפירט אביגדורן אין שטאל און אים געזאָגט, אז ער וועט דאָ צוגרייטן פאר אים א באהעלטעניש.

יאנעק האָט, דרך אגב, דערציילט אביגדורן, אז ס'האָט זיך אים געחלומט א חלום, אז אן אלטער ייד מיט א ווייסער בארד איז געקומען צו אים אין שטוב און ער האָט אים געבעטן, אז ער זאָל אויסבאהאלטן אביגדורן ביזן סוף פון דער מלחמה. דאָס איז געווען א רמז, אָדער אפשר א געבעט, אז ער מוז אויסבא־האלטן אביגדורן.

יאנעק האָט געמאַכט א באהעלטעניש אין שטאַל, דאָרט ווו די בהמות זענען געשטאַנען. ער האָט אויסגערייניקט אַן אָרט אין די מיסט, אויסגעגראָבן א גרוב, ארומגעלייגט די גרוב פון אלע זייטן מיט שטרוי און אויבן פאַרדעקט מיט ברע־טער. די ברעטער האָט ער באַדעקט מיט מיסט, איבערלאָזנדיק לעכער, פאַר לופט און ליכט. די באהעלטעניש איז געווען גוט פאַרמאַסקירט.

ווען די באהעלטעניש איז געוואָרן פאַרטיק, האָט יאנעק אריינגעפירט אביג־דורן אין שטאַל און מיט א שמייכל געזאָגט:

— אביגדור, דאָ וועסטו לעבן. מיר וועלן דיר ברענגען יעדן טאָג עסן און וואַסער און איך האָף, אַז דו וועסט דאָ פאַרבלייבן ביז דער באַפרייונג.

יאנעק האָט צונויפגערופן זיינע קינדער און אויך זיין פאַרעבאַק, וועלכער האָט ביי אים געאַרבעט און ער האָט זיי געוואָרנט, אַז חס וחלילה זיי זאָלן קיינעם וועגן דעם נישט דערציילן, ווייל אַנדערש וועלן אלע דערשאָסן ווערן. קיינער טאָר נישט וויסן, אַז אין שטאַל ביי די בהמות באַהאַלט זיך אויס א ייד...

יאנעק, ווי אלע פויערים האָט ליב געהאַט צו טרינקען א גלעזל בראָנפן און אביגדור האָט מורא געהאַט, אַז ווען יאנעק וועט זיין בגילופין, קען ער זיך חלילה ארויסרעדן מיט אַן איבעריקן וואָרט. אָבער יאנעק האָט פאַרשטאַנען אביגדורס כוונה און ער האָט אים געזאָגט:

— אביגדור, האָב נישט מורא, פון היינט אָן האָב איך באַשלאָסן אויפהערן צו טרינקען בראָנפן, וויסנדיק, אַז מיט דעם קען איך ברענגען אַן אומגליק אויף זיך, אויף דיר און אויף מיין גאַנצער משפחה. איך זאָג דיר צו, אַז פון היינט אָן, וועל איך זיין ניכטער...

ס׳זענען אַוועק וואָכן און חדשים. אביגדור איז געלעגן באַהאַלטן אין זיין גרוב אין שטאַל. יאנעק און זיין פרוי פלעגן אים פון צייט צו צייט אריינרופן ביינאַכט אין שטוב און דאַן פלעגט זיך אביגדור ארומוואַשן, אָפּראַזירן. און פאַר דעם איז ער געווען זייער דאַנקבאַר דעם איבערגעגעבענעם יאנעקן און זיין פרוי.

אָבער פון שטענדיקן ליגן אָן באַוועגונג, האָט ער געשפּירט, אַז זיינע פיס ווערן ביי אים ווי פאַרשטיינערט און ביי יעדער באַוועגונג האָט ער געפילט ווי נאָדלען שטעכן אים די פיס. חוץ דעם האָט אביגדור אָנגעהויבן צו ליידן אויף בלינדקייט, זיין ראיה איז שטאַרק אָפּגעשוואַכט געוואָרן און ער האָט פאַרשטאַ־נען, אַז אויב ער וועט ליגן אין דער גרוב נאָך א שטיקל צייט, וועט ער עס נישט קענען אויסהאַלטן און נאָר דער טויט וועט אים באַפרייען פון זיינע ליידן...

אין א געוויסן טאָג, ווען יאנעק האָט אים געבראַכט עסן ווי געוויינלעך, האָט זיך אביגדור אָנגערופן צו יאנעקן:

— יאנעק, איך קען שוין מער נישט איבערטראָגן מיינע ליידן, איך שפּיר,

אז מיין גאנצער קערפּער איז ווי פאַרשטיינערט געוואָרן, איך ווער בלינד. איך ווייס נישט ווי לאַנג איך וועל נאָך קענען ליגן דאָ אין גרוב. טו מיר די לעצטע טובה, גיי אין שטעטל, אפשר וועסטו געפינען א טלית אין א יידיש הויז און ברענג מיר דעם טלית. און דאַן זייענדיק פאַרוויקלט אין דעם טלית, שיס מיך און באַגראָב מיך אויפן יידישן בית־עלמין...

יאנעק איז שטאַרק גערירט געוואָרן פון דעם וואָס ער האָט נאָר וואָס געהערט פון אביגדורן. ער האָט א רגע נישט געקאָנט באַגרייפן וואָס אביגדור וויל פון אים. און ער האָט זיך זיך אָנגערופן צו אביגדורן:

— דו האָסט שוין מער געליטן, לאַנג וועסטו דאָ נישט ליגן, די באַפרייונג איז נאָענט. די מלחמה גייט צו ענדע. די דייטשן ליידן שווערע פאַרלוסטן אויף די פראָנטן. די רוסישע ארמיי גייט פאָרויס און עס איז דיר נישט כדאי צו פאַרענדיקן דיין לעבן ווי דו ווילסט. נאָך אלעמען ליידסטו נישט קיין הונגער ביי מיר. און דו און איך מיט מיין משפחה זענען מיר אין דער זעלבער סכנה. לייד נאָך אביסל, עס וועט שוין לאַנג נישט געדויערן... נאָך אביסל און דו וועסט אויסגעלייזט ווערן פון דער סכנה...

יאנעקס האַרציקע ווערטער האָבן אביגדורן שטאַרק גערירט, ער האָט פאַר־שטאַנען, אז יאנעק רעדט צו זיין געוויסן און אז ער זעט אין ראַטעווען א מענטשן פון טויט א העראָישן טאַט און צוגלייך מיט דעם אויך א געוויסע מיסיע פון גאָט, נאָך אלעמען איז יאנעק געווען א גלויביקער קריסט און ער האָט געזען אין דעם גאָטס ווילן...

אביגדור האָט זיך באַרואיקט און ער האָט ווידער אנאַליזירט זיין לאַגע. אויב אים איז געלונגען צו שפּרינגען פון א לויפנדיקן צוג און איז געבליבן לעבן און ער האָט זיך אָנגעטראָפן אויף אזא יידנפריינד ווי יאנעק, וואָס שטעלט זיין לעבן אין סכנה, מוז ער אָנגורטן אלע זיינע כוחות און דערלעבן ביז דער באַפרייונג.

ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט און די רוסישע ארמיי האָט זיך דערנענטערט צו שעדלעץ. עס איז שוין געווען א פראַגע פון טעג און ער וועט באַפרייט ווערן. די רויטע ארמיי האָט יעדן טאָג באַפרייט פרישע שטעט און שטעטלעך אויף דער פוילישער טעריטאָריע און באַפרייענדיק דעם מזרחדיקן טייל פון פוילן, האָט זיך די רויטע ארמיי פאַרהאַלטן ביי פּראַגע לעבן וואַרשע. אביגדור איז באַפרייט געוואָרן פון זיין לעבעדיקן קבר...

נאָך דער באַפרייונג איז אביגדור נאָך געווען א שטיקל צייט ביי יאנעקן אין שטוב ביז ער איז געקומען צו די כוחות. ער האָט יאנעקן און זיין פרוי האַרצלעך באַדאַנקט פאַר אלץ וואָס זיי האָט געטאָן פאַר אים און ער האָט זיי

צוגעזאָגט, אז ער וועט זיי קיינמאָל נישט פארגעסן, וואָס זיי האָבן געטאָן פאר אים אין די שווערסטע טעג פון זיין לעבן.

אביגדור איז שפעטער אוועק קיין ביאלע, ווו ער האָט זיך געטראָפן מיט אייניקע ביאלער יידן, וואָס זענען ארויס פון די וועלדער און אויך אזעלכע, וועלכע האָבן זיך אויסבאהאלטן אזוי ווי ער אין באהעלטענישן ביי פויערים.

שפעטער האָבן זיך אָנגעהויבן צונויפזאמלען אין ביאלע יידן געראטע־וועטע פון טויט. און דאָס ביסל יידן האָבן אָנגעהויבן א לעבן פון דאָס ניי אָבער א לעבן אָן יידן. מיט דער צייט האָבן זיך שוין קאָנצענטרירט אין ביאלע אויך יידן געראטעוועטע פון די ארומיקע שטעטלעך.

די שארית־הפליטה פון ביאלע און פון דער ביאלער געגנט האָבן אָפגע־פונען די קברים פון די דערמאָרדעטע יידן, וועלכע זענען געווען צעשפרייט אין פארשיידענע ערטער אין ביאלע און אין דער סביבה. זיי האָבן אדורכגע־פירט אן עקסהומאציע פון די ביינער פון די דערמאָרדעטע יידן און האָבן זיי געבראכט צו קבורת ישראל אויפן יידישן בית־הקברות אין ביאלע. אויך די עצמות פון מיין טאטן און פון מיין שוועגערין מלכה מיט אירע קינדער זענען דאן געבראכט געוואָרן צו קבורה אויפן ביאלער בית־הקברות.

אביגדור איז פארבליבן אין ביאלע כמעט א יאָר. זיין רעטער יאנעק קוז־מינסקי פלעגט אים אָפט באזוכן אין ביאלע און זייער פריינדשאפט האָט זיך נאָך מער פארשטארקט. ביים סוף פון דער מלחמה, ווען איך בין באפרייט געוואָרן פון פוילישן מיליטער, האָב איך עטלעכע מאָל באזוכט אביגדורן און זיך אויך געטראָפן מיט זיין רעטער מיט יאנעקן.

בעת אונדזערע באגעגענישן בין איך געווען טיף גערירט פון יאנעקס מעשים־טובים בעת דער פינצטערער צייט פון דער דייטשער אָקופאציע און באזונדערס וואָס ער האָט געראטעוועט אביגדורן פון אומקום. איך האָב באשיינפערלעך געפילט, אז איך טרעף זיך מיט אן אמתן יידנפריינד, א חסיד אומות העולם.

איך האָב געפרווּוט זיך דערוויסן פון יאנעקן וועגן גורל פון די ראָסאָשער יידן, ביז וואנען מען האָט זיי געפירט צום טויט קיין טרעבלינקע. בעת אונדזערע לאַנגע שמועסן, האָב איך געפילט, אז יאנעק איז זייער איינגעהאלטן צו דער־ציילן איינצלהייטן פון די פארברעכערישע מעשים פון די פינצטערע פוילישע עלעמענטן, וועלכע האָבן צוגעלייגט א האנט אין אומברענגען די ראָסאָשער יידן.

יאנעק קוזמינסקי לעבט שוין נישט. ער איז געשטאָרבן מיט עטלעכע יאָרן צוריק. ס׳איז ווינשנסווערט, אז די ראָסאָשער לאנדסלייט צוזאמען מיט אביגדורן זאָלן פאראייביקן זיין אָנדענק אלס חסיד אומות העולם און פלאנצן א בוים אין דער אלייע פון די חסידי אומות העולם אין יד ושם אין ירושלים.

יִזְכּוֹר

תהיינה דמויותיהם
הקדושות והטהורות
של יקירינו חקוקות
בליבותינו וצרורות
עם הנשמות של כל
קדושי ישראל
שנרצחו בשואה
ושמותיהם יאירו
לנו את הדרך
לגאולה השלמה

✶

יזכור עם ישראל את מליוני בניו ובנותיו, שנטבחו ונשרפו ונחנקו והורעלו ונתלו ונקברו חיים — אבות על בנים, אמהות על עולליהן. זקן ונער וטף — בכל אשר היתה יד הצורר.


יזכור העם את בניו נושאי המרד והמלחמה באויב — את לוחמי הגיטאות אנשי הארגון היהודי הלוחם... את מאות הלוחמים יקירי הנפש ועלומי השם שקמו לעורר נואשים לגבורה, עמדו מעטים בלהבות הקרב מול אויב חמוש ואכזרי נפלו — נשקם המצער בידם הנטויה ולבם הומה לגאולת עמם.

יזכור העם את לוחמי היערות, את חיילי המחתרת בארצות הכיבוש ואת בני ישראל בצבאות השחרור, אשר הלכו למלחמה בלהט נקמת אחיהם ואבותיהם השחוטים, הדפו ורדפו את אויב עמנו שוק על ירך — ונפלו באלפיהם בקרבות...

יזכור העם את חייליו שנפלו בחי״ל וביחידות העבריות, את שליחיו אל מעבר לקווי האויב, את טובי בני הארץ, שנתנו נפשם במלחמה למגור האויב...

✶

אנו זוכרים ביראת כבוד
את עוז רוחם של אחינו שמסרו נפשם על עמם בקדושה ובטהרה ;
את מסכת הגבורה של נצורי גיטאות ולוחמים שקמו והציתו את אש המרד להצלת כבוד עמם ;
את מאבקם הנשגב והמתמיד של המוני בית־ישראל על דמותם האנושית ותרבותם היהודית ;
את חסידי אומות העולם ששמו נפשם בכפם להצלת יהודים.



אלה אזכרה: יאָרצייט נאָך די קדושים פון לאָמאז — ו׳ באלול תשנ״ב (1992)

יזכור

א

אלטערמאן שלמה, שיינדל, שרה, סימע, ברײנדל, סלאווא.
אלטערמאן יצחק, שרה, טאָבע און די זין.

ב

בערמאן משה, גאָלדע און די קינדער.
בייטלמאן בערל, פייגע און די קינדער.
בערמאן נח, חנה, מאשע, שיינדל, משה, גיטל און איר מאן, הדסה.
בלומענקראנץ יצחק, שפרינצע, חיה־שרה, סימע, משה.
בערמאן הערשל, פייגע.
באטשקאָווסקי פריידל און די משפחה, דער זון משה.
בלושטיין רבקה, בתיה, משה.

בלושטיין אברהם־שמואל, תמה־לאה, מלכה, חיה, נעכע, און זייערע משפחות.
בלושטיין משה, מישקא און די קינדער.
בערמאן מרדכי, מאָטל, אהרן, אפרים, הערשל, יהושע, דאָבע און איר משפחה.
בערמאן רחל.
בערמאן יעקב, פרידא־צירל, ברוך.
בערמאן וועלוול, צביה, ברכה, אהרן, לייבל, שרה, יעקב, רבקה.
בערמאן נחמה, שרה־מרים, פריידל, יעקב און די קינדער.
בערמאן פסח, שיינדל, בריינע, חיים־ישראל, סילקע, מינע, אסתר, יחיאל און די קינדער.

ג

הרב גרינבערג יצחק־דב, דוד, פייגע, מינע, עטל, אסתר, און זייערע משפחות.
געלערנטער דוד, גאָלדע און די משפחה.
גרובמאן גאָלדע־רחל, שרה און איר משפחה.
גאָלדשער מאיר, זיין פרוי חיה־רחל און די משפחה.
גאָלדשער נעכע, שיינע, שמחה און נאָך א קינד.
גאָלדשער אברהם, שרה, אסתר.
גאָלדשער יואל, שרה, לייבל, שיינע.
גאָלדשער וועלוול, גאָלדע, לייבל, אייזיק, שיינע, און זייערע משפחות.
גאָלדשער וועווע, חנה, נעכע.
גרינשפאן יהושע, חנה, ירחמיאל, שרה, משה, מרדכי, גאָלדע און זייערע משפחות.
גווירצער פנחס, ביילע, חנה־שרה, יצחק, משה.
גאָלדוואסער משה, צביה, (פון דערהיים פיטערמאן), שמואל
גאָלדוואסער מרדכי, רבקה־שרה און קינדער.
גאָלדוואסער נחום, חנה און קינדער.
גאָלדוואסער רחל און משפחה.
גראָסבארד ברוך, הדסה, רחל, אלתר, שרה, חיה.
גאָלדשטיין אסתר.
גוטמאכער רחל, חנינה, מרים, יוסף, חנה.
גאָלדצווייג גרשון און זיין פרוי.
גזשיבמאכער יהושע, חיה, חנה, רבקה, גיטל.
גאָלדצווייג פתחיה, פריידל אסתר־גאָלדע, יוסף, העניע־שרה, משה, חיים, ישראל, רבקה, שיינדל, זלאטע, רבקה.
געלבארד שלמה, שרה־לאה און די טאָכטער.
געלבארד יעקב, שיינדל, חיים־נתן, אליהו, פערל, נעכע, פרומע.
גרובמאן משה, שיינע־פייגע, חיה, רבקה, יהודית און איר משפחה.
גוזשיצקי פייגע, חיה־גאָלדע, מאיר און די קינדער.
גרינשפאן, מרדכי, שפרינצע, מנוחה.
גלוזמאן יעקב, מירל, משה, מלכה.
גרובמאן שמואל־יוסף.

ה

האנדלמאן אליהו־משה, בובטשע, איר מאן יחיאל און נאָך א זון.
האנדלמאן בן־ציון, טעמע און די קינדער.
האנדלמאן ברוך, מלכה.
האָכבוים יצחק, וועלוול, פייגע, חיה, שרה.

ו

וויינשטיין יחיאל, זיין זון מנחם און זיין משפחה.
וויינשטיין יצחק, גיטל־גאָלדע, אסתר און איר משפחה.
וויינשטיין חנה־גאָלדע, טוביה, אפרים, הדסה.
וויינשטיין אהרן־וועלוול און זיין פרוי.
וויינגאָרטן דבושה, פייוול, חיה, לאה.
ווייסמאן בעריש, שרה, אסתר־מלכה, אבא, ראָזע.
וויינגאָרטן פייוול, ברכה, שמואל־לייב, אלתר־יצחק.
וונדערבוים פנחס, דבורה, רחל, שרה, לאה, דינה, שמואל.
וונדערבוים חנה־גאָלדע, טוביה, אפרים, הדסה.
וונדערבוים זעליג, דינה, אברהם־לייב, אהרן.

ז

זילבערשטיין אברהם, חנה און די זין.
זילבערשטיין הערשל, יצחק און זייערע משפחות.
זילבערשטיין מתתיהו, רבקה און איר משפחה.
זילבערשטיין שרה־רבקה און איר משפחה.
זילבערשטיין אברהם, חנה, בתיה.
זימעלמאן שרה־רבקה, לאה, גרשון, מענדל, חיה און איר משפחה.

ט

טענענבוים מנשה, רעיה און די זין.
טענענבוים איטשע־לייב.
טענענבוים יחזקאל, עלקא, מייקע, לאה, רבקה, ברוך־דוד און זיין משפחה.
טענענבוים אברהם, מינדל, משה, רויזע.
טוכמאן שלום, מנוחה, חיה־שרה און איר משפחה, מאשע, אסתר, ראָזע, מינע.
טוכמאן גרשון־יודל און די קינדער.
טייטלבוים פסח, פייגע, יצחק, חנה.
טריפמאן יעקב־משה, רחל, מאָטל, חנה, רבקה, ברוך־דוד און זיין משפחה.
טענענבוים רעסע, אברהם און די קינדער.
טענענבוים פייוול, רחל און איר משפחה.
טענענבוים שרה־ריווע און די קינדער.
טענענבוים רחל און די קינדער (רחל פון שטוב פיעטרושקא).
טשאפניק שרה־לאה.

י

יאבלאָנקא מיכאל, מלכה און די קינדער.

כ

כץ הערש, חיה־גיטל, איטא, רישע, מאָטל.
כץ משה, יהודית, שרה, פנחס, דאָבע און די קינדער.
כץ גרשון, רחל, גיטל, חנה.
כץ שלמה, נחמה, שרה, חיים־ישראל.
כץ אהרן־לייב, חנה, שיינע, הערש.

ל

לעדערמאן הערש, פייגע, שיינע־מעלא, אסתר, יוסף.
לעדערמאן חיים־שמואל, חיה און די קינדער.
לערנער נחמה, צירל (קינד) דוד און זיין משפחה.
לעקוזער שמואל, שרה און די טעכטער.
ליקאָווער גרשון, פייקע, אשר און זיין משפחה, פייגע, הינדע, מינדל און ייִנגל.
ליקאָווער בנימין, פרעדל, אסתר־הינדע, איטע און זייערע משפחות.
לייזערזאָן דוד, רבקה, חנה, חיים־ישראל, חיה און איר משפחה.
ליבער יצחק, חיה־רייזל, דינה, נעכע, פרעדל.
לידמאן נתן, ראָזע, חנה־געננדל, דוד, צביה און די קינדער.
ליכטאזש הערש־יוסף, אסתר־חנה, מלכה, נעמי, חיה־שרה, יהודה און די קינדער.
לערמאן יאָסל, שרה, פינקל און איר משפחה.
לערנער אליהו, מינטשע.

מ

מינקאָוויטש הערש־מענדל, מירל־אסתר, מלכה.
מעלניצקי בערל, זיין פרוי, הערש, גאָלדע, דוד און זיין משפחה.
מאנדעל ישראל, בלומע, מעלא, פסח, שרה, חיה.
מאנדעל זאוול, שיינע־שרה, בעלא, רפאל, יהושע, רבקה.
מאנדעל משה־מאיר, חוה, פייגע און די זין.
מאנדעל ירוחם, פייגע, רחל, רייכל.
מאנדעל אהרן, רייזל, פייגע, אסתר, שרה.
מאָרגענשטערן בייניש, שפרינצע, אסתר און איר משפחה.
מאָרגענשטערן שמערל, לאה, אסתר, הדסה, מעלא און זייערע משפחות.
מוראוויעץ מרדכי, פריידע־צירל, יאָסל, רחל, פייגע, גיטל.
מוראוויעץ משה־יוסף.

נ

ניסנבוים חיים־ברוך, העניע, רחל, משה, חיה־לאה, יעקב.
